STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04664

LIBSHAFT UN SHTROF

Michal Mirski

Permanent preservation of this book was made possible
by Bonita Ganot
in honor of
Paula Gorodetzer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל מירסקי

ליבשאַפט און שטראָף

דראַמען

מיכאל מירסקי

ליבשאַפט און שטראָף

דראַמען

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ז — 1986

MICHAL MIRSKI

LIBSHAFT UN SHTROF

Dramas

מיכאל מירסקי

אהבה ועונש

מחזות

פאַר אַלע פּרוּוון פון ווען אויסנוצן די דראַמען
אָדער פראַגמענטן פון זיי — אַ דאַנק פאַרויס,
אָבער — מיט דער הסכמה פון מחבר.

©

Michal Mirski
Blegdamsv. 74 L. 313
2100 KØBENHAVN Ø
DANMARK

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל,
תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4.

ISRAEL BOOK Publishing-House
4, Itamar Ben-Avi str., Tel-Aviv

Printed in Isreal, 1986 נדפס בישראל,

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טל. 372062

דער חשבון

דראַמע אין 11 בילדער

עס נעמען אָנטייל:

דניאל מאַרשאַק

עטל — זײַן ווײַב

שמעון — זײַן פאָטער

בראָנקע — זײַן טאָכטער, סטודענטין

פאַלעק צוויק — זײַן שוועסטערן־זון, סטודענט

אסתּר גאָנטשאַר — סטודענטין

סילוועסטער דאָבראָטשינסקי — סטודענט

שרהטשע — דינסט

גבריאל
חיים
שפרה — פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „הצופה"

מיעטעק
אירקע
קאַפּלאַן
מיכאל — פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „די גוואַרדיע"

פאַניע
אַלעקסאַנדער — פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „יידישע סאָציאַליסטן"

יעקב — פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „לארץ"

אַנטרינענער

שליאַמעק — אַ ייִנגעלע פון אַכט יאָר

מאַטעס שאַפּירע
מאָריצי קאָן — אינזשיניער
סענדער קאַלישער — מיטאַרבעטער פון „יודענראַט"

משה שטריקנצ'ער — לייטער פון רימער־וואַרשטאַט

יאָשע ביק — 1־טער יידישער פּאַליציאַנט

2־טער יידישער פּאַליציאַנט

בלאָנדער בחור

שוואַרץ מיידל

יידן, וואָס גייען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ

קעמפער

דאָס ערשטע בילד

פּראָלאָג

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ גרויסער שטאָט אין פּוילן. זומער־צײַט. די סצענע: אַ פּאָיע אין אַ טאַנץ־זאַל, וואָס געפינט זיך אין הינטער־גרונט. פון זאַל הערט זיך מוזיק פון אַ וואַלס. פון די אָפענע טירן פון זאַל רײַסט זיך אַרײַן ליכט. מע זעט דורך זיי טאַנצנדיקע פּאָרלעך. אין פּאָיע געפינט זיך אַ גרופּע יידישע סטודענטן, צווישן זיי: בראָנקע, גבריאל, סאַלעק, מיעטעק און חיים.

גבריאל: (קוקט אויפן זייגער). דער גאַנצער עולם איז שוין פאַראַן, עס איז פינף מינוט פאַר זיבן און דער הער דניאל מאַרשאַק איז נאָך אַלץ נישטאָ. וואָס וועלן מיר טאָן, אויב ער וועט נישט קומען, ווער וועט באַגריסן אין נאָמען פון דער קהילה?

בראָנקע: ער האָט דיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען?

גבריאל: צוגעזאָגט.

בראָנקע: טאָ זײַ אויסגעזאָרגט. מײַן פאָטער וועט דיר נישט פאַרשטערן דעם חנוכת־הבית. דניאל מאַרשאַק איז זייער אַ פּינקטלעכער מענטש. אַפילו מיט איין מינוט פריער, אָבער פאַר זיבן וועט ער קומען... נאָ... זע... וואָס האָב איך אײַך געזאָגט... אָט איז ער שוין דאָ... (לויפט אַנטקעגן מאַרשאַקן, וואָס קומט אַרײַן מיט אַ זיכערן טראָט. ער קושט זי).

דניאל: אַ גוט ב׳אָוונט אײַך חברה יונגוואַרג!

שטימען: גוט ב׳אָוונט, גוט ב׳אָוונט, הער ראַטמאַן (חברה רינגלט אים אַרום).

בראָנקע: חברה האָט געמיינט, אַז דו וועסט נישט קומען.

דניאל: וואָס הייסט נישט קומען?.. אַ וואָרט איז אַ וואָרט... ס׳איז אַ היץ אין דרויסן... איך געדענק שוין נישט לאַנג אַזאַ זומער־אָוונט... נו, חברה, האָט איר שוין אַן אייגענע סטודענטן־היים אויך. וואָס־זשע פעלט אײַך נאָך? איצט וועט איר האָבן אַן אָרט, ווו איר וועט ערשט קאָנען זיך רעכט רײַסן בײַ די נעז...

מיעטעק: און אפשר גאָר זיך דערנענטערן, בעסער דערקענען?...

דניאל: האָ, אַנטשולדיקט, כ׳האָב אַנגערירט אַ נעווראַלגיש אָרט. ס׳איז די צײַט פון פאָלקס־פראָנט... יאָ. וואָס־זשע האָב איך אײַך צו זאָגן לכבוד

אײַער שמחה? איך בין אַזוי פאַרנומען, אַז איך האָב נישט באַוויזן וועגן דעם אַ טראַכט צו טאָן. צווישן אײַך דאַרף מען זײַן אַ גריבענער פּאָליטיקער... און מײַן קאָמיסיע, ווו איך זיץ, פאַרנעמט זיך גאָר מיט סאָציאַלער שוץ. און זי האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט פּאָליטיק.

חיים: אָבער נעכטן האָבן די נאַראַ־פאַשיסטן ווידער צעשלאָגן צוויי ייִדישע סטודענטן. כ׳מיין, אַז אַלס פאָרשטייער פון דער קהילה וואָלט איר געמעגט זאָגן אַ פּאָר שאַרפע ווערטער קעגן דעם...

דניאל: נו, אַוודאי, וועגן דעם קאָן קיין ספק נישט זײַן.

מיעטעק: מע דאַרף זען, פון וואַנעט דער נאַראַ־גיפט שטאַמט. ער קומט דאָך פון בערלין, פון היטלערן. היטלער פאָכעט מיט דער שווערד, ער דראָעט מיט מלחמה דער גאַנצער וועלט.

דניאל: דאָס זענען שוין סתם רייד. היטלער וועט מיט פּוילן קיין מלחמה נישט פירן. נו, ווי איך זע, נאַרט איר מיך אין זאַק אַרײַן, ציט מיך אַן אויף אַ פּאָליטישן שמועס. צווישן אײַך דאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט. טאָמער גיסטו נאָך איין צד, ביסטו אַ פאַרשפּילטער, וועט דער צווייטער דיך שוין נישט אָפּלאָזן. אוי, חברה, ווען וועט איר זיך שוין אײַנסטאַטקעווען און אויפהערן צו פּאָליטיקירן...

בראָנקע: און דו, טאַטע, פּאָליטיקירסט נישט?

דניאל: איך? ניין! איך פיר נישט קיין פּאָליטיק.

אירקע: נו, און דאָס אָפּזאָגן זיבן אָנגעשטעלטע פון דער גמינע איז נישט געווען קיין פּאָליטיק?

דניאל: דאָס איז נישט געשען אין מײַן רעסאָרט.

סאָלעק: וואָס־זשע ווילסטו, אַז פּאַר שטרײַקן אין דער קהילה זאָל מען נאָך אפשר געבן פּרעמיעס?

דניאל: אמת, אין דער קהילה דאַרף מען נישט שטרײַקן. עס פּאַסט נישט.

מיעטעק: און לאָזן אויסהונגערן אָנגעשטעלטע מיט ווײַב און קינדער פּאַסט?

חיים: אַרויסוואַרפן — נישט. אָבער שטרײַקן אין דער גמינע איז אויך נישט קיין ייִדישע מידה.

אירקע: וואָס־זשע איז יאָ אַ ייִדישע מידה? הכנעה? אָנגעשטעלטע אין דער גמינע האָבן פּונקט אַזאַ רעכט אויף שטרײַקן ווי אַנדערע.

חיים: אומעטום זוכסטו קאַמף. מ׳שטייענס געזאָגט, אין דער ייִדישער עקאָנאָמיק קאַמף...

סאַלעק: הערט שוין אויף מיט אײַער פילאָזאָפיע. איך מיין, אַז איר דאַרפט אונז זאָגן, וואָס פאַרא בודזשעט וועט האָבן די סטודענטן־היים. ווי גרויס וועט זײַן די סובסידיע פון דער גמינע, ווער וועט קאָנען געניסן פון דער סטודענטן־קיך. אָט די פראַגן אינטערעסירן דאָס רוב סטודענטן. אַלץ דאָס איבעריקע — זענען פוסטע רייד.

דניאל: אַ געזונט אין זיינע אברים, מיין שוועסטערן־זון. דאָס הייסט אַ פּראַקטישער קאָפּ. אָט בײַ וועמען מען דאַרף זיך גיין לערנען שכל. נו, גענוג פילאָזאָפירט. קומט. לאָמיר אָנהייבן דעם חנוכת הבית.

(אַרומגערינגלט פון דער יוגנט גייט דניאל מאַרשאַק אין זאַל אַרײַן. אין פּאָיע ווערט האַלב־טונקל. אַ געוויסע צײַט איז די סצענע ליידיק. פון אַ זײַטיקער טיר לויפט אַרײַן סילוועסטער דאָבראָטשינסקי, קוקט אויפן זייגער. זוכט עמעצן. דורך איינער פון די זאַל־טירן דרייט זיך אַרײַן טאַנצנדיק אַליין צום טאַקט פון וואַלס בראָנקע. סילוועסטער באַמערקט זי. לויפט צו צו איר, פירט זי אָפּ אין אַ ווינקל).

סילוועסטער: אין בערלין האָבן די נאַציס צעשלאָגן דעם באַרימטן פּראָפעסאָר זעבעלגלאַנץ און אים אַרויסגעוואָרפן פון בנין פון אוניווערסיטעט. דרײַהונדערט און פופציק ייִדישע פאַמיליעס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקפורט אַם־מיין און צוגעשטעלט געוואָרן צו דער פראַנצויזישער גרענעץ. מאָרגן פינף אַזייגער קומט פאָר אויפן הויף פון אוניווערסיטעט אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן ראַסיזם. זע, אַז עס זאָלן זײַן וואָס מער שומרים און אומפּאַרטייאישע סטודענטן (קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום) איך האָב דיר געבראַכט דײַן פּאָרציע בלאַטשקעס. (נעמט אַרויס פון הינטערשטער הויזן־קעשענע אַ פּעקעלע און דערלאַנגט בראָנקען).

בראָנקע: ביסט אַ פליִענדיקער האָלענדער. האָסט שוין נישט געפונען קיין בעסער אָרט, ווו מיר צו געבן די בלאַטשקעס? ווו וועל איך זיי דאַ אַהינטון? (לייגט טייל אין דאַמען־טאַש און טעלעכע דיסקרעט אין בוזים).

סילוועסטער: פאַרקערט, דאָ איז דאָס בעסטע אָרט. דו קענסט זיי תיכף צעטיילן דײַנע יאַטן. זיי ווידער קאָנען זיי אָפּשטאָטן זייערע שטענדיקע אָפּנעמער.

בראָנקע: מיינסט, אַז אויפן זאַל איז אינגאַנצן ריין. אויך דאָ פעלן נישט קיין קאָנפידענטן. זיי קריכן נאָך די שומרים, וואָס חברן זיך מיט

אונזערע יאָטן. אויך פּאָליציי קאָן אַרײַנפאַלן. אַלנפאַלס דו קאָנסט דאָ נישט בלײַבן קיין רגע לענגער. צי פון דאַנען. ווער קען נישט סילוועקן (סילוועסטער רירט זיך נישט פון אָרט.) וואָס־זשע שטייסטו ווי אַ געליימטער? ווי איך זע, ביסטו, סילוועק, געקומען נישט בלויז צוליב די בלאָטשקעס. אסתרן ווילסטו האָבן, האָ? (לאַכט הילכיק, זאַרגלאָז) קוק אים נאָר אָן. סילוועסטער דאָבראַטשינסקי, וואָס טרייסלט מיטן גאַנצן אוניווערסיטעט, שטייט ווי אַ לעמעלע. זאָל איך רופן אסתרקען צי נישט? זאָג?

(סילוועסטער פון גרויס פרייד טוט אַ כאַפּ בראָנקען און הייבט אָן מיט איר צו טאַנצן אונטערן טאַקט פון שפּילנדיקן וואַלס. דורך איינער פון די זאַל־טירן לויפט אָן סאַלעק צוויק. ווען בראָנקע באַמערקט סאַלעקן, לאָזט זי שטיין סילוועסטערן און לויפט אַרײַן אין זאַל. סאַלעק לויפט איר נאָך. סילוועסטער גייט אַרײַן אין שאָטן פון דער סצענע. עס באַווײַזן זיך אויף דער סצענע, געפירט אונטער די הענט סאַלעק, בראָנקע און אסתר. סילוועסטער כאַפּט אַרום אסתרן, קושן זיך. ער פאַרשווינדט מיט איר פון דער סצענע אין אַ זײַטיקער טיר)

סאַלעק: וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

בראָנקע: וועגן וואָס רעדסטו?

סאַלעק: וואָס טוט ער דאָ?

בראָנקע: האָסט דאָך געזען.

סאַלעק: ער האָט דאָך מיט דיר געטאַנצט?

בראָנקע: איז וואָס, אַז ער האָט מיט מיר געטאַנצט? ער טאָר מיט מיר נישט טאַנצן?

סאַלעק: איך וויל נישט דו זאָלסט מיט אים טאַנצן.

בראָנקע: און אַז דו ווילסט נישט, דאַרף איך אויך נישט וועלן?

סאַלעק: האָסט מיך אָפּגענאַרט. געלאָזט שטיין אין מיטן וואַלס, געזאָגט, אַז דו גייסט אין טואַלעט און געלאָפן ביסטו גאָר אויף אַ ראַנדקע מיט דאָבראַטשינסקין.

בראָנקע: וואָס־זשע, איך טאָר נישט האָבן קיין ראַנדעווו?

סאַלעק: הער אויף שפּאַסן, ווען איך רעד ערנסט.

בראָנקע: וואָס האָסטו צו סילוועסטערן?

סאַלעק: איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך נישט באַגעגענען מיט אים.

בראָנקע: דאָס קאָנסטו מיר נישט פאַרווערן.

סאַלעק: וואָס־זשע בין איך פאַר דיר?

בראָנקע: דו ביסט מײַן קוזין און מײַן יינגל...

סאַלעק: און ער?

בראַנקע: ער... ער... ער איז מײַן חבר. ווי גוט וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט אויך געווען זײַן חבר...

סאַלעק: איך וויל נישט זײַן ער. איך וויל זײַן איך. איך האָב מיר מײַן אופן דענקען, מײַן ייִדיש דענקען. און ער האָט זיך זײַן אופן דענקען, זײַן גויאיש דענקען.

בראַנקע: ביסט טאַקע אַ סטודענט. אָבער ווי אָפּגעשטאַנען דו ביסט אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן. איך וויל איצט נישט פירן מיט דיר קיין דיסקוסיעס.

סאַלעק: טאָ זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיט אים מער זיך נישט טרעפן. איך וויל נישט און שוין! פאַרשטייסט!

בראַנקע: דו וועסט מיר נישט דיקטירן, וואָס איך דאַרף טאָן און מיט וועמען זיך צו טרעפן. איך וויל מער נישט הערן פון דיר אַזעלכע רייד. איך טו געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, און דו האָסט אין זינען נאַרישקייטן. ביסט אײַפערזיכטיק.

סאַלעק: (געפּאַלן בײַ זיך) פאַרוואָס קריגן מיר זיך שטענדיק? זײַ גוט צו מיר. איך האָב דאָך דיך ליב, בראַנקע. (בראַנקע מאַכט אַ זשעסט, אַז זי איז גרייט זיך איבערבעטן. עס דערהערט זיך אַן אַנוואַקסנדיקער טומל פון טאַנץ־זאַל. דורך דער טיר שיט זיך אַרײַן אַ כאַפּטע ייִנגוואַרג, אַרומגענומען, פריילעך, זאַרגלאָז)

בלאָנדער בחור: זעט ווי דאָס פּאָרל זוכט פינצטערע ווינקעלעך.

שוואַרץ מיידל: סאַלעק קאָן דאָך קיין צוויי נישט ציילן.

בלאָנדער בחור: מע דאַרף אים געבן אַ סמאָטשעק צו זייגן (גרויס געלעכטער).

שוואַרץ מיידל: וואָס טשעפּעט איר זיך צו מײַן געלן בחור, מײַן סאַלעקן? (גיט אים אַ רײַס אַרויס פון דער געאָרעמטקייט מיט בראַנקען און הייבט אָן צו טאַנצן מיט אים)

בראַנקע: חברה, קומט נאָר אַהער (פירט זיי אָפּ אָן אַ זײַט) מאָרגן, פינף אַזייגער זאַמלען מיר זיך אַלע אויפן הויף פון אוניווערסיטעט. און איצט זאָל זײַן געטאַנצט. (כאַפּט די ערשטע אַ בחור און לאָזט זיך מיט אים טאַנצן. די חברה צעטיילט זיך אין פּאָרלעך און טאַנצנדיק פאַרשווינדן זיי אין זאַל).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס צווייטע בילד

צייט: דייטש־היטלערישע אָקופּאַציע אין פּוילן. אין דער וווינונג פון דניאל מאַרשאַק. פאַרמלחמהדיקע בירגערלעכע מעבלירונג. עס איז מיטאָג־צייט. ביים טיש זיצן: דניאל, שמעון, עטל, בראָנקע און סאַלעק. שרהטשע דערלאַנגט צום טיש.

שמעון: צו וואָס, דניאל, האָט דיר געטויגט דאָס גאַנצע עסק? ביסט געווען אַ דאָזאָר פון דער קהילה, האָסטו געדאַרפט ווייטער פאַרבלייבן דאָזאָר. וואָס האָסטו זיך געכאַפּט צו ווערן פּרעזעס?

דניאל: כ'האָב דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, טאַטע, און דו חזרסט איבער דיינס. מע האָט מיר געגעבן אויסצוקלייבן: דאָזאָר אָדער פּרעזעס? מע האָט מיך אַרויסגערופן צום גאַולייטער און שטרענג געמאָלדן — פון היינט אָן ביסטו פּרעזעס פון דער קהילה און שוין.

שמעון: און ווען דו זאָגסט, אַז דו ווילסט נישט זיין פּרעזעס, וואָס וואָלטן זיי דיר געטון?

עטל: וואָס־זשע, שווער לעבן, דניאלן פּאַסט נישט צו זיין פּרעזעס? ווייסט כאָטש די שטאָט, אַז זי האָט אַן אָרנטלעכן ראָש־הקהל, וואָס קאָן זיך פאַר איר משתדל זיין.

שמעון: וואָס דניאל קאָן שוין, מ'שטייענס געזאָגט, אויפטון פאַר קהל ביי די יעקעס. איך געדענק זיי נאָך גוט פון יענער מלחמה. זיי האָבן דעמלט געבראַכט אַ הונגער, און זיי וועלן אויך איצט ברענגען אַ הונגער אויף דער וועלט. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך ווערן מיטן ביסל ייִדן...

סאַלעק: היינט פרי זענען ווידער אָנגעקומען זיבן הונדערט נפשות פון קאַטשעדוואָר.

דניאל: און שאַפּירע האָט וועגן זיי געמאָלדן, ווייסט נישט?

סאַלעק: געמאָלדן האָט ער, צי האָט ער אָבער פאַר זיי באַקומען פּראָדוקטן, ווייס איך נישט.

שמעון: שפּייז וועט ער באַקומען, פּרעהס מכות וועט ער באַקומען, דיין שאַפּירע, נישט קיין שפּייז. און פאַר די ייִדן, וואָס זענען געקומען פון פאַרטשעוו, האָסטו דען עפּעס באַקומען? עסערס ווערט קיין עין־הרע אין שטאָט אַלץ מער, מע טרייבט די ייִדן פון די קליינע שטעטלעך און דער לאָבן ברויט איז דער זעלבער. וואָס זשע וועט זיין דער תכלית? ווי זשע, דניאל, וועסטו זיך אַן עצה געבן מיט אַ שטאָט ייִדן?

דניאל: ביסט מיר, טאַטע, געוואָרן אַ גאַנצער קענער אין עקאָנאָמיע. פון וועלכער גמרא האָסטו דאָס אַרויסגעלערנט? ווייסט וואָס, טאַטע, ווער דו ראָש־הקהל און פיר דו בעסער דיווירטשאַפט פון דער קהילה.

שמעון: דניאל, דניאל, פאַרוואָס זאָלסטו חוזקן פון דײַן אַלטן טאַטן. דו פאַרשטייסט דאָך זייער גוט, וואָס איך מײַן. און מאַך נישט אַוועק מיט דער האַנט אויף די גמרא. מעגסט זיך בײַ איר גיין לערנען חכמה. דו דאַרפסט קומען און זאָגן, אַז עס איז נישט פאַר דײַנע יאָרן און פאַר דײַנע כּוחות.

עטל: און איבערלאָזן אַ שטאָט אויף הפקר? האַ? און אפשר איבערגעבן די שטאָט סענדער קאַלישער אָדער יאַנקעלע קאַגאַן, זיי זאָלן אַלע באַגנבענען? דאָס וועט שוין זײַן לויט אײַך יושרדיק, שווער־לעבן? איר ווילט דערפירן דערצו, אַז מיר זאָלן נאָך דאַרפן חלילה בײַ זיי בעטן אַ באָנע? האַ? שיין וואָלטן מיר דאָן אויסגעזען. אײַך איז גוט צו רעדן. וואָס דאַרפט איר, אַ ייִד קיין עין־הרע אויף דער עלטער. אָבער די קינדער, זיי שטייט נאָך פאַר אַ לעבן! פאַר זיי דאַרף מען טראַכטן. דניאל זאָל בידים אַליין זיך אָפּזאָגן צו זײַן ראָש־הקהל. צי ווייסט איר וואָס איר רעדט, שווער־לעבן?

סאַלעק: פאַר די, וואָס אַרבעטן, וועט מען שטענדיק באַקומען צוגעטיילט באָנעס. די דײַטשן זענען פּראַקטישע מענטשן. פון וועמען זיי האָבן נוצן, יענעם געבן זיי. און אַ גאַנצע וועלט קאָן מען נישט פאַרזאָרגן. פאַר דער שטאָט איז טאָקע לײַכטער געוואָרן נאָכן איבערשיקן דעם טראַנספּאָרט ייִדן קיין טרושעוויץ. און זאָל דער זיידע נישט רעדן אַזוי שיין. ווען איר זאָלט נישט זײַן דניאל מאַרשאַקס פאָטער, וואָלט איר זיך אַליין געדאַרפט שטעלן אין אָגאָנעק נאָך אַ באָנע.

שמעון: שקאָץ איינער, אַזוי רעדט מען צו אַ זיידן? דערווײַל, ברוך השם, בין איך נאָך נישט בײַ דיר אויף קעסט!

סאַלעק: דער זיידע ווייסט נישט וואָס ער רעדט.

דניאל: סאַלעק, לאָז דעם זיידן צו רו.

עטל: איז אפשר סאַלעק נישט גערעכט? דער שווער וויל ברענגען אן אומגליק אויף אונז. אַן אַלטער ייִד און האָט אַזעלכע ווילדע אײַנפאַלן.

שמעון: איר הערט, איך האָב גאָר ווילדע אײַנפאַלן. וואָס בײַ מיר האָט זיך פאַרוואַלגערט, האָט נאָך אַן אַנדערער אין זײַן לעבן נישט

געזען. אָבער אַז מײַן טאָכטער מלכה האָט אַ פּײַנעם בנאָק אויפגעצויגן, דאָס זעען אַלע. קיין שום דרך ארץ האָט עס נישט. נאָר גיי זוך פּײַנקייט בײַ די צוויקעס.

סאַלעק: (שפּרינגט אויף פון אָרט) מײַן טאַטע, הערש צוויק, איז נאָך געווען פּונקט אַזאַ פּײַנער ייִד... ווי שמעון מאַרשאַק.

בראָנקע: ווי שעמסטו זיך נישט, סאַלעק! געפונען אַ צײַט ווען זיך אויסצופּײַנען מיט דײַן יחוס. (עס ווערט שטיל אויף עטלעכע צענדליק סעקונדן, סאַלעק זעצט זיך אַביסל געפאַלן בײַ זיך). טאַטע, האָסט געהערט, וואָס מענטשן רעדן אין שטאָט?

דניאל: וואָס שוין ווידער?

בראָנקע: מע זאָגט, אַז די ייִדן, וועלכע זענען אוועק מיטן טראַנספּאָרט קיין טרושעוויץ, זענען גאָר נישט פאַראַן אין טרושעוויץ.

דניאל: ווו דען זענען זיי?

בראָנקע: מע דערציילט משונהדיקע זאַכן.

דניאל: וואָס דערציילט מען?

עטל: זע נאָר, ווי עס לאָזט נישט רויִק אָפּעסן דעם מיטאָג. פריִער דער שווער, איצט די טאָכטער. אַלע בבא־מעשיות איז דער טאַטע מחויב אויסצוהערן.

בראָנקע: הלוואי וואָלטן דאָס געווען בבא־מעשיות.

דניאל: וואָס זשע רעדט מען אין שטאָט?

בראָנקע: איך האָב מורא דאָס אָפּילו איבערדערציילן. מע זאָגט, אַז דו האָסט וועגן דעם געוווּסט פריִער.

דניאל: (הייבט זיך אויף פון אָרט) וואָס האָב איך געוווּסט?

בראָנקע: (שטעלט זיך אויך אויף) אין שטאָט דערציילט מען, אַז מען האָט די ייִדן געהייסן אויסגראָבן גריבער, און שפּעטער האָבן עס־עס־לײַט זיי אַלע ווי איינעם אויסגעשאָסן.

דניאל: דײַנע חברימלעך האָבן שוין ווידער צעלאָזן די צינגער. אַלע מיטלען זענען בײַ זיי כשר, אַבי אָרונטערצורײַסן די קהילה. איך וויל מער נישט הערן קיין אויסגעטראַכטע מעשיות.

בראָנקע: און טאָמער איז דאָס נישט אויסגעטראַכט?

דניאל: ס'איז רכילות, נאָך אַ מין רכילות!

שמעון: און אפשר איז עס חלילה אמת, דניאל?

דניאל דו אויך? דו אויך? זע נאָר דעם יד־אחת צווישן ייִדן מיטן אייניקל. אפשר ווועסטו שוין גאָר צושטיין צו איר חברה?

שמעון: מע דאַרף הערן וואָס אַ שטאָט רעדט. אַז מע קלינגט אין קלויסטער, איז חגא. אויף די דײַטשונעס איז אַלץ צו גלייבן. איך געדענק זיי נאָך גוט פון ווילהעלמס צײַטן, ימח שמו וזכרו.

דניאל: ווילהעלם, שמילהעלם, בבא־מעשיות. ערשט נעכטן האָב איך אַליין מיט די אייגענע אויגן געלייענט אַ בריוו פון טרושעוויץ. די אַרבעט איז טאַקע שווער, שרײַבן זיי, נאָר דערויף האָב איך נישט קיין עצה. ס'איז מלחמה. דאָס, וואָס דײַנע חברימלעך דערציילן, איז מער נישט ווי העצע.

סאַלעק: דאָס איז זייער גאַנצע קענטעניש. העצן קעגן דער קהילה, קעגן דער דײַטשער מאַכט.

עטל: זיי ברענגען נאָר אומגליקן אויף ייִדן, די רשעים. צוליב זיי וועלן די דײַטשן אויפהערן צו ליפערן שפּײַז פאַרן געטאָ, און ייִדן וועלן חלילה שטאַרבן פון הונגער.

בראָנקע: טאַטע, די ידיעות זענען פון באַגלייבטע קוועלן. די ייִדן זענען אויסגעשאָסן געוואָרן.

דניאל: ס'קאָן נישט זײַן. מע זאָל הייסן ייִדן אויסקויפן באַן־בילעטן, פאַרגרייטן זיך מיט וועש אויף ווינטער, מיטנעמען אַרבעטס־געצײַג... עס לייגט זיך נישט אויפן שכל...

שמעון: און אַז המן־הרשע האָט געוואָלט אומברענגען אַלע ייִדן, לייגט זיך אויפן שכל? זוך נישט קיין שכל בײַ די צוררי־היהודים. גאָט האָט שוין פון לאַנג צוגענומען בײַ זיי דעם שכל.

דניאל: דו לעבסט, טאַטע, מיט דער וועלט פון אַמאָל. מיט דיר איז בכלל שווער צו רעדן. (פּלוצים וואַקסט אַן אַ טומל פון דרויסן, אַלע ווערן אַנגעשפּאַנט).

עטל: לויף נאָר, בראָנקע, מאַך זיי דאָרט שטיל. שוין ווידער מסתמא דאָרט אַ קריגערײַ צווישן מײַן מויד און גענענדל דער פּיסקאַטער. (בראָנקע פאַרלאָזט דאָס צימער. אין עטלעכע רגעס אַרום לויפט אַרײַן שרהטשע).

שרהטשע: כ'האָב שוין נישט קיין כּוח צון אים. אַט אַ ייִד אַן אָנשיקעניש. איך טענה צון אים: „מע טאָר נישט, דער פּרעזעס עסט

וואַרמעס", ווײַל ער נישט הערן, רק ער דאַרף צום פּרעזעס. ער האָט צון אים אַ ספּראַווע. וואָס זשע זאָל עך אים זאָגן?

עטל: שוין ווידער אַמאָל מסתמא אַ שלעפּער געקומען אויסנאַרן בײַ דיר אַ באַנע. אַז דו ביסט דער גוטער, קומט מען אַפילו צו דיר אין שטוב אַרײַן. (צו שרהטשען): זאָג אים, אַז דער פּרעזעס נעמט נישט אויף אין דער היים. זאָל ער גיין אין דער גמינע. עס פעלט נישט, ווער עס זאָל אים דאָרטן אויפנעמען. נישקשה, זיי אַרבעטן זיך דאָרטן נישט איבער. נאָר דניאלן לאָזט מען אַפילו אין דער היים נישט רעכט אָפּצורוען.

דניאל: (צו שרהטשען) גיי זאָג אים, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום וועל איך זײַן אין דער קהילה. זאָל ער וואַרטן דאָרטן אויף מיר.

(שרהטשע גייט אַרויס, עס קומט אַרײַן בראָנקע).

בראָנקע: דער ייִד וויל נישט אָפּטרעטן. ער זאָגט, אַז עס איז אַ וויכטיקער ענין, אַ סוד. נעם אים אויף, טאַטע.

דניאל: טאָ פיר אים אַרײַן... (בראָנקע גייט אַרויס. עס שלעפּט זיך אַרײַן אַ נידעריק דאַר ייִדל מיט אַ בלאַס, אַסקעטיש פּנים, שוואַרץ בערדל, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, נאָך אים בראָנקע).

אַנטרינענער: (קוקט זיך אַרום מיט פאַרשטאַרטע אויגן, לאָזט זיי הענגען אויף דניאלן). איך קום פון טרושעוויץ... (זײַנע קני בייגן זיך אײַן צום פאַלן. בראָנקע העלפט אים זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול).

דניאל: שרהטשע, שרהטשע, (שרהטשע באַווײַזט זיך אויף דער שוועל). ברענג אַרײַן אַ גלאָז טיי, אָבער תּיכף. (עס ווערט שטיל, אַלע קוקן אויפן אַנטרינענעם, שרהטשע ברענגט אַרײַן אַ גלאָז טיי. דער ייִד גיט עטלעכע זופּן, באַרויִקט זיך אַביסל).

אַנטרינענער: זענען מיר אָפּגעליגן אין טרושעוויצער שיל דעם האַלבן טאָג און די גאַנצע נאַכט. אַן ענגשאַפט אין לשער. אין דער פרי איז געקומען אַ טרושעוויצער ייִד און גענומען עטלעכע פון אונז, מיך אויך, און אַוועקגעפירט אין דער קהילה. בײַם טיש איז געזעסן אַ דײַטש. מען האָט אונז געגעבן קאַרטלעך און געהייסן שרײַבן אַהיים, אַז מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין טרושעוויץ, באַקומען אָפּצועסן און גייען מאָרגן צו דער אַרבעט. ווען איך האָב אַ זאָג געטון צום ייִדן: „כ'האָב דאָך פון נעכטן קיין שלינג וואַסער נישט געהאַט אין מײַן מויל" האָט דער ייִד מיטן קאָפּ אַ ווינק געטון אויפן דײַטש און געזאָגט: „דער אדון הייסט

אַזוי שרײַבן". אויך דער דײַטש האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן, אַ גזלן פֿון וואַלד אַרויס. האָב איך געשריבן, וואָס מען האָט מיר געהייסן. נאָכדעם האָט מען אונז צוריק אָפּגעפֿירט אין שיל אַרײַן. פֿאַרנאַכט־צו זענען אָנגעקומען דײַטשן מיט ביקסן, מיט הינט, מיט געשרייען און ליאַרמען אונז אַלע אַרויסגעטריבן פֿון שיל און הענדעם־פֿענדעם געיאָגט איבער דער שטאָט. די הינט האָבן זיך געריסן און מוראדיק געבילט. ווער עס איז געבליבן הינטערשטעליק האָט באַקומען קלעפּ מכּות־רצח. הינטער דער שטאָט האָט מען אונז געגעבן לאָפּעטעס און געהייסן גראָבן. שפּעטער... שפּעטער האָט מען אונז געהייסן זיך אויסטון נאַקעט... אַ שיסערײַ און געוואָלדן האָבן מיך פֿאַרטויבט... עמיצער האָט מיך אַ שטאַרקן שטויס געטון (וויינט)... ווײַטער געדענק איך נישט. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָב איך דערפֿילט איבער זיך אַ משא. אַרום איז געווען שטיל. איך האָב אַראָפּגע־געוואָרפֿן פֿון זיך אַ שווערן קערפּער און אַרויסגעקראָכן פֿון גרוב. עס איז געווען שטאַרק פֿינצטער. איך האָב אָנגעהויבן קריכן אויף אַלע פֿיר און מיטן קאָפּ זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בוים. מער האָב איך קיין כּוח נישט געהאַט, געבליבן ליגן אַ מידער, ווײַזט אויס אײַנגעשלאָפֿן. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איבער מיר איז געשטאַנען אַן אַלטע קריסטין, אַ פּויערטע און עטלעכע קינדער. זי האָט מיר געגעבן אַ מאַנטל... אין אָוונט האָט זי מיר געוויזן דעם וועג אין שטעטל אַרײַן...

שמעון: ווײ איז צו אונז, וואָס מיר הערן. צי האָט איר כאָטש, רב ייִד, גומל געבענטשט, וואָס גאָט האָט אײַך דאָס לעבן געשענקט, כּדי איר זאָלט דער וועלט דעם אמת דערציילן?

בראָנקע: טאַטע, וואָס זאָגסטו דערצו?

סאַלעק: זענען אַלע ייִדן, הייסט עס, אויסגעשאָסן געוואָרן, נאָר איר אייגער זענט לעבן געבליבן, איר אייגער? (דער ייִד קוקט אויף סאַלעקן, ווי ער וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו אים).

שמעון: (קוקט שטרענג אויף סאַלעקן) אייגער איז אַנטרינען געוואָרן, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן

בראָנקע: טאַטע! טאַטע... וואָס שווײַגסטו? וואָס שווײַגסטו?

דניאל: (קוקט אויף סאַלעקן, אויף בראָנקען, זיצט אַן אָפּהענטיקער אין

פּאָטעל. אַלע שווייַגן, קוקן אויף אים. וואַרטן נייַגעריק אויף זייַנס אַ וואָרט. הייבט זיך אויף) עטל, הייס שרהטשען דערלאַנגען דעם יידן עפּעס אָפּצועסן...

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס דריטע בילד

ס'איז אָוונט. אין דער וווינונג פון דניאל מאַרשאַק. שמעון זיצט אין אַ טיפן פּאָטעל, האַלט אַ גלאָז טיי אין ביידע הענט, טרינקט לאַנגזאַם. דניאל זיצט בייַם טיש און בלעטערט פּאַפּירן.

שמעון: אפשר וואָלסטו, דניאל, אין אָוונט נישט געלייענט, מאַכסט זיך קאַליע די אויגן. וואָס האָסטו פון דייַן האַרעוואַניע, אַחוץ טענות און קללות הערט מען גאָרנישט. דאָס איז אין די אויגן. הייַנט וואָס רעדט מען שוין הינטער די אויגן. אַמאָל טראַכט איך, אפשר זענען זיי גערעכט.

דניאל: גערעכט, זאָגסטו. (הייבט זיך אויף פון זייַן שטול און שפּאַצירט איבערן צימער). בייַ דיר זענען אַלע גערעכט. נאָר איך איינער בין שולדיק. זאָג, ווען באַאָוול איך? וועמען טו איך שלעכטס? לויף אַרום ווי אַ פאַרסמטע מויז, ווער אויסגעריסן, הער אויס פון די דייַטשונעס מיאוסע רייד. כאַפּ אין דער געסטאַפּאָ אַמאָל אַ קלאַפּ. איך נעם דאָס אָבער אַלץ פאַר ליב, אַבי יידן זאָלן האָבן ווו צו אַרבעטן און וואָס צו עסן.

שמעון: און וואָס האָבן זיי פון זייער אַרבעט, וואָסער אויף קאַשע?

דניאל: און אָן אַרבעט וואָלט געווען בעסער? די דייַטשן זענען איצט די באַלעבאַטים פון אַ האַלבער וועלט, פון שפּאַניע ביז דער וואָלגע. ווי זאָגסטו: פון הודו ביז כוש. איז ווער עס אַרבעט פאַר זייערטוועגן, דעם וואַרפן זיי נאָך צו אַ שטיקל ברויט.

שמעון: זאָגסט, אַז זיי האָבן איינגענומען אַ האַלבע וועלט. אַ וועלט קאָן מען נישט איינגעמען. פּרס ומדי האָבן אויך איינגענומען אַ האַלבע וועלט, און וואָס איז געוואָרן פון זייער מלוכה? גאָרנישט. אויך אַלעקסאַנדער מוקדן האָט געוואָלט איינגעמען די וועלט. נו? איז זייַן מלוכה זיך צעפאַלן. הייַנט נאַפּאָלעאָן אַליין. אַזאַ מפּלה! אַזאַ מפּלה וועט איינגעמען אויך דייַן אַדאָלף.

דניאל: מײַנער, מײַנער, איך האָב געשיקט נאָך אים. איך קאָן אים דיר אַוועקגעבן אין קערן אָבער „פוקי טלוסטע סכודניע, כודע זדעכניע". ביז עס וועט קומען זײַן סוף, קאָנען דערווײַל אונזערע ייִדן אויסשטאַרבן פון הונגער און מגפות. מעשענס און טאובע זענען פיפיקע דײַטשן, סוחרים. זיי ווילן זייערע שאָפן פאַרגרעסערן. איז דאָס אונז ייִדן אויף דער האַנט? אַוודאי! אָט איז אייערנעכטן אָנגעקומען אַ נײַער טראַנספּאָרט פּאַפּיר אויסצואַרבעטן בײַטלען אויף די סוכאַרעס פאַר די זעלנער אויפן פראָנט, האָב איך ווידער באַקומען אַרבעט פאַר הונדערטער און הונדערטער ייִדן. איך האָב ווידער פאַרקאָנטראַקטירט הונדערט טאָן קאַרטאָפל פאַרן געטאָ. אַ טייל וועל איך געבן פאַר דער הכשרה. אַרבעט — דאָס איז אונזער איינציקער ראַטונעק! אַבי נעענטער צום סוף פון דער מלחמה. (דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, דניאל נעמט דאָס טרײַבל). ווער רעדט, האַלאָ, האללאָ, ווער? אסתר, אַ גוט נ'אָוונט דיר, אסתרקע, וואָס מאַכסטו? בראָנקען ווילסטו? בראָנקען? וואָס הערט זיך בײַ די קינדער? וואָס זאָגסטו? רוי דאָס ברויט? קלינג צו סאַלעקן, זאָג אים אין מײַן נאָמען. זאָל ער מאַכן אַ קאָנטראָל. וואָס זאָגסטו? די רערן פאַרשטאָפּט? איך וועל אָנקלינגען צו מאַוריצי קאָן. ער וועט שיקן אַ מעכאַניקער. צורופן בראָנקען צום טעלעפאָן? בראָנקע, בראָנקע, אסתרקע רופט דיך. (לייגט אַוועק דאָס טרייבל אין אַ זײַט, צו שמעונען): איך קאָן זיך צערײַסן? אומעטום דאַרף מען זײַן. טאָמער היטסטו נישט צו, ווערט תיכף אַ באַלאַגאַן. דאָ ווערט פאַרשטאָפּט די רער פון קלאָזעט אין יתומים־הויז, דאָ איז דאָס ברויט רוי, און די קינדער קאָנען עס נישט עסן, זיי האָבן באַקומען די דעזינטעריע. כאָטש גיי ווער אַליין אַ דאָקטער, אַ בעקער, אַ מעכאַניקער...

שמעון: אַז דו האָסט זיך אַליין גענומען דעם עול אויפן קאָפּ, ווער זשע איז דיר שולדיק? (עס קומט אַרײַן בראָנקע, זי גייט צו צום טעלעפאָן, דניאל זעצט זיך צום טיש מיט די פּאַפּירן).

בראָנקע: עסטושיע, גוט נ'אָוונט דיר. נעכטן נישט געקאָנט אַרײַנפאַלן צו דיר, אַנטשולדיק, איך וועל מאָרגן זיכער קומען צו דיר. (עס ווערט שטיל אויף עטלעכע צענדליק סעקונדן)... ס'איז זיכער?.. פון וואַנען ווייסט מיעטעק?.. שוין אויסגעשריבן?.. מער ווי דעמלט, קיין טרושעוויץ? וועלכער ראַקאָווער? העניעס טאַטע?.. וווהין? רעד העכער. ווידער קיין טרושעוויץ? פאַראַן דאָרט שאָפן? ווען? קאַנדל? טאַשעס טאַטע? און

בעלע די סוכאָטניצע ? ווען ? צוזאַמען ? און קעסטענבוים ? אַוודאי, תּיכף, די מינוט רעד איך. (גיט הילכיק אַ וואָרף דאָס טרײַבל) טאַטע, טאַטע, ס׳איז אמת ? איבערמאָרגן שיקסטו אַרויס קיין טרושעוויץ אַ טראַנספּאָרט ייִדן ?

דניאל: און אַז איך האָב פֿאַר זיי קיין אַרבעט נישט ? אין טרושעוויץ איז פֿאַראַן פֿאַר זיי אַרבעט און לײַכטערע.

בראָנקע: ס׳איז נישט אמת, טאַטע! מע פֿירט זיי נישט אויף קיין אַרבעט. גייסט מיך אָפּנאַרן.

דניאל: איך גיי קיינעם נישט נאַרן. אַזוי האָט מיר האַנס זאַטערלינג געמאָלדן. און אַזוי בין איך מודיע אַלע ייִדן. איך האָב נישט פֿאַר זיי קיין פּראָדוקטן. וואָס זשע זאָל איך טאָן ? זאָל איך אפשר אָוועקנעמען פֿון מויל בײַ די, וואָס אַרבעטן, און זיי אָוועקגעבן ? דאָס וועט שוין זײַן יושרדיק, האַ ? אַלע זאָלן אויסשטאַרבן פֿון הונגער ?

בראָנקע: הייסט עס, אַז דו גייסט מקריב זײַן די אַלטע און קראַנקע פֿאַר די ייִנגערע און געזונטערע ?

דניאל: איך גיי קיינעם נישט מקריב זײַן. איך ווייס נאָר איינס, אַז איך דאַרף זאָרגן פֿאַר די, וואָס אַרבעטן.

בראָנקע: און וואָס וועט זײַן מיט יענע, וועלכע פֿאָרן קיין טרושעוויץ ? אייערנעכטן זענען אָנגעקומען פֿון טרושעוויץ דרײַ וואַגאָנען מיט ביי־מאַשינען. ווו זענען אַהינגעקומען די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט בײַ די מאַשינען ? צו וואָס האָט מען די מאַשינען געבראַכט צו אונז ?

דניאל: דאָס האָב איך געבעטן זאַטעלרינגען, ער זאָל מיר די מאַשינען צושיקן. איך וועל באַשעפטיקן בײַ זיי די ייִדן, וואָס דרייען זיך אַרום ליידיק.

בראָנקע: צו וואָס זשע שיקסטו אַרויס מענטשן, אַז דו קאָנסט זיי דאָ באַשעפטיקן ?

דניאל: צו וואָס זשע, צו וואָס זשע ? וואָס שטעלסטו מיר פֿראַגן ווי אַ פּראָקוראָר ? ערשטנס, נישט איך שיק אַרויס, נאָר זאַטעלרינג. צווייטנס, האָב איך דיר שוין געזאָגט: פֿאַר די שוואַכערע און קראַנקע האָב איך נישט קיין אַרבעט.

בראָנקע: איז די שוואַכע און קראַנקע דאַרף מען אומברענגען ?

דניאל: פֿון וואַנען ווייסטו, אַז מען גייט זיי אומברענגען ? ווער האָט דיר אַזוי גוט אינפֿאָרמירט, אסתּר ?

בראַנקע: און דאָס, וואָס דער מיט ניסים לעבעדיק געבליבענער ייִד האָט דערציילט, איז גאָרנישט, איז אַ ליגן?

דניאל: ס'איז נישט קיין ליגן, אָבער דאָס איז אַן איינצלנער פּאַל געווען.

בראַנקע: איך האָב ידיעות, אַז אויך פון אַנדערע שטעט שיקט מען טראַנספּאָרטן ייִדן קיין טרושעוויץ.

דניאל: איך ווייס נישט, וואָס אין אַנדערע שטעט קומט פאָר. איך ווייס נאָר, וואָס זאַטעלרינג האָט מיר געזאָגט. און האַנס זאַטעלרינג איז נאָך נישט פון די ערגסטע דײַטשן. ער זאָגט „לעבען און לעבען לאָסען". איך קאָן נישט פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט.

שמעון: קיינער בעט דיך נישט, זאָלסט גיין פאַרזאָרגן אַ גאַנצע וועלט.

דניאל: גייסט מיך לערנען, וואָס איך האָב צו טאָן?

שמעון: עס וואָלט געווען נישט קרום, ווען דו וואָלטסט געפאָלגט דײַן אַלטן טאַטן. איך מיין, אַז דו האָסט נאָך נישט פאַרגעסן, וואָס עס שטייט געשריבן אין „יורה דעה" סימן ע"ד: אויב די מאַכט פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אויף אַרבעט עטלעכע נפשות, זאָלן דאָס זײַן אַפילו צעלאָזענע ייִנגלעך, איז דאָס בית־דין מחויב צו שטערן די, וועלכע ווילן זיי אַרויסגעבן בידים.

דניאל: וואָס זשע ווילסטו, איך זאָל זײַן דאָס בית־דין?

שמעון: על כל פּנים דאַרפסטו נישט זײַן דער, וואָס זאָל אויסליפערן די דײַטשן ייִדן מיט די אייגענע הענט.

בראַנקע: ווי לאַנג וועסטו נאָך גלייבן די דײַטשן? דײַן זאַטעלרינג איז אַ ליגנער און אַ רוצח. ראַקאָווער, קאַנדל און קעסטענבוים זענען קראַנקע ייִדן, און זיי גייסטו אַרויסשיקן מיטן טראַנספּאָרט קיין טרושעוויץ. ס'איז מיר אַ חרפּה פאַר מײַנע קאַלעזשאַנקעס און אַ ווייטאָג אין האַרצן פאַר מײַן טאַטן... טאַטע, באַרעכן זיך, וואָס דו טוסט!

דניאל: (גייט צו צו בראַנקען, נעמט זי אַרום און קושט זי) גיב מיר די פאַמיליעס פון דײַנע באַקאַנטע, וועל איך זיי אַרויסנעמען פון צעטל, אויב דו שטעלסט זיך שוין יאָ אײַן אַזוי פאַר זיי.

בראַנקע: (שפּרינגט אָפּ פון דניאלן). טאַטע, וואָס רעדסטו? פירסט אַ האַנדל מיטן לעבן פון מענטשן? דעם אַרויסנעמען פון צעטל, יענעם אַרײַנשטעלן אין צעטל?... אַזוי רעדט דניאל מאַרשאַק, מײַן טאַטע, צו וועמען ייִדן פלעגן קומען זוכן יושר. ווײ איז צו מײַנע יונגע יאָרן!..

שמעון: ווי איז צו אונז אַלעמען, וואָס מיר האָבן דערלעבט. דניאל מאַרשאַק האָט זיך אויסגעפונען אַ שיינע פּרנסה.

דניאל: פּרנסה, פּרנסה, איך מוז טראַכטן וועגן דער גאַנצער שטאָט ייִדן און נישט פאַרנעמען זיך מיטן גורל פון יחידים. אין אַן עת צרה דאַרף אַמאָל דער יחיד לײַדן צוליבן כּלל. דער כּלל איז דער יסוד.

בראָנקע: און קראַנקע ייִדן געהערן נישט צום כּלל? דײַנע פּאָליציאַנטן מאַכן אַבלאַוועס אויף קראַנקע ייִדן, שלעפּן זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן און ווי הינער אין די שטײַגן פּאַקן זיי זיי אין די רויטע וואַגאָנעס. און דאָס ווערט געטון מיט דײַן הסכּמה. ווער־זשע גיט דיר דאָס רעכט צו זײַן אַ ריכטער איבער מענטשלעכע לעבנס? ווער?

דניאל: איך וויל אָפּראַטעווען מײַן שטאָט ייִדן. וואָס ווינציקער עס וועלן זײַן אומנוצלעכע אין שטאָט, אַלץ מער שאַנסן זענען פאַראַן פאַר די געזונטע און אַרבעטנדיקע איבערצולעבן די מלחמה. די שוואַכע און קראַנקע וועלן אפשר נישט אויסהאַלטן. ס'איז מיר טאַקע אַ רחמנות אויף זיי. און וואָס איך ווינטש היטלערן, ווייסט איר אַליין זייער גוט. און אַז אים וועט ביטער ווערן אין פּיסק, וועט ער אין אונז, ייִדן, פאַרגעסן. און די צײַט שטייט נישט.

בראָנקע: דאָס איז דײַן חשבון?

דניאל: יאָ, דאָס איז מײַן חשבון.

שמעון: דאָס איז אַ פאַלשער חשבון, זון מײַנער. דו טאָרסט צו אים דײַן האַנט נישט צולייגן. ס'איז פאַראַן אַ בפירושע גמרא פון די צײַטן פון רב שמעון בן יוחאיס געראַנגל מיט די רוימער. אויב די מאַכט (זינגט אונטער מיט אַ ניגון) וויל הרגענען אַ ייִד בחינם און פאָדערט אָנצוווײַזן, ווו ער געפינט זיך, זאָגט די גמרא, טאָר מען נישט זאָגן. און דו וואָס טוסט, דניאל?

בראָנקע: ער טוט פּונקט פאַרקערט. ער גיט אַרויס אומשולדיקע מענטשן.

דניאל: פאַרוואָס הייסט עס בײַ דיר פאַרקערט? איך טו אַלץ, כּדי אָפּצוראַטעווען אַ שטאָט מיט ייִדן, און דו ווילסט מיר אײַנרעדן, איך גיי זיי גאָר אומברענגען.

בראָנקע: האָסט דאָך אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו מאַכן אַן אַבלאַווע אויף די קראַנקע ייִדן. האָסט אַרויסגעגעבן, צי נישט אַרויסגעגעבן?

דניאל: כדי צו ראַטעווען דעם גוף און דעם קאָפּ, מעג מען זיך לאָזן אָפּשניידן אַ האַנט און אַ פוס.

בראָנקע: דיַין משל איז קיין משל נישט. יעדע האַנט און יעדער פוס איז אין דעם פאַל אַ גאַנצער מענטש, וואָס וויל לעבן און האָט אַ רעכט צו לעבן. ווער האָט דיך געלערנט און ווו האָסטו דאָס געלערנט, אַז מע מעג איין טייל ייִדן מקריב זיַין פאַר אַ צווייטן טייל? אין דער וועלטלעכער פילאָזאָפיע האָב איך אַזאַ טעזע נישט באַגעגנט. אפשר אין דער רעליגיעזער? די קען איך נישט.

שמעון: אויך ביַי אונז ייִדן איז נישט פאַראַן אַזאַ אומווערדיקייט. פאַרקערט. האָסט שוין פאַרגעסן, דניאל, דעם פאַל מיט רב ישעיה בן לוי? דאָס מלכות האָט פון אים פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אַ ייִדן, וואָס איז געווען חייב מיתה, אויב נישט האָט מלכות געדראָעט מיט חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט. ווייסן מיר דאָך דעם טרויעריקן סוף. ישעיה בן לוי האָט וואָס אַן אמת דעם ייִדן אַליין נישט אַרויסגעגעבן. נאָר בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט צוגעזאָגט מלכות איבערצורעדן מיטן ייִדן און אים פאַרשטעלן די סכנה, וואָס דראָעט דער גאַנצער שטאָט, האָט אליהו הנביא אויפגעהערט צו באַוויַיזן זיך צו אים. עס האָבן נישט געהאָלפן זיַינע פערציק טעג תעניתים. אליהו הנביא האָט בפירוש דערקלערט: „צו מוסרים זאָל איך זיך באַוויַיזן?" היַינט שטעל זיך פאַר דיַין זינד, זון טיַיערער, ווען דו גיסט אַרויס דעם שונא מיט דיַינע אייגענע הענט מענטשן אינגאַנצן אומשולדיקע?

דניאל: היַינט זענען אַנדערע ציַיטן. מיר קאָנען זיך נישט פירן לויט די אַמאָליקע דינים און מנהגים. יעדער דור האָט זיַין חכם און זיַין מנהיג. ווען אין סכנה שטייט דאָס גאַנצע פאָלק, מוז איך טראַכטן וועגן זיַינע געזונטע אברים. זיי מוז איך קודם כּל אָפּראַטעווען. ס'איז מלחמה. און מלחמה פאַרלאַנגט קרבנות.

בראָנקע: ווער-זשע זענען עס די געזונטע אברים פון פאָלק? די ייִדישע פּאָליציאַנטן? די קאַפּונעס? די פרעסערס און זויפערס פון דער גמינע, זאַטעלרינגס משרתים? און אומשולדיקע קראַנקע און שוואַכע מענטשן שיקסטו אויף אומקום.

דניאל: נישט איך שיק, נאָר זאַטעלרינג שיקט, די געטאָ-פאַרוואַלטונג.

בראַנקע: אָבער דו שטעלסט צו די רשימה פון די ייִדן אויף אַרויס־צושיקן?

דניאל: דאָס טוען די אָנגעשטעלטע פון דער קהילה.

בראַנקע: אָבער דו שרײַבסט אונטער?

דניאל: יאָ, איך שרײַב אונטער.

בראַנקע: און דיר ציטערט נישט די האַנט?

דניאל: אַז מען האַקט האָלץ פאַלן שפּענער.

שמעון: ווער האָט דיר געגעבן דאָס רשות צו זײַן דער שופט איבער די שפּענער? גאָט אין הימל, ער גיט דאָס לעבן און בלויז ער האָט דאָס רעכט עס צונעמען.

בראַנקע: ביסטו, הייסט עס, געוואָרן דער האָלץ־העקער? פאַר וועלכן פּרײַז?

דניאל: זאָלן, הייסט עס, אַלע אויסשטאַרבן? דאָס וואָלט שוין געווען אַ גוטער פּרײַז?

שמעון: אויב דאָס איז דער רצון פון אַלמעכטיקן, טאָרן מיר, מענטשן, זיך נישט אַרײַנמישן. אַפילו איבער דײַן אייגן לעבן ביסטו נישט דער בעל־הבית. בראַנקע איז נישט פרום, האָט קיין גמרא נישט געלערנט, אָבער גערעכט איז זי.

דניאל: גערעכט, גערעכט! איר זענט ביידע בלינד און זעט נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום אײַך. אַ וועלט גייט אָפּ אין בלוט און איר רעדט וועגן קלייניקייטן.

שמעון: ניין, זון מײַנער, דאָס זענען נישט קיין קלייניקייטן. דאָס לעבן פון יעדן מענטשן איז אַ וועלט פאַר זיך און צוזאַמען מיט אים גייט אונטער אַ גאַנצע וועלט.

בראַנקע: פאַרקערט, דאָס ביסטו בלינד געוואָרן. דו זעסט נישט אין וואָס פאַראַ נעץ דו האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט. און וואָס וועט זײַן אין אַ חודש אַרום, אַז דײַן זאַטעלרינג וועט בײַ דיר פאָדערן אַ נײַעם טראַנספּאָרט ייִדן קיין טרושעוויץ? קיין שוואַכע און קראַנקע וועלן קיינמאָל נישט פעלן. פון זיבן דעקאָ ברויט און פאַרפוילטע קאַרטאָפל, וואָס די ייִדן באַקומען צוגעטיילט, וועלן די געזונטע אויך קראַנק און שוואַך ווערן, וואָס־זשע וועט דעמלט זײַן? וועסטו ווײַטער אונטערשרײַבן? און אין דרײַ חדשים אַרום וועסטו ווײַטער אונטערשרײַבן? און אַזוי כּסדר

אַז אַ סוף וועסטו אונטערשרײַבן און אונטערשרײַבן. ביז דו וועסט אונטערהתמענען דעם אומקום פון דער גאַנצער שטאָט ייִדן, ביז דו וועסט אונזער קראַנקן זיידן אויך אַרויסשיקן קיין טרושעוויץ!

דניאל: שווײַג!

בראַנקע: איך וועל נישט שווײַגן. איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת, דערפאַר שרײַסטו. ייִדן דאַרפן נישט פאָלגן דײַנע פאַראָרדענונגען.

דניאל: דו ווילסט בונטעווען די שטאָט קעגן דער קהילה, קעגן די דײַטשן? ווילסט ברענגען אומגליקן אויף אונזערע ייִדישע קעפּ און אויף מײַן קאָפּ?

בראַנקע: דאָס ברענגסטו אומגליקן אויף ייִדישע קעפּ. טאַטע, באַקלער זיך, וואָס דו טוסט. דײַן חשבון איז אַ פאַלשער חשבון. מיט אַרבעט וועסטו נישט אָפּראַטעווען די ייִדן. דו ווערסט בלויז אַ געהאָרכזאַם געווער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. טאַטע, פאַרהאַלט די פאַראָרדענונג!

דניאל: ביסט פון זינען אַראָפּ? ווי קאָן איך פאַרהאַלטן אַ פאַראָרדענונג פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, פון דער געסטאַפּאָ?

בראַנקע: קאָנסט זי דערווײַל אָפּציִען, נישט אויספירן. קלינג צו סאָלעקן, זאָל ער זי דערווײַל פאַרהאַלטן.

דניאל: איך וועל נישט קלינגען.

בראַנקע: דאַרפסט יאָ קלינגען!

דניאל: וועסט מיר קיין דעות נישט זאָגן!

בראַנקע: איך וועל יאָ זאָגן. אַז דו וועסט נישט קלינגען, וועל איך אַליין אָנקלינגען צו סאָלעקן, ער וועט מיר פאָלגן. (לויפט צום טעלעפאָן. כאַפּט דאָס טרײַבל. דניאל לויפט איר נאָך און רײַסט אַרויס דאָס טרײַבל פון איר האַנט).

דניאל: בײַ מיר אין שטוב וועסטו קיין דיקטאַטאָר נישט זײַן. דערווײַל לעב איך נאָך.

בראַנקע: ווילסט אַלע איבערלעבן.

דניאל: וואָס האָסטו געזאָגט? אַזוי רעדט אַ טאָכטער צו איר טאַטן.

בראַנקע: פון הײַנט אָן בין איך דיר מער נישט קיין טאָכטער און דו ביסט מיר מער נישט קיין טאַטע. איך וויל נישט האָבן אַזאַ טאַטן. (אין טיר באַווײַזט זיך עטל).

עטל: וואָס זענען דאָס פאַראַ געשרייען? אַלע שכנים וועלן זיך באַלד

צונויפלויפן אויפן בייז וווּנדער, ווי דניאל מאַרשאַק האָט זיך צעווערטלט מיט זײַן בת־יחידה.

בראָנקע: אויס בת־יחידה, אויס טאָכטער, אויס טאַטע. נישט קיין טאַטע איז ער מיר, נאָר אַ געסטאַפּאָוויעץ איז ער, דניאל מאַרשאַק...

דניאל: (לאָזט זיך צו בראָנקען, עטל פאַרשטעלט זי). איך וועל דיר ווײַזן געסטאַפּאָוויעץ. אין קייטן וועל איך דיך לאָזן שמידן... איך וועל דיר ווײַזן, ווי מען דאַרף רעדן צו אַ טאַטן!

בראָנקע: (כאַפּט דעם מאַנטל פון הענגער) זײַ געזונט, מאַמע, זײַ געזונט, זיידע! (דניאל בלײַבט שטיין אַ צעטומלטער).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס פערטע בילד

אויף דער סצענע איז פינצטער און שטיל. שטופנווײַז רײַסט אַן לויטן טאַקט פון די רעדער אַ גערויש פון אַן אַנקומענדיקן צוג. אַן אַדורכלויפנדיקער עלעקטרישער לאָמפּ פאַרזאָניפיצירט דעם צוג. אין שײַן פון לאָמפּ זעט מען אַ וועג־ווײַזער מיט דער אויפשריפט: טרושעוויץ. שטופנווײַז פאַרשווינדט דער גערויש פון צוג. די סצענעריע חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס בילד קאָן געוויזן ווערן אויך דורך אַ פילם.

דאָס פינפטע בילד

ס'איז אָוונט. דאָס צימער העל באַלויכטן. שטאַרק אַנגערייכערט. פול מיט בחורים און מיידלעך. אין דער מיט צימער אַ טיש באַדעקט מיט אַ ווײַסן טישטעך, אָנגעשטעלט מיט גלעזלעך, צוויי פלעשער רויטע פליסיקייט, טעלערלעך מיט געקאַכטע קאַרטאָפל אין די העמדלעך.

גבריאל: חברים, שומרים, גיט די געסט זיך ווו אַוועקצוזעצן. איר קאָנט שטיין אָדער זיצן אויף דער פּאָדלעגע. די שטולן און בענקלעך זענען פאַר זיי.

מיִעטעק: און מיר זענען מיוחסים מיינסטו, מיר קאָנען אויך זיצן אויף דער פּאָדלעגע. זאָג מיר נאָר בעסער, די קאַרטאָפל זענען עכטע, צי געשניצטע פון האָלץ?

חיים: פאַרוואָס עפּעס געשניצטע פון האָלץ?

מיִעטעק: ווײַל זיי זענען אַזוי ריין און שיין. שוין לאַנג אַזעלכע נישט געזען.

חיים: זיי זענען פון אונזער הכשרה־גאָרטן.

מיכאל: נעכטן האָט מען פון שפּיטאָל אַרויסגענומען אַלע טובערקוליאָז־קראַנקע און ארויסגעפירט קיין טרושעוויץ.

אירקע: אויך אַלע קראַנקע, וואָס די קרימינאַל־פּאָליציי האָט אַרויס־געצויגן פון די הײַזער.

שפרה: אָבער שמואל טאַראַשקעס לעבט אַ משוגענעם טאָג. ער האָט פון זײַן גאָרטן אַראָפּגענומען אַ מאַיאָנטעק, אַ שטאָט מיט יידן גייט אויס פון הונגער און אים לעבט זיך בעסער ווי פאַר דער מלחמה, די וועלט שטייט אויפן קאָפּ.

גבריאל: נו, חברה, גענוג געמאָטלט (קוקט אויפן זייגער) לאָמיר הערן ביביסי. שפרה, צו דער אַרבעט, פאַרשרײַב: (שפרה זעצט זיך בײַם טיש, טוט אָן טרײַבלעך אויף די אויערן, עס ווערט אַ געשפּאַנטע שטילקייט, שפרה שרײַבט. דאָס דויערט עטלעכע מינוט. נעמט אַראָפּ די טרײַבלעך און דערלאַנגט גבריאלן דאָס בייגעלע פּאַפּיר. גבריאל לייענט).

דעם 19־טן נאָוועמבער איז די רויטע אַרמיי אין ראַיאָן פון סטאַלינגראַד אַריבער צו אַ קאָנטער־אָפּענסיווע און אײַנגעבראָכן די פאַרטיידיקונגס־ליניע פון שונא. דאָס סאָוועטישע מיליטער פון צפון האָט זיך פאַראייניקט מיטן סאָוועטישן מיליטער פון דרום און אָפּגעשניטן די דײַטשן פון זייער הינטערלאַנד. אַזוי אַרום איז פאַרענדיקט געוואָרן די אַרומרינגלונג פון דער גאַנצער אַרמיי פון מאַרשאַל פּאַולוס. (לכתחילה הערשט אַ טויטע שטילקייט. ספּאָנטאַן געבן זיך אַלע אַ ריס צום טיש, כאַפּן די גלעזלעך, הייבן אין דער הייך. עס הערן זיך שטימען): לחיים, חברים, לחיים חברים!

מיִעטעק: נאָך עטלעכע אַזעלכע קלעפּ און ס'איז אויס מיט דער מלחמה.

חיים: האָבן מיר דאָך הײַנט אַן אמתע חתונה... (עס דערהערט זיך אַ סיגנאַל פון טירגלעקל, איין לאַנגע גאָטע, צוויי קורצע — חזרן זיך איבער דרײַ מאָל).

גבריאל: חיים, גיי עפן אויף, דאָס זענען אייגענע. (חיים לויפט צו דער טיר און פירט אַרײַן צוויי מענטשן, אַן עלטערן אין טונקעלע ברילן און אַ יינגערן).

מיעטעק: דאָס איז דער חבר קאַפּלאַן (ווייַזט אויפן עלטערן) און דאָס איז דער חבר סילוועסטער.

קאַפּלאַן: אַ גוט נ'אָוונט אייַך חברים. וואָס איז דאָ בייַ אייַך אַזוי טומלדיק, געהערט אַפילו פון יענער זייַט טיר. איך האָב אַ טראַכט געטון, צי האָט אַמאָל נישט דער חבר סילוועסטער פאַרבלאָנדזשעט. גאָרנישט קיין קאָנספּיראַטיווע דירה.

גבריאל: (אַביסל זשענירט). חברה איז אויפגערודערט. נאָר וואָס געהערט דעם קאָמוניקאַט וועגן סטאַלינגראַד. איר האָט שוין געהערט ?

קאַפּלאַן: געהערט, געהערט, מאָסקווע גיט אים אָן יעדע שעה.

גבריאל: אַגב האָבן מיר אונזער טרעפונג מיט אייַך צוגעגרייט אַלס אַ חתונה, ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

קאַפּלאַן: איך זע, איך זע, פאַראַן איבער וואָס צו מאַכן אַ לחיים. ווער זשע איז חתן־כלה ? לאָמיך אויך וויסן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך...

גבריאל: (אין פאַרלעגנהייט, קוקט זיך אַרום. זייַן בליק פאַלט אויף אסתרן און סילוועסטערן, וועלכע שטייען געאָרעמט) אָט איז חתן־כלה. אפשר אַ שלעכט פּאָרל ?

בראָנקע: הלוואי וואָלטן מיר שוין אַזוי געהאַלטן מיט די מחותנים, ווי מיטן פּאָרל, וואָלטן מיר שוין געקאָנט פּראַווען די אמתע חתונה...

קאַפּלאַן: איך האָב טאַקע געהערט, אַז מיט די פּאָליטישע מחותנים גייט עס צו שווערלעך. וואָס פאַרא באַוואָרענישן האָט איר, חבר גבריאל, זאָגט אָפן, לאָמיר וויסן אייַער שטעלונג ? (חברה צעזעצט זיך, ווו איינער קאָן).

גבריאל: אויב אָפן, איז אָפן, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט. ווי עס פּאַסט פאַר אונז שומרים פון „הצופה". דער פאַרשלאָג פון אייַערע חברים פון דער „גוואַרדיע" וועגן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט געפעלט אונז. אָבער גיין אין וואַלד אַרייַן קאָנען מיר נישט. מיר וועלן דאָס געטאָ נישט פאַרלאָזן. מיר זענען אַן אבר פון יידישן פאָלק. אונזער צוקונפט איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל.

מיעטעק: חבר גבריאל, ווער דאַרף הייַנט האָבן הויכע רייד ? מעשים זענען הייַנט נייטיק. וואָס פאַרא זין האָט אייַער הכשרה ? דאָס זיצן מיט פאַרלייגטע הענט ?

חיים: נאָר אָן דעמאַגאָגיע. ווער זאָגט עס, אַז מיר לייגן פאַר צו זיצן

מיט פאַרלייגטע הענט? מיר זענען גרייט צו קעמפן, אָבער נישט אין וואַלד. איר רעדט וועגן פוילישן פּראָלעטאַריאַט. איך זע אים נישט. דערווײַל טשאַטעווען פּאָליאַקן אויף ייִדן בײַם אַרויסגאַנג פון געטאָ און ליפערן זיי אויס דער געסטאַפּאָ.

סילוועסטער: חיים, חיים, ביסט אַ קלוגער בחור, ווי זשע קומען צו דיר אַזעלכע נאַרישע רייד. וואַרפסט אין אײַן טאָפּ אַרײַן דעם פוילישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט מיט דער באַנדע אויסוואָרפן, שאַנטאַזשיסטן, שמאַלצאָווניקעס. יעדעס פאָלק האָט זיך זײַנע בלומען און זײַן מיסט.

אירקע: און מיר האָבן נישט אונזער מיסט, די פּאָליציאַנטן, וועלכע העלפן די דײַטשן אין אויספירן די אַקציעס? אָן דער הילף פון דער פוילישער אונטערערד קאָנען מיר קיין קאַמף נישט פירן. דעריבער דאַרפן מיר שאַפן אין געטאָ באַוואָפנטע גרופּן און זיי שיקן אין וואַלד אַרײַן. דאָס געטאָ גיט נישט קיין מעגלעכקייטן אויף פירן אַ קאַמף. אין געטאָ קאָנען מיר קיין איבערפאַלן אויף די דײַטשן נישט מאַכן. דאָס קאָן טאָן בלויז דער וואַלד.

סילוועסטער: איך בין גאָרנישט אַזוי איבערצײַגט ווי דו, אירקע. מיר דאַכט זיך, אַז מען טאָר נישט אַזוי לײַכט רעזיגנירן פונעם געטאָ אַלס קאַמפס־פּלאַץ, נישט פאַראַן אַזאַ אָרט, פון וועלכן מע זאָל נישט קאָנען מאַכן קיין איבערפאַלן אויף די דײַטשן אָדער זייערע משרתים. איך ווייס דאָס פון מײַן אייגענער דערפאַרונג.

יעקב: מײַן אָרגאַניזאַציע „לארץ" האָט אַן אַנדער צוגאַנג. אירקעס פאָרשלאַג איז נישט אונזער דרך. דאָס איז דעזערציע פון געטאָ. חיים און סילוועסטער רעדן וועגן קאַמף. דאָס איז פאַנטאַזיע. פאַר אונדז שטייען צוויי אויפגאַבן: די נײַע אַקציע וועט נישט אָנרירן די שאַפּנס פון מעשענס און טאָובע. לאָמיר אַהין אַריבערפירן אונזער הכשרה, וועלן מיר אַזוי אַרום פאַרהיטן אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון אומקום. לאָמיר אויך זיך ווענדן מיט אַ קול קורא צו אונזערע ברידער ייִדן מעבר לים.

גבריאל: די חלוצים זאָלן זיך ווי פּחדנים באַהאַלטן אין די שאַפּנס פון מעשענס און טאָובע, דאָס איז נאָך ערגער ווי דעזערציע. דאָס איז ירידה פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אַ פאַרשוועכונג פון חשמונאים־גײַסט.

יעקב: איך וויל ראַטעווען די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דעם גייַסט פון אונזער פאָלק.

בראָנקע: און דאָס פאָלק אַליין? די צענדליקער טויזנטער ייִדן פון געטאָ, זיי זאָלן מיר לאָזן אויף הפקר? מאַמעס קוקן מיט צעשראָקענע אויגן אויף זייערע קינדער און וואַרטן אויף הילף. טאָ ווער־זשע זאָל זיי די הילף טראָגן? הילף און ווידערשטאַנד, מיטן פאָלק און פאַרן פאָלק. דאָס דאַרף זייַן אונזער לאָזונג.

אַלעקסאַנדער: מייַן אָרגאַניזאַציע „ייִדישע סאָציאַליסטן" איז פאַר קאַמף. מיר דאַרפן שאַפן אַ ייִדישע פּראָלעטאַרישע זעלבסט-שוץ, ווי אין 1905. אָבער מיר זענען קעגן פאָלקס-פראָנט. מיר זענען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זי הייסט וואַרטן, זאַמלען כוחות.

סאָניע: איך געהער אויך צו דער אָרגאַניזאַציע „ייִדישע סאָציאַליסטן" און האַלט, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו וואַרטן. אין געטאָ דאַרפן מיר זיך פאַראייניקן מיט אַלע, וועלכע ווילן שוין קעמפן.

מיעטעק: דערווייַל וועט די רויטע אַרמיי אונטערקומען און אָפּראַטעווען דאָס געטאָ.

גבריאל: דו, יעקב, לייגסט פאָר צו מאַכן אַ קול קורא צו דער ייִדישער וועלט. מיר האָבן דאָך דאָס געטון בעת דער פאַריקער אַקציע. און קיינער פון ניו־יאָרק און פון לאָנדאָן האָט זיך נישט אָפּגערופן. ס'איז אַ ווייטיק און אַ בזיון, אָבער אַ פאַקט. דעריבער מוזן מיר זיך פאַרלאָזן אויף די אייגענע כוחות. אויך דער וואַלד איז קיין אויסוועג נישט. דאָס איז פאַר אונז אַ פרעמדע סביבה.

אסתר: איך בין אויך אַ מיטגליד פון „הצופה" און האַלט, אַז סילוועסטער און זייַנע חברים אין וואַלד זענען נישט קיין פרעמדע סביבה.

גבריאל: סילוועסטער איז טאַקע זייער אַ סימפּאַטישער יאַט, אָבער....

סילוועסטער: דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן מייַן פּערזאָן. איר רעדט וועגן זאַכן, וועלכע איר קענט נישט. איר זענט דאָך אין וואַלד נישט געווען. נישט ווייניק ייִדישע חברים זענען דאָרטן שוין פאַראַן. פרעגט זיי.

מיעטעק: אונזער „גוואַרדיע" איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן געבויט אויף אינטערנאַציאָנאַליסטישע יסודות, וועלכע רופט און אָרגאַניזירט

אַלע פעלקער צום קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. ווער עס הייסט וואַרטן אָדער וואַרפט אָפּ דעם פאָרשלאַג וועגן געמיינזאַמען קאַמף, איז נישט קיין פריינט פון אייגענעם פאָלק.

חיים: אויב די פאַרגלייכסט אונז מיט די, וועלכע וואַרפן אָפּ דעם געמיינזאַמען קאַמף, האָבן מיר בכלל נישט וואָס צו רעדן מיט אייך. איר פאַרשטייט געמיינזאַמע טעטיקייט ווי בלינדע געהאָרכזאַמקייט צו אייערע דירעקטיוון. און צווישן אייערע חברים אין וואַלד זענען שוין קיין אַנטיסעמיטן נישט פאַראַן. איר האָט זיך אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק און ווילט אונז אויך אָפּרייסן...

מיעטעק: מיר רייסן זיך אָפּ פון פאָלק? מיר האָבן הינטער זיך בלוטיקע קאַמפן פון יידישע אַרבעטער, שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס, צענדליקער יאָרן תפיסות, גייסטו אונז לערנען, וואָס הייסט קאַמף...

חיים: דאָס איז דעמאַגאָגיע, דאָס איז חוצפה... (עס ווערט אַ טומל).

שפרה: אָט האָט איר זייער גוואַרדיסטישע איינהייט...

אירקע: באַלעבאַטישע קינדער, גאַנצע צעלייגערס געוואָרן...

בראָנקע: נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט...

מיעטעק: נישטאָ מיט וועמען צו רעדן.

קאַפּלאַן: איך בעט אַ וואָרט. (עס ווערט שטיל). דער פעלער פון אייער דיסקוסיע באַשטייט דערין, וואָס איר האָט זי אָפּגעריסן פון דער קאָנקרעטער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך איצט דאָס געטאָ. גיין אין וואַלד אַריין איז אַ וויכטיקער ענין, אָבער אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס נישט די צענטראַלע פראַגע.

אירקע: וואָס הייסט נישט די צענטראַלע פראַגע?

קאַפּלאַן: איצט וויגט זיך דער גורל פון געטאָ. וואָס־זשע דאַרפן מיר טאָן? מיר זאָגן קליפּ און קלאָר: אַלע פּאָליטישע כוחות פון געטאָ, אַלץ וואָס איז ערלעך, ריין און ווירדיק און נישט פאַרסמט מיט דער קאָלאַבאָראַנטישער פּאָליטיק פון „יודענראַט", דאַרף זיך פאַראייניקן און שיצן קעגן דער אויסזידלונגס־אַקציע, שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין געטאָ דאַרפן שאַפן באַוואָפנטע גרופּן און בילדן אַן איינהייטלעכע יידישע זעלבסט־שוץ טאַקע ווי אין 1905, אָבער נישט וואַרטן און נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער. די פאַראייניקטע זעלבסט־שוץ דאַרף אַרויסגעבן אַ קול קורא און רופן אַלע יידן פון געטאָ

נישט צו פאָלגן די באַפעלן פון „יודען־ראַט", נישט גיין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. און ווען די דײַטשן מיט זייערע פּלערליי משרתים וועלן באַפאַלן די ייִדישע הײַזער, כדי צו טרײַבן די ייִדן מיט געוואַלט, זאָל די פאַראייניקטע ייִדישע זעלבסט־שוץ עפענען אַ פײַער, אַפילו מיט די באַשיידענע מיטלען, וואָס זי וועט פאַרמאָגן. דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה. זענט איר מסכּם?

גבריאל: און וואָס ווײַטער?

קאַפּלאַן: שטערן די דײַטשן אין זייער אַקציע. ברעכן די אַרומרינגלונג, די שטעכל־דראָטן, די געטאָ־ווענט און זאָלן די פאַרמשפּטע צום טויט באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען.

יעקב: ווּ וועלן זיי זיך ראַטעווען?

קאַפּלאַן: ווּ עס וועט זיך לאָזן. אויף די ביידעמער, אין גריבער, בונקערס, אין געטאָ און אויסערן געטאָ.

יעקב: איר לייגט פאָר מרידה?

חיים: איז וואָס אַז מרידה?

יעקב: דער דײַטש וועט אייער מרידה דערשטיקן אין טײַכן בלוט און אַלע אויסשיסן.

שפרה: נאָר ווי באַראַנעס זיך לאָזן פירן צו דער שחיטה, איז בעסער? אויב שטאַרבן איז אונז באַשערט, איז מיטן פּיסטאָלעט אין האַנט, ווי מענטשן. גרינגער וועט מיר זײַן מײַן טויט, ווען איך וועל אויך זען געהרגעטע דײַטשן אַרום זיך... אויב טויט איז מײַן גורל, איז נקמה מײַן ווידוי...

יעקב: איר ווילט צואײַלן דעם חורבן פון געטאָ?

גבריאל: די ברירה איז דאָך נישט בײַ אונז. די אַקציע גרייטן די דײַטשן. מיר ענטפערן בלויז. עין תחת עין, שן תחת שן.

קאַפּלאַן: ווער עס וועט קעמפן, חבר יעקב, דער וועט האָבן אַ שאַנס צו בלײַבן לעבן. ווער עס וויל אויסמײַדן דעם קאַמף, גייט דעם טויט אַנטקעגן. איר פאַרשטייט דאָס נישט הײַנט, מאָרגן וועט איר דאָס אויך פאַרשטיין.

חיים: און וואָס איז מיטן וואַלד?

אירקע: טאַקע, וואָס איז מיטן וואַלד?

קאַפּלאַן: דעם וואַלד שטעלן מיר נישט אַנטקעגן דעם געטאָ. ווען

מיר װעלן אָנהײבן דעם קאַמף אין געטאָ, װעט דער װאַלד װערן אַן אָנשפּאַר פאַר אונזער קאַמף. די פּאַרטיזאַנער־באַװעגונג איז אַ ברײטער באַגריף. זי נעמט אַרום... (עס דערהערט זיך אַ כאַאָטיש קלינגען פון טיר־גלעקל).

גבריאל: חברים פון „הצופה“, יעדער אױף זײַן אָרט און צו זײַן פונקציע. (עס הערט זיך אַ קלאַנג פון אָנלאָדן פּיסטאָלעטן. די באַװאָפנטע פאַרנעמען פאַרמאַסקירטע ערטער אין צימער. אַלע איבעריקע גײען צו צום טיש. אסתר דערלאַנגט יעדן אַ גלעזל מיט דער רױטער פליסיקײט).

חיים: (נעמט קאַפּלאַנען און סילװעסטערן פאַר די הענט) קומט מיט מיר. (פירט זײ צו צום הענגער מיט מלבושים. גיט אַ דריק אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט. דער הענגער מיט די מלבושים עפנט זיך װי אַ טיר. מע זעט באַלױכטענע טרעפּ, װאָס פירן צום בױדעם. דער הענגער מיט די מלבושים פאַרמאַכט זיך הינטער זײ. דאָס טיר־גלעקל ליאַרמט אַן אױפהער).

גבריאל: שפרה, גײ עפענען. (עס גײען אַרײַן צװײ ייִדישע פּאָליציאַנטן).

1־טער פּאָליציאַנט: װאָס קומט דאָ פאָר?

גבריאל: ס'איז אַ קלײנע שמחה, אַ חתונה.

2־טער פּאָליציאַנט: איר שטערט די רו פון די שכנים.

אסתר: לײדער זענען אַרום אונזער װױנונג שױן נישט פאַראַן קײן שכנים.

1־טער פּאָליציאַנט: װער איז די כּלה?

אסתר: איך בין די כּלה. װאָס פאַרלאַנגט איר? װעמען דאַרפט איר?

1־טער פּאָליציאַנט: (שעלמיש, מיט אַ געלעכטערל באַטראַכטנדיק אַלע אָנװעזנדיקע) און װוּ קלײַבסטו זיך צו פאָרן אױף צו פאַרברענגען דעם האָניק־חודש?

אסתר: אָבי איך האָב געמײנט, אַז יאָשע ביק איז פאַר דער צײַט קליגער געװאָרן.

1־טער פּאָליציאַנט: יאָשע ביק איז גאָרנישט אַזאַ נאַר כּדי צו פאַרשטײן, אַז אסתר מאַכט חוזק פון אים. עס איז דאָך דײַן דירה, אַ יאָ?

אסתר: מײַן דירה.

1־טער פּאָליציאַנט: טאָ זײַ זיך מטריח און קום מיט אונז אין צירקל אַרײַן, כּדי אױפצוקלערן די אסיפה אין דײַן דירה.

אסתר: איך האָב נישט נאָך װאָס צו גײן און װוּ צו גײן.

1־טער פּאַליציאַנט: און אַז מיר ווען דיך שטאַרק בעטן, וועסטו זיך נישט איינשפּאַרן?

מיעטעק: (גייט צו צו יאַשע ביק) אסתר וועט אינערגעץ נישט גיין.

2־טער פּאַליציאַנט: ווער ביסטו פאַר אַ צעלייגער? דיך פרעגט מען נישט.

מיעטעק: ווילסט וויסן ווער איך בין. אָט האָסטו מיין לעגיטימאַציע. (ציט אַרויס פון דער הינטערשטער הויזן־קעשענע אַ פּיסטאָלעט). האָב נישט מורא, איך וועל נישט שיסן. (די פּאַליציאַנטן קוקן זיך אַרום) אָבער איינס וויל איך אייך זאָגן, אַז פון היינט אָן האָט איר אויפגעהערט צו זיין די איינציקע באַלעבאַטים פון געטאָ...

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס זעקסטע בילד

אסתרס צימער. בראָנקע וואַשט, אסתר פּרעסט.

אסתר: יעדעס מאָל, ווען סילוועק דאַרף קומען, קלאַפּט אין מיר דאָס האַרץ ווי אַ פּויק.

בראָנקע: דאָס רעדט צו דיר אַזוי דיין גליק. געבענטשט איז דער מענטש, וואָס קאָן ליב האָבן און האָט וועמען ליב צו האָבן...

אסתר: האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר נישט פון גליק, נאָר פון שרעק. יעדעס מאָל, ווען סילוועק דאַרף דורכגיין דעם געטאָ־טויער, אַנטפאַלט אין מיר דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס מאָל וועט דער אומגליק געשען.

בראָנקע: סילוועסטער איז נישט פון די, וועלכע לאָזן זיך פאַרהאַלטן. נישט איין מאָל האָט ער זיך פון זייערע הענט אַרויסגעדרייט. זיין ליבע צו דיר טראָגט אים איבער פייער און וואַסער.

אסתר: איך וואַרט אויף דער מינוט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך ענדיקן. מיר זאָלן שוין זיין צוזאַמען. ער זאָל פאַרשפּאָרן אַלע מאָל צו ריזיקירן מיטן לעבן, וואָס איז אויך מיין לעבן. צי ווייסטו נישט, ווען מיר פאָרן אין וואַלד אַריין?

בראָנקע: איך ווייס נישט. ס׳איז נאָך אַ ספק, צי דו וועסט נאָך באַוויַיזן. מעגלעך, אַז דער וואַלד וועט קומען צו אונז.

אסתר: וואָס רעדסטו אַזוי פאַרשטעלט. רעד קלאָרער.

בראָנקע: איך רעד נישט פאַרשטעלט, נאָר אַזוי האָט מיר געזאָגט מיַעטעק. איך קאָן זיך בלויז אָנשטויסן, וואָס די רייד באַדיַיטן. די אַקציע איז שוין, וויַיזט אויס, גאַנץ נאָענט. (אין טיר דערהערט זיך אַ קלאַפּ). אָט איז שוין נאָך דיַין שרעק. סילוועסטער איז שוין געקומען. (לויפט צו דער טיר, עפנט זי און שפּרינגט האסטיק צוריק. די שוועל שפּריַיזט איבער סאַלעק אין דער אוניפאָרם פון אַ פּאָליצײ־אָפיציר).

סאַלעק: איך ווייס נישט ווי צו זאָגן: „גוט ב׳אָוונט צי גוט־מאָרגן״. אין דרויסן איז נאָך שטאַרק ליכטיק און דאָ ביַי איַיך איז שוין שטאַרק טונקל. דאָס איז דיַין וווינונג, בראָנקע?

בראָנקע: וואָס איז דיר פאַר אַ נפקא־מינה. דאָס איז אונזער וווינונג.

סאַלעק: אַ גוטן טויש געמאַכט. וואָס טוט נישט אַ מענטש צוליב זיַין אידייע...

בראָנקע: אפשר וועסטו בעסער זאָגן, וואָס האָט דיך צו אונז געבראַכט. צו וועמען אייגנטלעך ביסטו געקומען: צו מיר אָדער צו אסתרן? רעד צו דער זאַך.

סאַלעק: זיי נישט אַזוי שטרענג. איך בין געקומען צו דיר וועגן אַ וויכטיקן ענין.

אסתר: אויב אַזוי וועל איך איַיך נישט שטערן. (לויפט כאַפּן דעם מאַנטל).

בראָנקע: גיי נישט אַוועק, אסתר. איך האָב נישט קיין סודות פאַר דיר. (צו סאַלעקן) רעד אָפן, וואָס דו האָסט צו זאָגן.

סאַלעק: און אפשר האָסטו גאָר מורא צו בליַיבן מיט מיר אַליין?

בראָנקע: (צעלאַכט זיך הילכיק און ביטער) פּראָווע נישט קיין פּוילע שטיק. אויסגעהונגערטע און צעשראָקענע ייִדן ציטערן טאָקע פאַר סאַלאָמאָן צוויק, קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונגס־דינסט. אָבער איך? (לאַכט ווידער). גיי אסתר, זאָל ער נישט לעבן מיט דער איַינרעדעניש, אַז אַלע ייִדן אין געטאָ האָבן פאַר אים מורא. איך מיַין, אַז זיַין וויזיט וועט לאַנג נישט דויערן. קום שנעל צו גיין, אסתר. (אסתר גייט אַרויס).

סאַלעק: איך וויל נישט דערלויבן דיך ארויסשיקן פון געטאָ, לאָזן דיך אויף אַן אומגליק.

בראַנקע: אַז דײַנע לײַט, די פּאָליציאַנטן, וועלן מיך נישט אַרײַנ־שלײַדערן אין וואַגאָן קיין טרושעוויץ, וועל איך נישט אומקומען.

סאַלעק: שפּאַס נישט.

בראַנקע: איך שפּאַס נישט.

סאַלעק: איך וועל דיך אין וואַלד אַרײַן נישט לאָזן, הערסט!

בראַנקע: וואָס הייסט, דו וועסט מיך נישט לאָזן. ווער ביסטו פאַר מיר? אַ גאָרנישט!

סאַלעק: איך בין נישט געקומען אויסצופּײַנערן זיך ווער איך בין און אַוודאי נישט צו קריגן זיך מיט דיר. די סיטואַציע איז זייער אַן ערנסטע. איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מײַן בראַנקע זאָל גיין אויף אַ זיכערן טויט.

בראַנקע: (לאַכט מיט גאַל). מײַן בראַנקע, מײַן בראַנקע, מיט וואָסער רעכט רעדסטו אַזוי?

סאַלעק: עס וואָלט געווען נאַריש פון מײַן זײַט, ווען איך וואָלט זיך פאַררופן בלויז אויף אונזער פאַרמלחמהדיקער פאַרגאַנגענהייט. מיט רייד קאָן מען אָפּט פאַרשטעלן דאָס געפיל, מען קאָן יענעם נאַרן, אַפילו זיך אַליין. אָבער אויגן? אויגן קאָנען נישט פאַרראַטן. איך קוק איצט אין דײַנע אויגן און זיי זאָגן מיר דעם אמת. גיי נישט קעגן זיך אַליין (דערנעענטערט זיך צו איר) אויך איצט האָסטו מיך ליב. גיי נישט אין וואַלד אַרײַן. מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה און וועלן זײַן צוזאַמען. זיי די אַמאָליקע קלוגע בראַנקע. אַלע סטודענטן האָבן מיך דאַך מקנא געווען. און דו האָסט געזאָגט, אַז ביסט שטאָלץ מיט דײַן יינגל. צי מיינסטו, בראַנקע, אַז דאָס אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען... (ער נעמט זי פאַר דער האַנט, זי ציט זי אַרויס, נאָר נישט האַסטיק). כאָטש דו ביסט אין די מענערישע מלבושים, ביסטו נאָך אַלץ פאַרבליבן דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט. זײַ גוט צו מיר.

בראַנקע: וואָס ווילסטו, סאַלעק? (אַן רוגזא).

סאַלעק: איך וויל, דו זאָלסט מיט מיר בלײַבן אין געטאָ. די דײַטשן וועלן דעם וואַלד אונטערצינדן. אײַך אַלע אומברענגען.

בראַנקע: און אין געטאָ וועלן זיי נישט אַלע אומברענגען?

סאַלעק: ניין, אין געטאָ וועלן נישט אַלע אומקומען.

בראָנקע: צו וואָס לייקענען. ערגעץ אויפן דעק פון מײַן נשמה טליעט נאָך אַ פונק צו דיר. אָבער פון דעם פונק וועט שוין קיין פלאַם נישט אויפפלאַקערן. האָסט אַליין אַלץ פאַרברענט אויף קויל. איך האָב ליב געהאַט אַ סאַלעקן, אָבער יענער איז שוין לאַנג נישטאָ. דו ביסט בלויז אַ זכר פון יענעם. פאַר מיר שטייט אַ פרעמדער מענטש. אַ משרת פון דער געסטאַפּאָ. וואָס פאַראַ שייכות האָב איך מיט דיר?

סאַלעק: אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך ווערן דער אַמאָליקער סאַלעק.

בראָנקע: ניין, דו וועסט שוין דער אַמאָליקער סאַלעק קיינמאָל נישט ווערן. דײַנע מעשים און דײַנע מלבושים, וואָס דו טראָגסט זענען זיך מיט דיר צוזאַמענגעוואַקסן אויף שטענדיק. צווישן אונז שטייט אַן אָפּגרונט נישט צו פאַרשיטן.

סאַלעק: ס'איז אַ שווערע צײַט, לעבן ווילט זיך און לעבן מוז מען.

בראָנקע: אַפילו אויפן חשבון פון יענעמס לעבן? מאַמעס באַהאַלטן אויס זייערע קינדער. לויפסטו אַרום מיט דײַן ווילדער באַנדע פּאָליציאַנטן און שלעפּסט די קינדער פון די באַהעלטענישן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. און דערפאַר באַקומט איר אַ פּרעמיע. אַ קילאָ ברויט, צען דעקאָ ווורשט און 25 דעקאָ צוקער. דײַן מאַמע, מײַן מומע מלכה, האָט דעם ביסן פון מויל זיך אָוועקגענומען, כּדי דו זאָלסט שטודירן. און דו ביסט געוואָרן אַ כאַפּער פון קינדער, אַ הינט־שלעגער...

סאַלעק: אונזער שיף טרינקט זיך און יעדער ראַטעוועט זיך ווי ער קאָן.

בראָנקע: אָבער דו העלפסט דערטרינקען די, וועלכע ווילן זיך ראַטעווען. דו האַלטסט, אַז בלויז דו האָסט אַ רעכט אויף לעבן.

סאַלעק: איך טראַכט אויך וועגן דײַן לעבן.

בראָנקע: מוחל אַזאַ לעבן, אויף יענעמס חשבון.

סאַלעק: און דאָס גיין אין וואַלד אַרײַן איז נישט אַ מיטל צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן?

בראָנקע: וואָס פאַראַ מיאוסע רייד האָסטו פאַר דײַן מויל געבראַכט. מענטשן גייען קעמפן, אײַנשטעלן דאָס אייגענע לעבן פאַר דער פרײַהייט פון לאַנד, הייסט עס בײַ דיר אַ מיטל צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. צו אַלץ לייגסטו צו דײַן חזיר־עגאָיִסטישע מאָס.

סאַלעק: נישט עגאָיזם האָט מיך געבראַכט אַהער. איך בין געקומען דיך ראַטעווען, איך וויל דיך נעמען מיט זיך און טאַקע שוין, איצט.

בראָנקע: און אַז נישט?...

סאַלעק: אַז דו וועסט נישט גיין מיט גוטן, וועל איך...

בראָנקע: וועסטו מיך נעמען מיט כוח!

סאַלעק: קום. הייס איך דיר... (מאַכט אַ טראָט נעענטער צו בראָנקען, וויל זי אָנכאַפּן ביַי דער האַנט, בראָנקע שפּרינגט אָפּ. ציט אַרויס פון דער הויזן־קעשענע אַ רעוואָלווער).

בראָנקע: וואָן, שפּיצעל, אַרויס, אַז נישט לייג איך דיך תיכף אַוועק אַ קאַלטן... (עס קומט אַן אסתר).

אסתר: בראָנקע... (סאַלעק, אַ צעטומלטער, הייבט אָן לאַנגזאַם צוריקציִען זיך צו דער טיר און פאַרשווינדט. בראָנקע פאַלט אויף דער קאַזעטקע און הייבט אָן שטיל צו וויינען).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס זיבעטע בילד

אסתר זיצט ביַים טיש און שריַיבט. אין טיר הערט זיך אַ ליַיכטער קלאַפּ.

אסתר: אַריַין! (קיינער קומט נישט אַריַין) ווער איז דאָרט? אַריַין! (קיינער עפנט נישט די טיר, הייבט זי זיך אויף און עפנט די טיר) האַ, שליאַמעק? וואָס ווילסטו שליאַמעק? קום אַריַין אין צימער. (שליאַמעק, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 8—9 גייט אַריַין).

שליאַמעק: גוט מאָרגן, פּאַני טוסיו! (שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ).

אסתר: וואָס ווילסטו? רעד! (שליאַמעק שוויַיגט).

אסתר: אויב דו ווילסט נישט רעדן, טאָ צו וואָס ביסטו געקומען צו מיר?

שליאַמעק: פאַני טוסיו, זאָל די פאַני זײַן גוט צו מיר. זאָל די פאַני הײַנט נישט פאַרשליסן די טיר פון דער קאַנצעליאַריע. טוט דאָס פאַר מיר.

אסתר: פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרשליסן די טיר? וואָס גייט עס דיר אָן? (שליאַמעק שווײַגט). זאָג מיר, וואָס מיינסטו דערמיט? וואָס ווילסטו טאָן?

שליאַמעק: עס איז אַ סוד, אַ גרויסער סוד... איך, שימעק, בערעק, שמואלעק האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז ווען די דײַטשן וועלן קומען נעמען די קינדער קיין טרושעוויץ, וועלן מיר אַנטלויפן אין וואַלד אַרײַן, ווו די פאַני טוסיע האָט אונז צוגעזאָגט צו ברענגען.

אסתר: וועלן אײַך די דײַטשן כאַפּן בײַם אַנטלויפן.

שליאַמעק: ניין, זיי וועלן אונז נישט כאַפּן, מיר וועלן זיך צעלויפן און אויסבאַהאַלטן. און די פאַני טוסיע ווייסט ווו? עס איז אַ גרויסער סוד. אין שניידער-וואַרשטאַט וואַלגערן זיך מאַנעקינען. מיר וועלן אַרײַנקריכן אין די מאַנעקינען. די מאַנעקינען זענען גרויס און מיר זענען קליין. קיינער וועט נישט וויסן, אַז מיר זענען אינעווייניק. איז געקומען שמואלעק און וויינט. ער וויל אויך מיטנעמען זײַן שוועסטערל באַשקע. זיי זענען אַ צווילינג. איז שוין אָבער פאַר באַשקען נישט פאַראַן מער קיין מאַנעקין אין וואַרשטאַט. אין צווייטן צימער ליגט נאָך איין מאַנעקין. אָבער אַרײַנגיין אַהין קאָן מען בלויז דורך דער קאַנצעליאַריע. זאָל די פאַני טוסיע רחמנות האָבן אויף באַשקען. זי וויל נישט פאָרן קיין טרושעוויץ. זאָל באַשקע אויך האָבן אַ מאַנעקין. זאָל די פאַני זײַן גוט צו שמואלעקן...

אסתר: גוט, איך וועל זײַן גוט צו באַשקען. זי וועט האָבן אויך אַ מאַנעקין. (ווען שליאַמעק אַ טאַנצנדיקער און שפּרינגענדיקער לויפט אַרויס פון צימער, כאַפּט זיך אסתר פאַרן קאָפּ) גאָט, מײַן גאָט, וואָס ווילסטו פון די ייִדישע קינדער האָבן? (ברעכט אויס אין אַ הויך געוויין און פאַלט אויף דער שטול...).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס אַכטע בילד

עס איז אָוונט. אסתּר שטייט בײַם טיש און קוקט מיט פאַרליבטע אויגן, ווי סילוועסטער שלעפּט פון אַלע קעשענעס פּלערליי פּראָדוקטן און לייגט זיי אויפן טיש. זי הייבט אָן מאַכן אָרדענונג.

אסתּר: און דו האָסט נישט מורא, טײַערסטער מײַנער, דאָס אַלץ צו שלעפּן מיט זיך? צי לוינט צוליב אַ האַלבן קילאָ פּוטער אײַנשטעלן דאָס לעבן?

סילוועסטער: דאָס זענען נאַרישקייטן, דערמיט שטעלט מען נאָך נישט אײַן דאָס לעבן. העכסטנס וואָלט די וואָך עס בײַ מיר צוגענומען, באַטראַכט מיך ווי אַ שמאַלצאָווניק. אָדער איך וואָלט נאָך געקריגן אַ פּאָר קלעפּ, אָדער איך וואָלט זיך אויסגעקויפט מיט אַ פלאַש בראָנפן. אײַ טרינקען זיי, די שוואָבן. פאַראַן אָבער צײַטן, ווען דאָס לעבן איז טאַקע אין געפאַר. ווען איך שמוגל עטלעכע פּיסטאָלעטן. אָבער איך האָב זיי אין דער ערד! אַ נישט ראַזירטער מיט אַן אַרויפגעצויגענער גועלער לאַטע אויפן אָרעם בין איך אַ געטאָ־מענטש גלײַך מיט אַלע, וואָס גייען צוזאַמען מיט מיר אַרײַן דורכן טויער, און רוף מיך קנאַקניסל...

אסתּר: אָט טאַקע די פאַרשײַטקייט דײַנע לאָזט מיך נישט צו רו. די שעה, ווען דו דאַרפסט קומען, גייט מיר אויס דאָס חיות. איך ציטער פּאַר דער רגע, ווען דו גייסט אַריבער דעם טויער פון געטאָ, טײַערסטער מײַנער. אויף דיר האָט געוואָרפן אַן אויג סאַלעק. ער ברענט מיט נקמה צו דיר. ער מיינט, אַז ווען נישט דו, וואָלט בראָנקע געווען זײַנע. ער טשאַטעוועט אויף דיר. איך האָב מורא, איך ווער משוגע פאַר שרעק. האָסט מיך ליב, סילוועק?

סילוועסטער: כּסדר שטעלסטו מיר די זעלבע פראַגע. פון וואַנען נעמען זיך צו דיר ספקות? (נעמט זי אַרום און קושט זי) ווו איז בראָנקע, פאַרוואָס קומט זי נישט?

אסתּר: (נעמט זיך ווידער פאַרען אַרום טיש) ווען זי ווייסט, אַז דו דאַרפסט קומען, זוימט זי זיך בכיוון, זי וויל, מיר זאָלן וואָס לענגער זײַן אַליין.

סילוועסטער: ווי קלוג און סובטעל איז בראָנקע, כאָטש אויסערלעך זעט זי אויס מענלעך. די געפערלעכסטע אַקציעס נעמט זי זיך אונטער, שטייט נישט אָפּ פון די בחורים. אַמאָל פירט זי אַפילו אָן מיט די יאַטן.

אסתר: פאַראַן טעג, ווען זי קומט נישט אַהיים, מחמת די באַוואָפנטע גרופּן זענען לעצטנס אַריבער אויף אַ מיליטערישן שטייגער לעבן. גאַנצע טעג טרענירן זיי. צו וואָס דערצייל איך דאָס דיר? סתּם ווייַבערישע פּלאַפּלעריי. דו ווייסט עס בעסער פון מיר. פונדעסטוועגן פאַרגעסט נישט בראָנקע אין מיר און כאַפּט זיך אַרייַן צו מיר. הייַנט וועט זי אויך קומען, זי ווייסט, אַז דו וועסט זייַן. זי איז נייגעריק נאָך נייַעס פון דער אַרישער זייַט.

סילוועסטער: טאָ לאָמיר טאַקע צוּוואַרטן מיט אונזער קאָליאַציע. איך וועל דערווייַל עפּעס איבערקייַען, דער הונגער זאָל נישט פּייַניקן, כאַפּן אַ טרונק. ווייסט דאָך, אַז איך האָב בראָנקען ליב ווי אַן אייגענע שוועסטער.

אסתר: אָבער מער נישט ווי אַ שוועסטער, אזיסט וואָלט איך נאָך געוואָרן אייַפערזיכטיק (גיסט אָן צוויי גלעזלעך בראָנפן) לחיים! (קושנדיק זיך טרינקען זיי). ווו האָסטו גענומען אַזאַ שטאַרקן בראָנפן? איך וועל גיך שיכור ווערן. איך ווער גיך שיכור. זאָג מיר, סילוועק, ווי לאַנג וועלן דויערן די צוגרייטונגען?

סילוועסטער: עס איז נישט אַזוי פּשוט, ווי דו מיינסט. מע דאַרף נאָך מער געווער און מאָלאָטאָווס קאָקטיילן, די עסעסלייט זאָלן זיך גוט אָנטרינקען מיט זיי.

אסתר: אָבער דאָך, ווי לאַנג?

סילוועסטער: קירצער ווי לענגער, אָבער גענוי קאָן איך נישט זאָגן.

אסתר: איך האָב שוין קיין כּוח נישט צו וואַרטן. אַהער אָדער אַהין. אָדער אין וואַלד אַרייַן, אָדער לאָמיר דאָ אָנהייבן אַ באַוואָפנטע אַקציע. איך ציטער איבער מייַנע קינדערלעך. אַמאָל, ווען איך בין אַליין געווען אַ קינד, פלעגט מיר מייַן באָבע דערציילן מעשהלעך וועגן גזלנים, וועלכע האַלטן זיך אויף אין די וועלדער און באַפאַלן מענטשן. הייַנט דערצייל איך מייַנע קינדער וועגן מענטשן אויך פון וואַלד, אָבער גוטע מענטשן, וועלכע ווינען דאָרט אין שטיבעלעך טיף אין דער ערד. זיי האָבן ליב קליינע קינדער און לאָזן זיי קיין עוולה נישט טאָן. סילוועק, אמת, וועסט מיך נעמען אין וואַלד אַרייַן צוזאַמען מיט מייַנע

קינדער? דאָס גאַנצע יתומים־הויז אַריבערפירן אין וואַלד אַרײַן, יאָ, סילוועק?

סילוועסטער: קלײנע קינדער אין וואַלד אַרײַן? וואָס וועלן קלײנע קינדער טאָן אין וואַלד?

אסתר: וואָס דאַרפן זײ טאָן? קינדער דאַרפן גאָרנישט טאָן. קינדער דאַרף מען געבן עסן און טרינקען און שפּילן זיך מיט זײ. איך האָב צוגעזאָגט מײַנע קינדער, אַז איך וועל אַרויספאָרן מיט זײ אין וואַלד אַרײַן צו די גוטע מענטשן. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

סילוועסטער: ס'איז אַ שײנע מעשה פאַר קינדער.

אסתר: ס'איז גאָר נישט קײן מעשה. די מעשה דאַרף ווערן וואָר. איך מוז מיט זײ אַרויספאָרן אין וואַלד אַרײַן. ווען וועסטו מיך מיט זײ אַריבערנעמען אין וואַלד אַרײַן? הערסט!

סילוועסטער: איך הער. ס'איז גאָר אַ נײַ פּראָבלעם. האָסט ביז איצט דערפון נישט גערעדט.

אסתר: אמת. נישט גערעדט, אָבער געטראַכט. וואָס וועט זײַן, אַז די דײַטשן וועלן קומען און נעמען די קינדער קײן טרושעוויץ, כּדי אומצוברענגען? מײַן נישט, אַז מײַנע קינדער ווײסן נישט. קינדער ווײסן אַלץ און פאַרשטײען אַלץ ווי דערוואַקסענע. ווען דו וואָלסט הערן, מיט וואָס שליאַמעק איז געקומען צו מיר... (הײבט אָן שטיל צו װײנען). ווען די געסטאַפּאָ וועט קומען נאָך די קינדער, וועל איך זײ נישט איבערלאָזן אַלײן. איך וועל גײן מיט זײ. איך בין זײער מאַמע. אַ מאַמע לאָזט נישט איבער אירע קינדער אין אַ געפאַר. אָבער איך וויל די קינדער פריִער אַרויספירן אין וואַלד אַרײַן. ווען וועסטו, סילוועק, אַריבערנעמען די קינדער אין וואַלד אַרײַן? ווען?

סילוועסטער: ווי נאָר איך וועל זיך טרעפן מיט די חברים. מע דאַרף אויסאַרבעטן אַ פּלאַן.

אסתר: דאַן וועלן מיר שוין זײַן כּסדר צוזאַמען. אמת? דו וועסט זײַן אין וואַלד און איך וועל זײַן אין וואַלד. דו וועסט גײן אין שטאָט אַרײַן, וועל איך מיטגײן מיט דיר. מיט דיר איז מיר גאָרנישט שרעקלעך, אַפילו דער טויט. (אַביסל שוין באַרויִשט פון בראָנפן). איך וועל זײַן אַ

מאַמע צו די קינדער, איך וועל זײַן אַ מאַמע צו דײַן קינד, צו אונזער קינד... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? איך געפעל דיר שוין נישט? (באַטראַכט איר אָנטועכץ). אַמאָל האָב איך געהאַט זיידענע זאַכן, פאַרביקע קליידער, שיינע האָר. הײַנט געפעל איך דיר שוין נישט? איך בין די זעלבע, סילוועק, די זעלבע אסתר. קוק נישט אויף מײַנע מיאוסע מלבושים. (אַ רגע שטיל, טראַכט) וואַרט אַ מינוט, וואַרט, וואַרט. אַט וועסטו באַלד האָבן די אַמאָליקע אסתר! (זי לאָזט שטיין סילוועסטערן און פאַרשווינדט הינטער אַ שטייענדיקן אין ווינקל פּאַראַוואַן. עס ווערט שטיל אַ געוויסע צײַט. לויפט אַרויס פון הינטערן פּאַראַוואַן אָנגעטון אין אַ ווײַס קלאַשאַדטיק קלייד, טיף דעקאָלטירט, אין רויטע לאַטשן. זי זעט אויס עטוואָס פאַרשײַט אויסגעלאַסן. בלײַבט שטיין פאַר סילוועסטערן אַ צעשטראַלטע...) אַט האָסטו דײַן אַמאָליקע אסתר. אַזוי וועל איך זײַן אָנגעטון, ווען מיר וועלן פּראַוועװן אונזער חתונה. איך געפעל דיר? טאַנץ מיט מיר! וואָס זשע שטייסטו? איך געפעל דיר נישט? ווילסט נישט האָבן קיין קינד מיט מיר? טאַנץ מיט מיר. לעב מיט מיר! (שלעפּט אים צו זיך. הייבט אָן זינגען אַ טאַנגאָ). ווילסט נישט אסתרן?...וועל איך שטאַרבן! ניין, איך וויל נישט שטאַרבן! איך וויל נישט, איך וויל נישט (עקזאַלטירט), איך וויל נישט פאַרן קיין טרושעוויץ! איך וויל לעבן, זײַן מיט דיר, אייביק מיט דיר. איך וויל נישט שטאַרבן! (ברעכט אויס אין אַ געוויין, קערט איבער אַ שטול, רײַסט אַראָפּ די לאַטשן און וואַרפט זיי אין סילוועסטערן. פּרוּווט אַראָפּרײַסן פון זיך דאָס קלייד. סילוועסטער כאַפּט זי אין זײַנע אָרעמס, קושט זי).

סילוועסטער: באַרויִק זיך, איינציקע מײַנע. מיר וועלן פאָרן אין וואַלד אַרײַן. וועסט זײַן מיט מיר. מיר וועלן אַריבערפירן די קינדער פון יתומים־הויז אין וואַלד אַרײַן. וועסט זײַן אַ מאַמע צו אַלע קינדער און צו אונזער קינד. די דײַטשן וועט מען פאַרטרײַבן פון לאַנד. מיר וועלן דאַן אַריבערפאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן און לעבן צוזאַמען. איך האָב דיך ליב, טײַערסטע, אסתרקע מײַנע...

אסתר: אָבער באַשקע וועט האָבן אַ מאַנעקין... און אַלע קינדער מײַנע וועלן אַריבערפאָרן אין וואַלד אַרײַן... (וויינט מיט אַ געהאַמעוועטן יאָמער...).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס נײַנטע בילד

די סצענע איז האָריזאָנטאַל אײַנגעטײלט: דער אונטערשטער טײל איז אינגאַנצן פינצטער. דער אויבערשטער — שטאַרק באַלויכטן. אין אויבערשטן טײל באַװײַזן זיך הענט. בלויז ביז די עלנבויגנס. הענט פון מענער, פרויען און קינדער. די הענט זוכן אַן אָנהאַלט, אַן אָנשפּאַר, דראַפּען זיך אויף די גליטשיקע ווענט. די הענט דרייען זיך אין אָנגסטן. ביסלעכווייז הייבן אָן די הענט לאַנגזאַם אַראָפּצופאַלן, פאַרשווינדן. דער גערענגל פון די הענט גייט אויס. די לעצטע פּאָר שטאַרקע, דיקע, אויסגעהאָרעוועטע. מענערישע גרויסע הענט (היפּערבאָליש) פאַלן אַראָפּ.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס צענטע בילד

דניאל מאַרשאַק זיצט בײַם טיש אין זײַן ביוראָ־צימער פון „יודען־ראַט". לייענט פּאַפּירן. מע קלאַפּט אין טיר.

דניאל: אַרײַן! (עס קומט אַרײַן מאַטעס שאַפּירע. לייטער פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט פון יודען־ראַט).

שאַפּירע: גוט מאָרגן, הער פּרעזעס.

דניאל: גוט מאָרגן, גוט יאָר. וואָס עפּעס אַזוי פרי?

שאַפּירע: איך האָב אײַך נאָך נעכטן אַרומגעזוכט. כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו אים.

דניאל: צו וועמען?

שאַפּירע: צו וועמען? צו גרינעוויזע.

דניאל: זעצט אײַך אַוועק און דערציילט, נאָר מאַכט עס בקיצור.

שאַפּירע: בקיצור איז בקיצור. לויט דער נאָרמע דאַרפן מיר באַקומען הײַנטיקן חודש 720 טאָן קאַרטאָפל, 60 טאָן ברוקווע, 16 טאָן רעטעך און 2 טאָן מאַרמעלאַד. און גרינעוויזע גיט מיר פּונקט אַ פערט־חלק דערפון, וואָס איך דאַרף באַקומען. וואָס־זשע זאָגט איר נישט צו אים? פרעג איך אים, צי דאַרף מען פאַרקלענערן די ראַציע? זאָגט ער, אַז עס איז נישט פאַראַן אַזאַ פאַראָרדענונג. „אויב דו וועסט געבן ווינציקער, וועסטו באַצאָלן מיט דײַן פאַרכעוואָטן יידישן קאָפּ". און שמייכלט. „די פּראָדוקטן — זאָגט ער — וואָס דו וועסט באַקומען, זאָלסטו פונאַנדערטיילן

לויט דער ביז איצטיקער נאָרמע. פאַר דער רעשט יידן זאָל דיר דער קאָפּ נישט ברעכן. פאַר זיי וועט שוין זאָרגן טרושעוויץ". און שמייכלט ווידער.

דניאל: אַרבעטס־מענטשן אַרויסשיקן קיין טרושעוויץ? צי האָט ער אַמאָל נישט געשפּאַסט מיט אייַך, גרינעוויזע? (עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר). אַרייַן, קומט אַרייַן. (עס באַווייַזט זיך אינזשיניער מאָוריצי קאַן, לייטער פון דער טעכנישער אָפּטיילונג. באַגריסט העפלעך, אייַנגעהאַלטן).

קאַן: גוט מאָרגן, הער פּרעזעס. איך האָב באַקומען פון דער טעכנישער אָפּטיילונג פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אַ פאַראָרדענונג פונאַנדער צו נעמען די עלעקטרישע מאַשינען פון דרייַ שאָפּן און 87 וואַרשטאַטן. די מאַשינען אַרויסשיקן אין הינטערלאַנד און די מענטשן — קיין טרושעוויץ. מאָטיוון: זיכערהייט, מחמת דער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון שונאס אַוויאַציע.

דניאל: צי ווייסט זאַטעלרינג פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג, הער אינזשיניער?

קאַן: כ'האָב קיין אַנונג נישט. איך האָב פאַרגעסן צוגעבן. דער דעמאָנטאַזש דאַרף דורכגעפירט ווערן אין משך פון דרייַ טעג. אַזוי זאָגט זיך אין דער פאַראָרדענונג.

דניאל: כּל־זמן איך אַליין האָב נישט באַקומען דירעקט פון זאַטעלרינגען קיין פאַראָרדענונג — דאַרפט איר נישט מאַכן קיין שום ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט און אין דער באַשפּייַזונג פון געטאָ.

קאַן: פאַרן אויספירן די פאַראָרדענונג האָט מען מיך פּערזענלעך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך.

שאַפּירע: און מיך אויך.

דניאל: איר זענט מייַנע באַאַמטע און פאַר אייַך זענען גילטיק בלויז מייַנע פאַראָרדענונגען. איך טראָג די אחריות פאַר זיך און פאַר אייַך. (נעמט דאָס טעלעפאָן־טרייַבל): איך בעט אַ פאַרבינדונג מיטן הער זאַטעלרינג. (עס גייען אַדורך עטלעכע צענדליק סעקונדן...) האַלאָ, הער זאַטעלרינג? האַלאָ... וואָס זאָגט דאָס פרייליין? נישטאָ דער הער זאַטעלרינג... ווען וועט דער הער זאַטעלרינג זייַן?... דאָס פרייליין ווייסט נישט. (לייגט אַוועק דאָס טרייבל. אין טיר דערהערט זיך ווידער אַ קלאַפּ). אַרייַנגיין, איך בעט אַרייַנגיין. (עס קומט אַרייַן סענדער קאַלישער, לייטער פון דער אַדמיניסטראַציע־אָפּטיילונג פון יודען־ראַט. רעדט מיט הכנעה).

קאַלישער: גוט מאָרגן, הער פּרעזעס! אַנטשולדיקט מיר פֿאַר מײַן דרײַסטקייט, וואָס איך בין געקומען צו אײַך נישט אין דער באַשטימטער פֿאַר מיר אָמט־שעה. זײַט נישט בייז אויף מיר. אויב איר וועט דערלויבן, גיי איך תּיכּף אַוועק. (מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקגיין).

דניאל: (אַביסל אויפגערעגט) רעדט צו דער זאַך, מאַכט נישט קיין אָנשטעלן.

קאַלישער: איך האָב דעם כּבֿוד אײַך צו מעלדן, אַז איך האָב באַקומען פֿון קעמפּינאַטוסן אַ פֿאַראָרדענונג דורכצופֿירן אַ רעדוקציע פֿון דעם אַדמיניסטראַציע־פּערסאָנאַל אויף זיבעציק פּראָצענט, מאַכן אַ גענויע ליסטע פֿון די באַאַמטע, וועלכע בלײַבן, און זיי אַרויסגעבן עקסטראַ אַרבעטס־שײַנען. וואָס צו טאָן מיט די אָפּגעזאָגטע, וועט קומען אַ באַזונדערע פֿאַראָרדענונג. איך האָב באַקומען צוויי טעג צײַט אויף דורכצופֿירן די פֿאַראָרדענונג. וואָס זאָל איך טאָן?

דניאל: איך וועל רעדן מיט זאַטעלרינגען און אויפֿקלערן דעם גאַנצן ענין. עס איז מסתּמא אַ מיספֿאַרשטענדעניש. (עס דערהערט זיך אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. און איידער דניאל מאַרשאַק באַוויַיזט נאָך צו ענטפֿערן. רײַסט זיך אַרײַן מיט אימפּעט אין צימער משה שטריקנצ'יִער, לייטער פֿון רימער־וואַרשטאַט און הייבט אָן גלײַך צו רעדן).

שטריקנציִער: וואָס שיקט איר, פּרעזעס, שנײַדער צו מיר אין וואַרשטאַט אַרײַן? שנײַדער אין דער רימעריי? אַן אײַנפֿאַל? גייט, גיט אַ קוק, וואָס פֿאַראַ אָנגעלויף פֿון מענטשן ס'איז געוואָרן אין מײַן רימעריי, מיט ווײַבער און קינדער!

דניאל: ווער געשיקט, וואָס געשיקט, וועלכע מענטשן? איך הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין אַ וואָרט, וואָס איר רעדט.

שטריקנציִער: די מענטשן טענהן, דאָס איר, הער פּרעזעס, האָט באַפֿוילן איבערצושיקן אַלע שנײַדער אין מײַן רימעריי, ווײַל די שנײַדער־וואַרשטאַטן ווערן ליקווידירט און זיי האָבן מורא צו בלײַבן אָן אַרבעט. זיי זאָגן, אַז מען פּאַקט שוין די נײַ־מאַשינעס אין אויטאָמאָבילן.

דניאל: ווער האָט פֿאַראָרדנט אַוועקצונעמען די נײַ־מאַשינען? ווער?

קאָן: איך, הער פּרעזעס!

דניאל: אָן מײַן הסכּם? אָן מײַן הסכּם?

קאָן: איך פֿיר אויס דעם באַפֿעל פֿון דער טעכנישער אָפּטיילונג פֿון

דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג. איך האָב נישט בדעה צו גיין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

שטריקנציַער: אַז דער אינזשעניער קאָן האָט מורא פאַר זיַין קאָפּ, פאַרוואָס זאָל איך מיַין קאָפּ איַינשטעלן? איך וועל קיין איין שנײַדער נישט אַריַינעמען אין מיַין רימער־וואַרשטאַט! (דער טעלעפאָן הייבט אָן קלינגען).

דניאל: האַלאָ, דאָס בין איך, דניאל מאַרשאַק, ווער רעדט? העכער, העכער! ווער? סאַלעק? פון וואַנען רעדסטו? וואָס טוסטו אין דער געטאָ־פּאַרוואַלטונג? פאַרוואָס האָט דער הער זאַטעלרינג מיך נישט געלאָזט רופן? מע היט מיַין געזונט... וואָס? וויפל? 187 קינדער? וווהין? קיין טרושעוויץ? קום תיכף צו גיין!... (וואַרפט דאָס טרײַבל מיט טראַסק. הייבט אָן האַסטיק צו שפּאַצירן איבערן צימער. אַלע צעשטעלן זיך אין די זיַיטן און פאָלגן נאָך מיט די אויגן זיַין גאַנג). און איך האָב געמיינט, אַז מע האָט אין אונז שוין פאַרגעסן. יעדער טאָג איז דאָך געווען מיינער, אַ געוווּנענער, אַלץ נעענטער צום סוף פון דער מלחמה. (אַ לייַכט קלאַפּן אין טיר) אַריַין! (עס קומט אַריַין סאַלעק. בלײַבט שטיין דינסטלעך בײַ דער טיר) קום נעענטער. דערצייל, וואָס וויל האָבן דער הער זאַטעלרינג? וואָס זענען אים די קינדער פון יתומים־הויז אַזוי גרויס אין די אויגן, האַ?

סאַלעק: דער הער זאַטעלרינג האָט באַפוילן אַרויסצושיקן אַלע נישט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון געטאָ.

דניאל: וואָס פאַרא שייכות האָט עס צו קינדער. זיי לאָזן זיך נישט איַינטיילן אין פּראָדוקטיווע און נישט־פּראָדוקטיווע. גיי זאָג זאַטעלרינגען, ער זאָל זיך געפינען בעסערע געשעפטן...

סאַלעק: איר, הער פּרעזעס, זענט מיט אים אין נעענטערע באַציִונגען. זאָגט אים דאָס פערזענלעך. איבעריקנס האָט דאָס שוין נישט קיין פּראַקטישן באַדייט, וויַיל די פאַראָרדענונג איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן און נאָך היַינט דאַרף זי אויסגעפירט ווערן.

דניאל: אָן מיַין אונטערשריפט איז קיין שום פאַראָרדענונג אין געטאָ נישט גילטיק. דערוויַיל בין איך נאָך ראָש־הקהל.

סאַלעק: די פאַראָרדענונג איז שוין אונטערגעשריבן געוואָרן.

דניאל: ווער האָט זי אונטערגעשריבן? ווער? ווער? (גייט פון איין לייטער צום אַנדערן, קוקט זיי אין די אויגן, כאַפּט אייניקע פאַר די

קלאַפּעס, טרייסלט זיי און שרײַט): ווער האָט די פּאַראַדענונג אונטער־געשריבן? ווער? איך וועל אײַך אַלע שיקן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ!
(קיינער פון די לייטערס ענטפערט נישט. עס ווערט שטיל. ער קוקט זיך אַרום מיט חשד...).

סאַלעק: איך, הער פּרעזעס, האָב די פּאַראַדענונג אונטערגעשריבן.

דניאל: ווער האָט דיר אַזאַ פולמאַכט געגעבן?

סאַלעק: הער זאַטעלרינג. ער האָט געזאָגט, אַז אַרויסשיקן 187 קינדער איז אַזאַ נישטיקער ענין, אַז דערויף איז גענוג מײַן אונטערשריפט אַלס קאָמענדאַנט פון דער אָרדענונגס־דינסט.

דניאל: הער זאַטעלרינג האָט דיר אַזוינס געזאָגט? זאָגסט ליגן, זאָגסט ליגן. איך קען דעם הער זאַטעלרינג, ער וועט אַזוינס נישט זאָגן. גיי, שטעל אָפּ די אַקציע.

סאַלעק: איך וועל נישט גיין. דאָס איז הער זאַטעלרינגס באַפעל, איך מוז אים אויספירן.

דניאל: און איך הייס דיר אָפּשטעלן די אַקציע. איך באַפעל דיר.

סאַלעק: פאַר מיר גילט דער באַפעל פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. איבעריקנס האָב איך געהאַנדלט אין הסכם מיט אײַער לערע. כדי צו דערהאַלטן דעם גוף, מעג מען זיך לאָזן אָפּשנײַדן אַ האַנט, אַ פוס. וואָס זשע ווילט איר?

דניאל: גיי תיכף אַרויס פון דאַנען. איך קאָן אויף דײַן צורה נישט קוקן. (נעמט דאָס טרײַבל) איך בעט מיך פאַרבינדן מיטן הער זאַטעלרינג. (באַמערקט סאַלעקן). וואָס זשע שטייסטו נאָך דאָ? נישטאָ הער זאַטעלרינג. (לייגט אַוועק דאָס טעלעפאָן־טרײַבל. הייבט אָן אַרומשפּאַצירן איבערן צימער. עס קומט לאַנגזאַם אַרײַן שמעון). וואָס טוסטו, טאַטע, אין דער קהילה? איז עפּעס אין דער היים געשען?

שמעון: אין דער היים איז גאָרנישט געשען, נאָר אין שטאָט טוט זיך חושך. באו מים עד נפש.

דניאל: „באו מים עד נפש", זאָגסטו, טאַטע.

סאַלעק: הער פּרעזעס...

דניאל: איך וויל מער נישט הערן, וואָס דו רעדסט צו מיר.

סאַלעק: איך מעלד געהאָרכזאַם, אַז איך האָב פאַר אײַך אַ דינסטלעכע אינסטרוקציע.

דניאל: פון ווען אָן ביסטו עס געוואָרן דער פאַרמיטלער אין איבערגעבן

דינסטלעכע אינסטרוקציעס ? ביסט שוין געוואָרן אַ שליח פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג ?

סאַלעק: דער הער זאַטעלרינג האָט מיר איבערגעגעבן פאַר אײַך אַ שריפטלעכע פאַראָרדענונג. (נעמט אַרויס אַ פּאַפּירל, דערלאַנגט עס דניאלן און גייט צוריק אויף זײַן אָרט).

דניאל: (לייענט דאָס פּאַפּיר פריִער מיט די אויגן, שפּעטער אויפן קול):
„אַלע אונטערנעמונגען פון געטאָ, וועלכע אַרבעטן נישט דירעקט פאַר דער „לופט־וואַפע" דאַרפן ליקווידירט ווערן און די באַשעפטיקטע אין זיי דאַרפן אין משך פון דרײַ טעג, פאַרזאָרגטע מיט שפּײַז און מלבושים לויט די פאָרשריפטן צוגעשטעלט ווערן צום אומשלאַג־פּלאַץ, כדי פון דאָרטן אַריבערגעפירט צו ווערן אויף אַרבעט קיין טרושעוויץ. פאַר דער אָרדענונג, רו און לעבנסזיכערקייט בײַם אַדורכפירן די איבערזידלונגס־אַקציע ווערט פערזענלעך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך „דער עלטעסטע דער יודען" דניאל מאַרשאַק, וועלכער האָט צו זײַן פאַרפיגונג די יידישע אָרדענונגס־דינסט. האַנס זאַטעלרינג".

סאַלעק: איך וואַרט, הער פּרעזעס. איך בין צו אײַער דינסט.

דניאל: צו וועלכער דינסט ? דו ווייסט וואָס דו רעדסט ? דאָס הייסט דאָך ליקווידירן דרײַ פערטל פון די אַרבעטס־וואַרשטאַטן און אַרויסשיקן אַכציק פּראָצענט יידן פון שטאָט. איך דאַרף, הייסט עס, מיט מײַנע אייגענע הענט צעברעכן די וואַרשטאַטן. ווו יידן האָבן געאַרבעט !

סאַלעק: פּעטער דניאל, צי ווייסט איר וואָס איר רעדט ? איר ווילט זיך און אונדז אַלעמען אומגליקלעך מאַכן ?

דניאל: וואָס פאַרא נוצן וועט דערפון זאַטעלרינג האָבן ? ער וועט דאָך בלײַבן בײַם טישל און גיין אויפן פראָנט ?

סאַלעק: זאַטעלרינג האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן, דאָס איז אַ באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, פון הימלערן, פון בערלין.

שמעון: גיי זאָג דײַן זאַטעלרינגען, אַז דניאל מאַרשאַק וועט די דאָזיקע פאַראָרדענונג נישט אויספירן. וואָס זשע שטייסטו ?... גיי, זאָג איך דיר !

סאַלעק: פּעטער דניאל, הערט נישט וואָס דער זיידע, דער עובר בטל רעדט, ער גייט גורם זײַן דעם טויט פון אונזער גאַנצער משפחה. אויב איר וועט נישט אויספירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג, וועט זי עמיצער אַנדערש אויספירן.

דניאל: ווער וועט זי אויספירן?

סאַלעק: ווער? איך וועל זי אויספירן.

קאַן: מיר וועלן זי אויספירן.

דניאל: (צו סאַלעקן) גיי תּיכּף אַרויס פון דאַנען... גייט אַלע אַרויס פון דאַנען. אַוועק פון מײַנע אויגן, מנובלים, טאַטע בלײַב! (אַלע שאַרן זיך אַרויס פון צימער. עס הערן זיך שטימען): „ער איז משוגע געוואָרן", „דער פּרעזעס איז חסר דעה, ער ברענגט דעם טויט אויף זיך און אויף אונז אַלעמען. גערעכט איז סאַלעק". (עס ווערט שטיל. דניאל, אַ מידער, זעצט זיך אויף זײַן פּאַטעל).

די דײַטשן האָבן מיך אָפּגענאַרט. איך האָב זיי שטיקער געגעבן, געריסן איינציקווײַז אברים, כּדי אָפּצוראַטעווען דעם גוף. איצט האָבן זיי אויפגעהויבן די האַק איבערן קאָפּ, זיי גייען שיקן די גאַנצע שטאָט אין פײַער אַרײַן. (הייבט זיך אויף פון אָרט). מײַן גאַנצער בנין פאַלט אײַן, מײַן גאַנצער בנין פאַלט אײַן. און אפשר פאַלט ער נאָך נישט אײַן? אפשר קאָן איך נאָך עפּעס אָפּראַטעווען? אַז איך קאָן נישט ראַטעווען די גאַנצע שטאָט, זאָל איך אפשר ראַטעווען די רעשט. עפּעס זאָל בלײַבן. גאָט, גרויסער גאָט! פאַרוואָס האָסטו מיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַזאַ נסיון? פאַרוואָס? זענען שוין טאַקע אונזערע זינד אַזוי גרויס, אַז מיר זענען אַלע חייב מיתה? אַ גאַנץ פאָלק חייב מיתה? וואָס זענען שולדיק די קינדער? ווי קאָנסטו זיך צוקוקן, ווי אַ שטאָט יידן גייט אויס אין טײַכן בלוט און פאַרשווינדט אין פלאַמען פײַער? פאַרוואָס האָסטו, גאָט, פאַרלאָזן די ערד? ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון... וואָס האָב איך צו טאָן? אויספירן די פאַראָרדענונג צי נישט? הערסט נישט מײַנע רייד. ביסט אַוועק אין די הויכע הימלען. און אפשר ביסטו אין זיי קיינמאָל נישט געווען?

שמעון: דניאל! דניאל!

דניאל: (קוקט אויפן פאָטער, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט) וואָס האָב איך געזאָגט? וואָס האָב איך געזאָגט? (פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנט) איך האָב גאָרנישט געזאָגט. טאַטע, דאָס רעדט פון מיר דאָס משוגעת. איך פאַרליר דעם צלם אלקים. איך האָב אים שוין פאַרלוירן... אַ מערדער בין איך. טויזנטער יידן האָב איך אין פײַער געשיקט. אַ חייב מיתה בין איך. אין מיטן שטאָט דאַרף מען מיך אויפהענגען...

און אפשר זאָל איך זיך אַליין אַ שטראָף אויסמעסטן? אַליין די מיתה אָנטון? אַ מיתה, אַ מיתה... ווו איז מײַן פּאַסעק? ווו איז אַ האַק? ניין... ניין... נאָר נישט דאָס... נאָר נישט דאָס... וואָס־זשע האָב איך צו טאָן? (טראַכט). און אפשר זאָל איך נאָך אויך די פאַראָרדענונג פון דער געסטאַפּאָ אויספירן?... אַליין מאַכן די רשימה? אפשר? זאָל איך שוין אפשר גיין ביז אַראָפּ? פאַלן ביז צום דנאָ? ניין! ניין!

שמעון: שטעל מיך דעם ערשטן אַרויף אויף דער רשימה.

דניאל: (קוקט שטאַר אויפן פּאָטער). דעם ערשטן אויף דער רשימה... דעם ערשטן אויף דער רשימה... (פּלוצים גיט ער זיך אַ ריס צו זײַן טיש, עפנט דעם שופלאָד, נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, לייגט אים אויפן טיש, לויפט צו דער טיר, עפנט זי אויף און הייבט אָן הויך צו רופן): סאַלעק, סאַלעק, קאָן, שאַפּירע, שטריקנבציַער, אַלע, אַלע, אַלע, קומט אַרײַן! (אַלע באַווײַזן זיך אויף דער סצענע, צעטומלטע, צעשראָקענע, מיטן אויסנאָם פון סאַלעקן, וועלכער שטעלט זיך אַוועק רויִק, דינסטלעך פאַר דניאלן).

סאַלעק: איך בין געהאָרכזאַם צו אײַער דינסט. וואָס זאָל איך טאָן?

דניאל: ווילסט פון מיר די ליסטע? ווילסט פון מיר די ליסטע? זעץ זיך אויף מײַן אָרט, בײַם טיש, זעץ זיך! (סאַלעק וואַקלט זיך, פאַרשטייט נישט דניאלס מײַן) זעץ זיך, איך באַפעל דיר! (סאַלעק זעצט זיך. דניאל גיט אים דעם בויגן פּאַפּיר) נאַ, אָט האָסטו די ליסטע, שרײַב מיך דעם ערשטן, שרײַב: דניאל מאַרשאַק, דניאל מאַרשאַק, דניאל מאַרשאַק, ימח שמו וזכרו, ימח שמו וזכרו! (קאָנסטערנאַציע).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס עלעפטע בילד

די לינקע זײַט פון דער סצענע שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָנצענטראַט פון הײַזער פון אַ יידיש שטעטל (אַלאַ שאַגאַל). פון דער מיט סצענע לאָזן זיך אַראָפּ פון עטלעכע שטאָק לאַנגע טרעפּ. זיי זענען באַלויכטן מיט אַ ווײַס ליכט. עטלעכע צענדליק סעקונדן איז אַבסאָלוט שטיל. דערנאָך הייבן זיך אָן באַווײַזן יידן, מענער מיט קלומעקעס אויף די פּלייצעס, פרויען מיט קינדער, געהאַלטן פאַר די הענטלעך. בראָש פון זיי גייט דער זקן, שמעון מאַרשאַק, אײַנגעוויקלט אין אַ טלית. ער פירט די עדה יידן אויף לינקס פון דער סצענע. צום סוף גייט,

אָפּגעטײלט, אײנער אַלײן, דניאל מאַרשאַק, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, וואַנזיניק. מוזיק שפּילט שטיל אַ טרויעריקע ייִדישע מעלאָדיע.

די צווייטע העלפט פון דער סצענע, וואָס איז געווען ביז דאַן אײַנגעהילט אין אַ פינצטערניש, הייבט אָן לאַנגזאַם באַשײַנט צו ווערן פון אַ רויט ליכט, וואָס ווערט אַלץ העלער און שאַרפער, באַגלייט מיט שטילער מוזיק פון אַ העראָיִשער מעלאָדיע. אין שײַן פון רויטן ליכט באַווײַזן זיך מויערן מיט פענצטער, פון וועלכע עס שטעקן אַרויס לופעס פון ביקסן און קוילן־וואַרפער. פון דער רעכטער זײַט סצענע באַווײַזן זיך מענטשן, ארומגעוויקלט מיט פּאַטראָן־טאַשן. ס׳איז אין זיי צו דערקענען די אָנטיילנעמער אין דער צווישן־פּאַרטייאישער באַראַטונג, אײַנשליסלעך יעקבן. זיי גייען אַרויף דורך טרעפּ צו די באַוואָפנטע פּונקטן פון די מויערן. ביסלעכווייז באַהערשט דאָס רויטע ליכט און די העראָיִשע מעלאָדיע דעם גאַנצן שטח און רוים פון דער סצענע. עס ווערט שטיל. שטופּנווייז רײַסט אָן דער טראָט פון דײַטשיש מיליטער. פון אַלע זײַטן מויערן דערהערט זיך אַ מעכטיקע שטימע: חברים פון דער פאַראייניקטער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: פײַער, פײַער, פײַער!

אָנשטאָט אַ קנאַל פון ביקסן און קוילן־וואַרפער ברעכט אויס אַ דונער פון געזאַנג:

און ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט!

פאָרהאַנג פאַלט

סוף

דער נדר

ביבלישער מאָטיוו

דראַמע אין 8 בילדער

גע‌הייליקט
מײַן טאָכטער **מייקעלע**
וואָס איז יונג פאַרשניטן געוואָרן

עס נעמען אָנטייל:

יפתח — חיל־פירער
נעמי — זיַין טאָכטער
הדסה — נעמיס אָם
יהוחנן — הכהן
נביא בקבוקיה
פלתי, זכריה — יפתחס ברידער
עבד — כהן, יהוחננס געהילף
חגין — יפתחס פאַרטרעטער
אבנר, אחיעזר, שלומיאל, בצלאל — שליחים פון דער שטאָט מצפה
כרמי, זמרי, קליטא — אָנפירער פון יפתחס מיליטערישע מחנות
גמליאל — לוי
גרשון — נעמיס חתן
תרצה — פלתיס און זכריהס מוטער
כזבי, חגלה — נעמיס דינסטן
מחלה — קעכין
זעלנער, פאַסטעכער, לוויים, נביאים, מיידלעך, טענצער און טענצערינס, קנעכט.

דאָס ערשטע בילד

פראַגנט פון אַ פויערישער פאַרמעגלעכער הײַזקע אויפן פאַן פון אַ בערגיקער געגנט; אַרום פּאַלמען און ציפּריסן; אַ זוניקער פרימאָרגן. אין דער רעכטער זײַט געפינט זיך אַ פּאַדיום, איבערגעצויגן מיט אַ דיוואַן. בײַ דער וואַנט אויף אַ פּאָליצע — דרײַ וואַזעס מיט אויפ־שריפטן: פלתי, זכריה, יפתח.

עס קומען אַרײַן פלתי און זכריה. פלתי, דער עלטערער טראָגט אַ שוואַרץ בערדל, זכריה איז אַ בלאָנדין. די האָר פון זייערע קעפּ זענען גלײַכמעסיק אַרומגעשוירן, אָפּגעהאַקט. זעצן זיך בײַם פּאַדיום.

פלתי: אַז עס טראָגט אים דער רוח ווייסט ווו אַרום, אַ פלעדערמויז, נישט קיין מענטש.

זכריה: ער וועט אונזער נחלה צעטראָגן.

פלתי: נעכטן בין איך געווען אויפן באַרג, איך זע, די לעמער און ציגן דרייען זיך אַרום אַליין, הפקר, און ער, יפתח, אונזער ברודערל זיצט זיך אין שאָטן פון שפּאַלט מיט זײַן חברה און שניצט פײַפלעך.

זכריה: צו וואָס דאַרף ער האָבן פײַפלעך?

פלתי: דער רוח זאָל אים וויסן, אַז פרעסן האָט ער, טאָ וואָס גייט אים אָן די נחלה, האָרעווע אויף אים, און ער וועט קומען צום גרייטן. מוטער, דערלאַנג אין מויל אַרײַן.

תרצה: (פון דער הײַזקע) תיכף ומיד ברענג איך דאָס עסן, איין רגע, קינדער מײַנע. (ברענגט אַרײַן אַ גרויסע ערדענע שיסל, שטעלט זי אַוועק אויפן פּאַדיום).

פלתי: אויפגעשטאַנען מיט מאָרגן־שטערן, אין ווייגאַרטן געליגן. קיין ביס, קיין טרונק, מיר זענען הונגעריק ווי די וועלף, און ווײַן קאָנען מיר אויסטרינקען פון אַלע קעלטערס פון מצפּה (תרצה לויפט אַהין און צוריק, ברענגט גרויסע פלעצלעך, שטיקלעך פלייש און לאָגלעך ווײַן).

תרצה: עסט, קינדער מײַנע, און זאָל די מזל־ברכה וואַקסן אין אײַערע הענט. ווו איז יפתח?

פלתי: בענקסט נאָך אים?

תרצה: די גאַנצע נאַכט געהיט די שאָף אויפן באַרג.

פלתי: טאָ טראָג אים אַהין דעם טאָפּ פלייש, דעם פוסטאונפּאַסטניק!

תרצה: וואָס ווילסטו פון אים?

זכריה: וועמענס מאַמע ביסטו, זײַנע צי אונזערע?

תרצה: ער איז נישט מײַן זון, אָבער אײַער ברודער, דער זון פון אײַער פאָטער גלעד.

פלתי: נײן, ער איז אַ פרעמדער, ער שטאַמט פון אַ זינדיקער טראַכט. דער פאָטער האָט מיט אַ זונה געלעבט און אונז אַ יורש אונטערגעוואָרפן.

תרצה: רעד נישט קײן לשון־הרע אויף דײַן פאָטער.

זכריה: אויב ער געפעלט דיר אַזוי, קאָנסטו אים נעמען און גײן זיך מיט אים.

תרצה: ווײ איז מיר, צו וואָס זיך דערלעבט. מײַנע זין זאָלן מיר פון מײַן שטוב טרײַבן.

פלתי: ס׳איז אונזער טאַטנס ירושה, און ער האָט צו איר קײן שײכות נישט.

זכריה: שוין צײַט צו מאַכן די חלוקה.

יפתח: (אַ שײנער בחור אַריבער די צוואַנציק, מיט אַ קורץ בערדל און לאַנגע געקרײַזלטע האָר, קומט אַרײַן האַסטיק, הענגט אויף דעם פײַלנבויגן אויף דער וואַנט) שלום צו אײַך!...

תרצה: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען (די ברידער זיצן אָנגעברוגזטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שווײַגן. יפתח קוקט אויף זײ).

יפתח: איז עפּעס שלעכטס געשען?

תרצה: פרעג נישט, זעץ זיך און עס.

יפתח: (קוקט אַרײַן אין לאָגל ווײַן) גיב מיר מילך, מומע. (תרצה לויפט און ברענגט אים מילך, גיסט אים אָן).

פלתי: (רוקט אים אונטער אַ קוואָרט ווײַן) טרינק!

יפתח: ווײסט דאָך, פלתי, אַז איך טרינק נישט קײן ווײַן.

פלתי: אַז דו זיצסט מיט אונז צוזאַמען, טאָ עס און טרינק, וואָס מיר עסן און טרינקען — זײ נישט קײן מיוחס.

יפתח: איך בין נישט קײן מיוחס, אַזוי דין איך אונזער גאָט אלהים.

פלתי: לערן אונז נישט, ווי מיר דאַרפן דינען גאָט. דער וואָס גיט אונז די גערעטעניש, צו דעם בוקן מיר זיך.

זכריה: און וואָס גיט דיר דײַן גאָט אלהים? זיצט נישט אויף אַן אָרט, שוועבט אין די וואָלקנס, איז תּמיד אַ בײזער, דונערט און בליצט, — בעל

שוועבט אין די וואָלקנס, איז תּמיד אַ בײזער, דונערט און בליצט — בעל

איז אַ גוטער גאָט. ער גיט דעם רעגן, די גערעטעניש, טרינק זײַן ווײַן, אַז פלתי הייסט. פלתין דאַרפן מיר פאָלגן, ער איז דער עלטסטער אין אונזער הויז.

יפתח: און די מוטער תרצה, ווער איז ?

פלתי: זי איז אַן אישה, האָט אַ קנאָפּע דעה.

יפתח: אונזער פאָטער גלעד האָט אונז געגעבן אַ גלײַכע דעה.

זכריה: ניין, נישט קיין גלײַכע דעה. גיי זיך צו דײַן גאָט אלהים, זאָל ער דיר געבן.

פלתי: וואָס פאַרא שייכות האָסטו צו אונזער ירושה ?

יפתח: איך האָרעווע, שלאָף נישט קיין נעכט און היט די שאָף און ציגן.

(פלתי און זכריה צעלאַכן זיך).

פלתי: ער האָרעוועט... זיצט אין די היילן מיט זײַן חברה און מאַכט פײַפלעך.

יפתח: וועלכע פײַפלעך ?

זכריה: פלתי האָט געזען, ווי דו האָסט געשניצט פײַפלעך, אפשר נישט אמת ?

יפתח: (צעלאַכט זיך) פײַפלעך ?

זכריה: וואָס איז דער געלעכטער ?

יפתח: פײַלן שאַרפן מיר.

פלתי: פײַלן ? קעגן וועמען ?

יפתח: קעגן די עמונים. זיי ווילן אונז פון גלעד פאַרטרײַבן. מיר מוזן טאָן דעם רצון פון אלהים און זיי שטיל מאַכן.

זכריה: צוליב דײַן גאָט אלהים זאָלן מיר אָנהייבן אַ מחלוקה מיט די עמונים ? מלכום און עשתורת זענען אונזערע געטער ווי זייערע געטער. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך קריגן מיט די עמונים ?...

יפתח: נישט מיר ווילן זיך קריגן מיט זיי, נאָר זיי מיט אונז. צי דאַרפן מיר זיך לאָזן מאַכן פאַר קנעכט ? (אַ ווײַלע שטיל).

פלתי: (קוקט צודרינגלעך אויף יפתחן) זע נאָר, די קודלעס קריכן דיר אין שיסל אַרײַן. ווי לאַנג וועסטו זיי לאָזן וואַקסן ?

יפתח: וואָס גייען דיר אָן מײַנע האָר, זיי בעטן בײַ דיר עסן ?

זכריה: ווילסט ווערן אַ גבור ?

יפתח: וואָס אלהים וועט הייסן, וועל איך ווערן. מײַנע האָר באַהעפטן

מיך מיט דער גבורה פון אלהים.

פלתי: רעד צו דער זאַך! אַז מען פרעגט דיך, ענטפער; (אַ ווײַלע שטיל).

זכריה: וואָס זשע שווײַגסטו?

יפתח: וואָס זאָל איך רעדן?

פלתי: ווען שערסטו אָפּ דײַנע האָר?

יפתח: איך וועל זיי נישט אָפּשערן!

פלתי: (שפרינגט אויף פון אָרט) קיין ווײַן טרינקסטו נישט מיט אונז, די האָר שערסטו נישט ווי מיר — מיט וואָס־זשע ביסטו אונזער ברודער? וואָס פאַראַ שייכות האָסטו צו אונזער ירושה?

יפתח: (האָט זיך אויך אויפגעשטעלט) וואָס רעדסטו הײַנט אַזויפיל פון ירושה, פונקט ווי מיר וואָלטן שוין געדאַרפט מאַכן די חלוקה.

זכריה: זאָלסט טאַקע וויסן (שטייט אויך אויף פון אָרט) מיר ווילן שוין מאַכן די חלוקה, אָבער אָן דיר. דו ביסט אַ קודלאַטער.

יפתח: איך בין אַ זון פון מײַן פאָטער גלעד פונקט ווי איר, ס'איז מײַן היים ווי אײַער היים.

פלתי: ניין, דו ביסט אַ פרעמדער. דו שטאַמסט פון אַן אַנדער טראַכט.

יפתח: אָבער פון אײַן פאָטער.

זכריה: וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט מיט אַ נקבה.

יפתח: דרך־ארץ פאַרן פאָטערס נאָמען, ער האָט אונזער שטאַם פאַרלייגט.

פלתי: דײַן מאַמע איז געווען אַ זונה און דו ביסט אַ ממזר.

יפתח: מײַן מאַמעס טראַכט איז געווען ריינער פון דײַן ווערעמדיק מויל.

פלתי: (כאַפּט דאָס מעסער פון פאַדיום און פאַרמעסט זיך איבער יפתחן. זכריה נעמט יפתחס וואַזע) הײַנט אָדער קיינמאָל נישט, זאָג זיך אָפּ פון דער ירושה, אַזיסטן פליט דאָס מעסער אין דיר.

תרצה: מענטשן, ראַטעוועט, ווײ איז מיר! (פאַרשטעלט מיט זיך יפתחן, עס לויפן אָן פאַסטעכער, פלתי לאָזט לאַנגזאַם אַראָפּ דאָס מעסער).

זכריה: (וואַרפט די וואַזע אויף דער ערד, צעברעכט זי) אַזוי זאָל דײַן נאָמען פון אונזער שטאַם אויסגעמעקט ווערן!

יפתח: (נעמט אַראָפּ דעם פײַלנבויגן פון דער וואַנט, טוט אים אָן) מיט קינ'ען אונטער איין דאַך וועל איך נישט וווינען, שוין בעסער צו גיין צו די חיות אין די בערג פון לאַנד טוב, ווו דער מענטש פילט זיך פרײַ. זײַ געזונט,

מומע, זײַט געזונט פֿאַסטעכער! (גייט האַסטיק אַרויס; די ברידער קוקן זיך איבער, צעטומלט).

פֿאָרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין אַ טאָל צווישן צוויי בערג. ס׳איז שקיעה. ביי אַ שײַטער זיצט אַ גרופּע באַוואָפֿנטע מענטשן. אויף זייערע פּנימער שלאָגט זיך אָפּ די בראַנד פֿון פֿײַער. זיי טראָגן פֿײַלנבויגנס אַריבערגעוואָרפֿן איבער די אָרעמס, זענען אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע לעדערנע פּאַסן אין וועלכע עס שטעקן פֿײַלן און קינזשאַלן. זיי טראָגן קורצע און לענגערע בערד, די האָר פֿון זייערע קעפּ זענען גלײַכמעסיק אַרומגעשוירן. אין דער זײַט שטייט אַ געצעלט. אין דער פּערספּעקטיוו ליגן צעוואָרפֿן געצעלטן, ביי וועלכע עס ברענען שײַטערס. זיי זינגען טרויעריק.

אויף די בערג פֿון גלעד
ווײַנען יעקבס קינדער,
עסן קעז פֿון ציגן,
בראָטן פֿלייש פֿון רינדער.
דורך די בערג פֿון גלעד
ציִען קאַראַוואַנען
פֿון דער טיפֿסטער מדבר
ביז די ווײַטסטע ימען.
אויף די בערג פֿון גלעד
פּיטערן זיך לעמער,
שעפּן מיידלעך וואַסער,
טראָגן פֿולע עמער.
פֿון אַרנון ביז יבוק
פֿלאַקערן די שײַטערס,
זינגען שטילע לידער
בחורים פֿאַרשײַטע.
אויף די בערג פֿון גלעד
אויף די בערג פֿון גלעד.

קליטא: ווען שלאָפט אונזער יפתח, אַז לייגן לייגט ער זיך דער לעצטער און שטיין שטייט ער אויף מיטן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן?

כרמי: און אַז ער שלאָפט, האַלט ער איין אויג פאַרמאַכט, דאָס צווייטע אָפן. די עמונים דערשפירט ער פאַר מרחקים.

חגין: איך געדענק אים פון יענע צייַטן, ווען די ברידער האָבן אים פון דער היים פאַרטריבן. ער איז געקומען אין לאַנד טוב. אונזער מחנה פרייַע מענטשן איז נאָך דעמאָלט געווען קליין און שוואַך. יפתח פלעגט אָנפאַלן מיט ליידיקע הענט אויף די קאַראַוואַנען און אַרויס אַ באַוואָפנטער פון קאָפּ ביז פיס. הייַנט ציטערט גאַנץ גלעד פאַרן נאָמען יפתח. דער מלך פון בשן בעט בייַ אים שלום.

זמרי: און פאַרוואָס האָט ער ווידער נישט חתונה?

חגין: ער האָט אַ נדר געטון.

שטימען: וואָס פאַראַ נדר האָט ער געטון?

חגין: ס'איז אַ טרויעריקע מעשה.

שטימען: דערצייל, דערצייל... (פלוצים דערהערט זיך אַ רעש, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער. עס באַווייַזן זיך מענטשן, געפירט פון יפתחס צוויי זעלנער. די זיצנדיקע שפרינגען אויף פון די ערטער, כאַפּן אַרויס די קינזשאַלן).

זעלנער: מייַן האַר, די מענטשן האָבן באַטראָטן אונזערע וועגן פון טוב.

חגין: וועלכער רוח טראָגט אייַך בייַנאַכט צו יפתחס געצעלטן?

אחיעזר: מיר זענען פון דער שטאָט מצפה.

חגין: וועמענס מרגלים זענט איר?

אחיעזר: מיר זענען שליחים נישט קיין מרגלים. מיטן גלייַכן וועג זענען מיר געקומען קיין טוב, צו יפתחן, אונזער בן־עיר.

חגין: וואָס האָט איר צו אים?

אחיעזר: יפתחן ווילן מיר זאָגן. עס איז אַ זאַך פון כלל.

חגין: (רופט אָפּ אין אַ זייַט קליטאַ) באַזוך זיי גוט. (גייט אָפּ מיט כרמי).

קליטא: אויסטאָן די סאַנדאַלן, אויפבינדן די זעק און פעקלעך! (זיי פאַלגן, לייגן אַרויס פלעצלעך, געבראָטענע זאַנגען, האַרטע קעזן, געבראָטן פלייש, געפּרעסטע פייַגן, קריגלעך וויַין. ס'לויפט אָן כרמי).

כרמי: יפתח, אונזער חיל־פירער גייט (עס קומט אַרייַן יפתח ענערגיש. מיליטעריש געקליידט מיט אַ לענגלעך בערדל, באַגלייט פון חגינען; די שליחים בייגן זיך טיף און בלייַבן אַזוי שטיין).

יפתח: גלײַכט אויס אײַערע רוקנס! ווער זענט איר און וואָס איז אײַער באַגער?

שלומיאל: (מיט אַ גרויער, ברייטער באָרד, מאַכט אַ טראַט פאָרויס) מיר זענען פון שבט גד, פון מצפה, דײַנע בני־עיר. מיר קומען בעטן בײַ דיר גנאָד, נעם אונז אין שוץ קעגן די עמונים.

יפתח: ווי קאָן איך וויסן, אַז איר זענט פון שבט גד, — אפשר זענט איר גאָר פון שבט אפרים. מיט די אפרימער וויל איך נישט רעדן, אַלע צרות אויף די בני־ישראל קומען פון זיי.

שלומיאל: איך הייס שלומיאל. הערסט נישט מײַן רייִנעם „שין"? צי וועט עמיצער פון די בני־אפרים אַרויסרעדן אַזוי אַ „שין"? ער וועט דאָך זאָגן „סלומיאל" (ווענדט זיך צו די שליחים) גיט דעם סימן, אַז איר זענט פון שבט גד און נישט פון שבט אפרים.

שליחים: (הויך ווי זעלנער) שבולת, שמש, שמים, שבת. (יפתח און זײַנע זעלנער לאַכן, אָבער מיטאַמאָל ווערט שטיל, — יפתח איז ערנסט געוואָרן).

יפתח: איך הער, איר זענט פון מצפה. ווי האָט איר אָבער זיך דערוועגט צו קומען צו מיר? איך האָט דאָך מיך פון מײַן שטאָט פאַרטריבן, הרגענען געוואָלט?

שלומיאל: (פאַלט אויף די קני. די שליחים טוען דאָס זעלבע) זײַ מוחל אונזער זינד.

אחיעזר: שטראָף אונז, אָבער פאַרלאָז אונז נישט; די עמונים וועלן אונז אויסהרגענען מיט ווײַב און קינד. האָב רחמנות. (עס קומט אַן הדסה, נעמי און גרשון, רײַך און שיין געקליידט).

יפתח: (אַנגענעם פאַרוווּנדערט) וואָס טוט איר דאָ, בײַנאַכט?

הדסה: געהערט מענטשן פון מצפה געקומען, וויל געמילע זיי זען, אפשר קרובים?

נעמי: ווער זענען זיי די מענטשן, פאָטער, פאַרוואָס קניִען זיי?

יפתח: שטייט אויף, באַוווינער פון מצפה דאַרפן פאַר קיינעם נישט קניִען. (די שליחים שטייען אויף) וואָס ווילן פון אײַך די עמונים? איר קאָנט מיט זיי נישט אַדורכקומען? איר דינט דאָך זייערע געטער?

אבנר: מיר האָבן גערופן צו זיי שלום, ברויט צוזאַמען צו עסן, אָבער זיי ווילן נישט הערן. זיי זענען שכורים, לוטס אייניקלעך. זיי זאָגן, „גיט אונז אָפּ אונזער ערד פון ארנון ביז יבוק און ביזן ירדן, וואָס איר האָט

ביי אונז צוגענומען". מיר האָבן ביי זיי קיין ערד נישט גענומען, אונזערע זיידעס האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די אמורים און דאָס לאַנד באַצוואונגען — וואָס־זשע ווילן איצט די עמונים? ס'איז נישט זייער ערד!

יפתח: גערעכט. דאָס זענען קלאָרע און שטאַלצע רייד. טאָ שטעלט זיך אַנטקעגן!

אבנר: מיר האָבן אָבער נישט קיין גבור, וואָס זאָל אונזער מלחמה פירן, נאָר דו, מיט דיין חיל קאָנסט אונז העלפן.

אחיעזר: ראַטעווע אונז פון אומקום, נייג צו דיין אויער צו דער בקשה פון דיינע בני־עיר.

יפתח: ניין, איך דאַרף נישט אייער חניפה. דערווידער זענען מיר אייערע זיסע רייד. זוכט אייך שוץ ביי מיינע רייכע ברידער, וועלכע האָבן מיך פון מיין פאָטערס הויז פאַרטריבן. וואָס זענט איר געקומען צו מיר, דעם פּאַסטעך?

פלתי: (גראָ, פאַרעלטערט, רוקט זיך אַרויס פון פאָרנט, שטייט אַ רגע פאַר יפתחן און גיט אַ פאַל אויף די קני) זיי מיר מוחל, יפתח (וויינט).

יפתח: ווער ביסטו אַזעלכער, וואָס קלאָגט ווי אַ נקבה? שטיי אויף, קניִען איז דער מנהג פון קנעכט. (פלתי שטייט נישט אויף, כאַפּט אַרום יפתחס פיס).

אבנר: לאָז דער חרטה אויסוויינען דאָס האַרץ. דערקענסט נישט, ווער עס ווישט אָפּ דעם שטויב פון דיינע פיס? דאָס איז דאָך פלתי, דיין ברודער (גייט צו אים צו און הייבט אים אויף) קוק דיין ברודער גלייך אין די אויגן אריין. זאָל ער דיך דערקענען. (פלתי שטייט אויסגעצויגן פאַר יפתחן).

יפתח: ניין, איך דערקען אים נישט. גיט אַ סימן, אַז דאָס איז פלתי.

אחיעזר: מיר זענען די עלטסטע פון דער שטאָט מצפה. מיר זענען עדות, אַז דאָס איז פלתי, דיין ברודער. גלייבסט אונז נישט?

פלתי: ווילסט אַ סימן? (ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנען) אָט האָסטו אַ סימן. (וואַרפט אַראָפּ אַן אַרבל, אַנטבלויזט די רעכטע האַנט, ווייזט אויף אַ גרויסן שוואַרצן פלעק צווישן עלנבויגן און אָרעם) איר זעט דעם פּעפער, אַזאַ פּעפער האָט אויך יפתח, פונקט אויפן זעלבן אָרט.

יפתח: (שמייכלט) אמת, איך האָב אויך אַ פּעפער אויף דער רעכטער האַנט.

פלתי: (ציט אויס זיין האַנט צו יפתחן) זאָל זיין שלום צווישן אונז.

יפתח: (לאָזט הענגען פלתיס האַנט) דײַן האַנט טראָגט קינס צייכן, איר גיב איך נישט קיין שלום. (פלתי לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די האַנט און ציט זיך עטוואָס צוריק).

בצלאל: דו דינסט דאָך אלהים, דעם גאָט פון רחמים. ווי קומט צו דיר אַזאַ רוגזא?

יפתח: רעד נישט פון אלהים, איר האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. אלהים איז נישט בלויז רחמים, ער איז דער עיקר יושר און אויך פול מיט נקמה צו די, וואָס זינדיקן אין אים.

אבנר: נישט אַלע אין מצפה האָבן זיך אָפּגעקערט פון אלהים, און די, וועלכע האָבן געזינדיקט, זענען גרייט תשובה צו טאָן.

יפתח: תשובה! זינד דאַרף מען אויסקויפן. פאַר זינד דאַרף מען צאָלן. פון די שערבלעך וועט זכריה קיין גאַנצע וואָזע נישט מאַכן. די ברידער האָבן דאָך אויסגעמעקט מײַן נאָמען פון שטאָם.

בצלאל: מיט וואָס זאָלן מיר אויסקויפן די זינד פון דײַנע ברידער?

יפתח: דאָס ווייס איך נישט. דאָס דאַרף מען פרעגן יהוחנן הכהן. ער קען די דינים און גאָטס געבאָטן. חגין, פאַרבעט אַהער יהוחנן הכהן. (חגין גייט אָפּ. יפתח שפּאַצירט אַהין און צוריק. ס'קומען אָן יהוחנן הכהן אין אַ געלן קיטל, באַגלייט פון עבדן און חגינען. דער עולם מאַכט אים אַ וואַרע מיט דרך־ארץ).

יהוחנן הכהן: גאָט איז מיט אײַך! געלויבט זאָל זײַן אלהים, אונזער גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צו אונז אויפן באַרג סיני.

אַלע: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען אויף תמיד.

יפתח: שליחים פון מצפה געקומען. בעטן הילף קעגן די עמונים, ווילן אויסקויפן זייערע זינד, וואָס זיי זענען באַגאַנגען אַנטקעגן מיר.

יהוחנן הכהן: שווער איז דער וועג צו אונזער גאָט אלהים. בפרט פאַר זינדיקע, אָבער דער צוריקקער איז קיינמאָל נישט שפּעט. אלהים איז מכפּר די זינד פון די, וואָס האָבן חרטה. לויב פאַר זײַן נאָמען איז דער סימן פון אמונה. צי זענט איר פאַרגעברייט צו דער חרטה?

אבנר: וועלכע קרבנות זאָלן מיר ברענגען פאַר אלהים?

יהוחנן הכהן: קרבנות? ראשית דאַרפט איר מקיים זײַן אַ תנאי.

בצלאל: אַלע תנאים זענען מיר גרייט אָנצונעמען, אום כדי יפתח זאָל אונזער מלחמה פירן.

יהוחנן הכהן: אַלע ?

אבנר: אַלע תנאים זענען מיר גרייט אָנצונעמען.

יהוחנן הכהן: איז מיין תנאי, איר זאָלט מאַכן יפתחן פאַר אייַער שופט אויף זייַן גאַנץ לעבן.

אבנר: געהאָרכזאַם און מיט ליבשאַפט זענען מיר גרייט אָנצונעמען יפתחס הערשאַפט איבער אונדז ווי אַ שופט אויף זייַן גאַנץ לעבן. (קוקט אויף די שליחים).

שליחים: געהאָרכזאַם און מיט ליבשאַפט זענען מיר גרייט אָנצונעמען יפתחס הערשאַפט איבער אונז ווי אַ שופט אויף זייַן גאַנץ לעבן.

יהוחנן הכהן: יפתח, פאַרנעם זייער בקשה, גיי פירן די מלחמה.

יפתח: שווער איז מיר צו געבן מייַן הסכמה. איך דאַרף נישט זייערע כבודים און איך וויל זייער מלחמה נישט פירן.

יהוחנן הכהן: פאַרוואָס ?

יפתח: איך פיל נישט קיין זיכערקייט אין זיך. ווען אַ מלחמה קומט נישט פון מייַן אייגענעם באַגער.

יהוחנן הכהן: אָבער איך ווייס דעם באַגער פון אלהים, אונזער גאָט, און דאָס דאַרף דיר גענוגן.

יפתח: (שווייַגט אין פאַרלעגנהייט, אומצופרידן) ווער עס פירט מלחמה דאַרף ברענען פון צאָרן קעגן שונא. אַזעלכן האָט ליב אלהים, דער גאָט פון מלחמה, אַזעלכע העלפט ער; ביַי מייַנע בני־עיר זע איך בלויז חניפה און הכנעה, ווי־זשע קאָן איך פירן זייער מלחמה ?

יהוחנן הכהן: דאָס איז נישט זייער מלחמה, דאָס איז אונזער מלחמה, דאָס אין די מלחמה פאַר אונזער אלהים. דו דאַרפסט שטאַרקן גלעד, פאַרטיליקן די עמונים און ווערן דער שופט גדול.

נעמי: (נעמט יפתחן פאַר דער האַנט) פאָטער, דייַן מעכטיקער אָרעם הייבט אויף שוואַכע, דייַן בליק שטאַרקט פאַריאושטע, דייַן נאָמען ברענגט אחדות צווישן די בני־ישראל. נעם אָן די אויסגעשטרעקטע האַנט צו שלום פון דייַן ברודער פלתי. אין זייַנע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון מייַן זיידן גלעד, אונזער בלוט.

הדסה: אויב מיר איז דערלויבט צו האָבן אַ וואָרט, יפתח, זאָג איך דיר, פאָלג נעמילען. זי איז אַ חכמה און האָט אַ גאָלדן האַרץ.

יפתח: (קוקט מיט גרויס ליבשאַפט אויף נעמין, נעמט זי אָרום, קושט זי,

וויינט; דרייט זיך אויס צום עולם, אַנטשלאָסן) איך פאַרנעם אייַער בקשה שליחים פון מצפה. ציטערט עמונים פאַרן גאָט פון גלעד און זייַן חייל! שלום צו דיר, פלתי, (ציט אויס די האַנט צו פלתין; זיי נעמען זיך אַרום. עס דערהערט זיך מוזיק. דרייַ גרופּעס טענצער קומען אַרויס אויף דער סצענע; צום ערשטן אַ גרופּע נביאים, אָנגעטאָן אין זעק, טאַנצן אויסטערליש מיט עקסטאַז. שפּעטער טאַנצן זעלנער מיט קינזשאַלן אין די הענט און צום סוף אַ גרופּע מיידלעך אין קאָלירטע קליידער מיט נעמין אין דער מיט; יפתח שעפּט נחת פון זייַן טאָכטער: ווען זי טאַנצט סאָלאָ, פּאַטשט ער מיט די הענט).

דאָס דריטע בילד

אָוונט ביי יפתחן אין הויז. אַ רייַך געצעלט פול מיט וואַזעס, דיוואַנען און תרפים, העל באַלויכטן פון בוימל־לעמפּלעך און שטורקאַצן. אין געצעלט אַ לאַנגער פּאָדיום. קנעכט לויפן אַרייַן און אַרויס, שטעלן אויפן פּאָדיום שיסלען, טעפּעלעך, גילדענע בעכער, זילבערנע מעסער, אָרנאַמענטירטע קריגלעך מיט ווייַן. ס׳קומט אָן הדסה מיט מחלהן דער קעכין און חגינען. ביי אַ קנעכט פאַלט אַראָפּ אַ שיסל און ווערט צעבראָכן.

הדסה: שלימזל, שוין ווידער צעבראָכן אַ שיסל. אַז די אויגן גראָבט ער אייַן אין מחלהן, ווייסן נישט די פיס ווו זיי גייען און די הענט וואָס זיי טוען. אוי שלימזל. שלימזל.

קנעכט: אויף מייַן וואָרט, הייַנט די ערשטע שיסל. נעכטן האָב איך צעבראָכן צוויי.

הדסה: גיי שוין לץ, גיי שוין פון דאַנען. וועסט באַלד ווידער עפּעס צעברעכן (שטעלט איבער געוויסע זאַכן אויפן פּאָדיום) נו, וואָס־זשע שטייט איר מיט פאַרלייגטע הענט? חגין, באַשטים די פּלעצער לויטן סדר; מחלה, זע דאָס פלייש זאָל זייַן אויסגעלייגט אויף דער טאַץ. הייַנט וועלן זייַן גרויסע לייַט. דאָ, סאַמע אינדערמיט וועט זיצן יהוחנן הכהן, פון דער רעכטער זייַט דער נביא בקבוקיה, אַ זעלטענער גאַסט ביי אונז. געהערט וועגן די שליחים פון מצפה, איז ער געקומען צו גיין. פון דער לינקער זייַט אונזער יפתח, לעבן נביא בקבוקיה וועט זיצן עבד, יהוחננס רעכטע האַנט, לעבן יפתחן זייַן פאַרטרעטער חגין; קום נאָר אַהער, לאָמיר נאָר

אַ קוק טאָן ווי דו האָסט זיך אויסגעפּוצט (דרייט אים אין אַלע זײַטן).
יפתח האָט דיך ליב, ער זאָגט, ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן.
וואָס־זשע שטייסטו, מחלה, און טוסט גאָרנישט.

מחלה: דאָס פלייש איז אַביסל איבערגעווירצט.

הדסה: מאַכט נישט אויס. געווירצן געבן פײַער און דאָס פײַער וועט מען לעשן מיט ווײַן. חגין, האָסט שוין אַלץ אויסגעסדרט? לעבן דיר וועט זיצן אבנר, נאָך אים פלתי און נאָך פלתין אַלע געסט, די שליחים פון מצפה. וואָס פאַרא אָנגעלייגטע געסט, די פּני פון שטאָט, זאָלן זיי האָבן צו דערציילן, וואָס זיי האָבן געגעסן און געטרונקען בײַ יפתחן. איך האָב זיך פאַררעדט מיט אײַך און די געסט קומען שוין אָן. (עס באַווײַזן זיך יהוחנן הכהן, יפתח, עבד, גרשון).

יהוחנן הכהן: גאָט איז מיט אײַך.

הדסה: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען. זעצט אײַך. חגין, פיר די געסט אויף די ערטער.

יהוחנן הכהן: ניין, מיר וועלן צוואַרטן אויפן נביא בקבוקיה און אויף די שליחים פון מצפה. שטאַרק געעלטערט געוואָרן איז דײַן ברודער פלתי. געווען אַמאָל אַ שטאַרקער יונג, אַלע האָבן געמיינט, אַז פון אים וועט אַרויסוואַקסן אַ גבור.

הדסה: אַלע מיידן פלעגן פאַר אים די נכפה באַקומען.

יהוחנן הכהן: אויך דו האָסט אויף אים געוואָרפן אַן אייגל, זײַ זיך מודה.

הדסה: (פאַרענדיק זיך בײַם געפעס) עה, אַמאָליקע צייטן. יונגע יאָרן, צו וואָס אויפדעקן אַלטע וווּנדן. אָבער יהוחנן האָט אויך קיין תעניתים נישט געפאַסט... לאָמיר בעסער נישט רעדן פון יענע צײַטן...

(ס׳קומט אָן נביא בקבוקיה, מיט לאַנגע גראָע האָר, וואָס מישן זיך צונויף מיט דער ברייטער באָרד, עטוואָס נזיריש געקליידט. נאָך אים גייט אחיעזר, אבנר, שלומיאל, פלתי און בצלאל).

נביא בקבוקיה: גאָט איז מיט אײַך.

שטימען: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען אויף תמיד.

הדסה: וואָס־זשע שטייסטו, חגין, פיר די געסט אויף זייערע ערטער. גיס אָן די כוסות ווײַן. נעמט אין מויל אַרײַן. איר זענט דאָך אַוודאי הונגעריק. (גיסט דעם ווײַן אין די גילדערנע בעכער. ווען עס קומט צו יפתחן,

פאַרשטעלט ער מיט דער האַנט דעם בעכער) מחלה, גיב אַהער אַ קריגל זאַפט (מחלה ברענגט אַ קריגל זאַפט. יפתח גיסט זיך אַליין אָן).

נביא בקבוקיה: האָסט אויסגעהאַלטן ביז איצט, יפתח, האַלט זיך ווייטער. אלהים באַלוינט די, וואָס דינען אים מיטן גאַנצן האַרצן.

יהוחנן הכהן: איך וויל דיר, יפתח, נישט אָפּרעדן פון דיין נדר, אָבער זאַפט איז נישט וויין און וויין איז נישט זאַפט.

הדסה: מיין טענה. איך פאַרשטיי נישט, אַ מענטש זאָל נישט וועלן פאַרזוכן אַ טראָפּן שכר, — ער האָט דאָך אַלע טעמים: פון גראַנאַטן, טייטלען, האָבער, האָניק.

יפתח: מיין וויין איז די שלאַכט, און מיין שיכרות איז דער נצחון.

אבנר: לאָמיר אויסטרינקען לחיים פאַר אונזער גבור, יפתח, און פאַר זיין נצחון איבער די עמונים.

יהוחנן הכהן: (שטעלט זיך אויף און נעמט דעם בעכער אין האַנט) אויב מיר וועלן געפינען גנאָד ביי אלהים אונזער גאָט, און ער וועט די עמונים געבן אין יפתחס הענט אַריין, וועט דער נצחון איבער זיי ווידער זיין דער עדות, אַז די שבטים ראובן, גד און דער האַלבער שבט מנשה האָבן זייער חוב ערלעך געצאָלט און פאַרדינען אויף רום צווישן די בני־ישראל. פונקט ווי אונזערע אורעלטערן, די באַצווינגער פון גלעד, האָבן וואָרט געהאַלטן און זענען געגאַנגען העלפן יהושע בן נון איינצונעמען כנען און באַזעצן דאָרט די ניין שבטים ווי משה האָט פאַרזאָגט, און גלעד איז שטאַרק, און גלעד איז אייניק, גלעד האָט איצט זיין שופט יפתח און גאָטס מאַן, דעם נביא בקבוקיה.

עבד: (רייסט זיך אויף פון אָרט) גלעד האָט היינט אלהימס טרייען דינער, דעם קלוגן יהוחנן הכהן, וואָס היט די חוקים און משהס תורה.

יהוחנן הכהן: לאָמיר טרינקען פאַרן רום פון גלעד, פאַרן נצחון פון יפתחן איבער די עמונים.

אַלע: לחיים, לחיים, לחיים! (שטייען אויף, שלאָגן אָן די בעכער און טרינקען).

הדסה: איך בעט אייך, עסט און טרינקט, וואָס אייער האַרץ גלוסט און פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. אויב דאָס פלייש איז צופיל געווירצט, איז אָבער דער וויין זיס און שטאַרק. עסט און טרינקט און זאָל אייך וויל באַקומען.

אבנר: (שטעלט זיך אויף)זיס און שטאַרק איז דער ווייַן, זאָגט הדסה, אמת, זיס ווי דער נצחון פון יפתחן און שטאַרק ווי די דעה פון יהוחנן הכהן. יהוחנן הכהן שמט מיט זייַנע גוטע מעשים איבערן געבערג פון גלעד און צו זייַן חכמה טוען זיך צוהערן די בני ישראל, וואָס פון יענער זייַט ירדן. ווי דער שליח פון דער שטאָט מצפה טו איך בייגן מייַן קאָפּ פאַר דער לייַטזעליקייט פון יהוחנן הכהן, וואָס האָט אונזער שטאָט דעם גרויסן כבוד אָנגעטון. מיר דאַרפן שוין נישט מער עולה־רגל זייַן קיין שילה מיט אונזער בראַנדאָפּפער. יהוחנן הכהן האָט אין מצפה אויפֿגעשטעלט אַ מזבח פאַר אלהים, אונזער גאָט. איצט וועט די שטאַרקע האַנט פון יפתחן פאַלן אויף די קעפּ פון די עמונים, און דער מזבח אין מצפה וועט הויך פלאַקערן. אלהים, אונזער גאָט וועט וואַרפן אַ שרעק מיט זייַנע דונערן און בליצן. פאַר יפתחן אונזער הויפּטמאַן, פאַר יהוחנן דעם גאָטספאַרכטיקן דינער, לחיים!

אַלע: לחיים, לחיים, לחיים!

הדסה: כ'האָב פון לאַנג שוין וועגן דעם געהערט, אבנר, אַז דו האָסט אַ שאַרפע צונג, אָבער אַז זי איז אַזוי געשליפן, האָב איך זיך ערשט הייַנט דערוווּסט. דערווייַלע איז דאָס עסן קאַלט געוואָרן. עסט, עסט, מחלה, הייס אַרייַנגעבן דאָס געבראָטענע פלייש (עס באַווייַזן זיך מחלה און צוויי קנעכט, נעמען אַראָפּ פון פאָדיום און ברענגען אַרייַן נייַע מאכלים).

חגין: (שטעלט זיך אויף מיט אַ בעכער אין האַנט) איך בין אַ זעלנער. איך קאָן נישט די מלאכה פון רעדן. מייַן וואָרט איז קורץ, — דער מזבח אין מצפה וועט שטאַרקן דעם אָרעם פון יפתחן. דרום האָט יהוחנן גוט געטון.

הדסה: ביסט גערעכט. אַן אייגענער מזבח אין גלעד איז אַ גרויסער אויפטו.

נביא בקבוקיה: (ווען ער נעמט דעם כוס אין דער האַנט, ווערט זייער שטיל, רעדט זיצנדיק) ס'איז אַ פאַרגעניגן צו זיצן מיט אייַך בעתן אונטערלענען. גוטן ווייַן געטרונקען, געשמאַק פלייש געגעסן און קלוגע ווערטער געהערט רעדן. יפתח האָט דעם רצון פון אלהים געטון און דאָס געבעט פון זייַנע ברידער פון מצפה פאַרנומען. די עמונים דאַרף מען אונטערטעניק מאַכן און די אומווערדיקייט פון די געטשן מלכום און עשתורת מוז אויסגערייניקט ווערן צווישן אייַך, וועט אלהים פאַרגעבן אונזערע זינד,

אלהים, אונדזער גאָט, וואָס אַחוץ אים איז מער נישטאָ, האָט ישראלס קינדער איבער דער מדבר געפירט, מיטן וואָלקנזײַל בײַטאָג און פײַערזײַל בײַנאַכט, די לוִיים האָבן דעם משכן פון אלהים פון באַרג סיני געטראָגן און אים געלאָזט רוען אין שילה, בײַם שבט אפרים. דאָרטן דעם מזבח אויפגעשטעלט. אַהינצו, קיין שילה ציען די עולה־רגל פון גאַנץ כנען און פון גאַנץ גלעד אום בראַנדאָפּפער צו ברענגען אום צו דערקענען די חכמה פון אלהים, דעם יושר פון אלהים און דעם רחמים פון אלהים. אײן גאָט אלהים, אײן משכן פאַר אלהים, אײן מזבח פאַר אלהים — אין שילה און מער אינערגעץ נישט. דער גײַסט פון גאָט רעדט דורך מיר, און זײַן וואָרט איז אויף מײַן צונג. (אַלע קוקן זיך איבער שטום, וווּנדערן זיך, בלויז יהוחנן הכהן קוקט פאַר זיך, אינערלעך פאַרטראַכט).

אבנר: (שטעלט זיך אויף) נביא בקבוקיה, כ׳ווייס דײַן חזיון איז גאָטס רצון, אָבער מאַך מיר קלאָר, דער מזבח אין מצפה איז דאָך נישט פאַר מלכומען, נישט פאַר דער עשתורת, נײַערט פאַר אלהים, אונזער גאָט, פאַרוואָס זאָל דער ווײַרויך נישט קומען צו אים אויך פון מצפה?

אחיעזר: פאַרוואָס זאָל גאַנץ גלעד ציִען קיין שילה, צו אפרים׳ס קינדער, וועלכע האָבן אונז פײַנט. איז דען דער מזבח פון מצפה קיין הייליקייט נישט?

הדסה: נביא בקבוקיה, וואָס בין איך, וואָס פאַרשטייט אַן אישה? אָבער מײַן קאָפּ טראַכט, אפשר מערן זיך די זינד צווישן אונז אין גלעד, ווײַל מיר שלעפּן אונזערע פיס קיין שילה, פון יענער זײַט ירדן, אַזוי ווײַט? מלכום וווינט אונטער יעטוועדן ביימל, אויף יעדן בערגל, יהוחנן האָט גוט געטון, אַזוי פאַרשטיי איך, אַן אישה. אפשר זינדיק איך מיט די רייד, מאַך מיר קלאָר, נביא בקבוקיה.

יהוחנן הכהן: (הייבט זיך אויף פון אָרט) נביא בקבוקיה! האָסט אַרויס־געבראַכט רייד פון דײַן מויל, וואָס האָבן פאַראומערט מײַן געמיט און מײַן האַרץ געמאַכט פול מיט זאָרג. כ׳האָב דערוואַרט פון דיר אַ וואָרט פון לויב און באַגוטונג. איך האָב עס נישט געהערט, פאַרקערט, ווערטער פון מוסר זענען געפאַלן ווי שטיינער און ווונדן געמאַכט אין מײַן נשמה. אבנר, אחיעזר, חגין, הדסה, וועלכע זעען זאַכן לויט זייער גרייס, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן, האָבן פאַרשטאַנען מײַן כוונה, און דו, נביא בקבוקיה, וואָס זעסט ווײַט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, וואָס דײַן בליק

בויערט דורך די חשכות פון דער נאַכט — דו האָסט נישט תופס געווען דעם טיפן זין פון מײַן פאַרטראַכט. די אחדות פון גלעד ליגט מיר אויפן האַרצן, דער מזבח פון מצפה זאַמלט אַרום זיך די צוויי און האַלבן שבט פון גלעד און שטאַרקט די אמונה אין אלהים, אונזער גאָט.

נביא בקבוקיה: (הייבט זיך אויף פון אָרט. אַלע שטייען אויף, שטעלן זיך בײַ די זײַטן) פאַרוואָס־זשע האָסטו דעם טיפן מיין פון דײַן פאַרטראַכט אָפן נישט מודה געווען אלישמע, דעם כהן גדול פון שילה, ווען ער איז געקומען צו דיר פרעגן, הלמאי דו האָסט אַ מזבח אין מצפה אויפגעשטעלט? פאַרוואָס האָסטו אים געזאָגט, אַז דער מזבח אין מצפה וועט נישט רייכערן אין הימל און וועט קיין בראַנדאָפּפער נישט אויפנעמען? פאַרוואָס האָסטו אים געזאָגט, אַז דער מזבח אין מצפה וועט אויף ווײַטער פאַרבלײַבן אַ שטומער עדות פון אלהים אין גלעד, ווי דאָס איז געווען אין די צײַטן פון פנחס בן אליעזר בן אהרן הכהן? פאַרוואָס האָסטו פאַר אים דעם אמת פאַרהוילן? פאַרוואָס ווילסטו די צוויי און אַ האַלבן שבט אָפּרײַסן פון שילה? זיי אָפּווענדן פון כנען? פון פאָלק ישראל?

יהוחנן הכהן: ווײַל אלישמע דער כהן גדול האָט שוואַכע הענט און האַלט נישט אײַן די ממשלה איבער די בני ישראל, וועלכע גייען אויך דינען די געטער פון כנען. איך האָב אים נישט געוואָלט מבייש זײַן און דרום דעם אמת נישט געזאָגט, אָבער זײַן שוואַכקייט דאַרף זײַן אַ וואָרעניש פאַר אונז. אין שילה האָט מען אין אונז פאַרגעסן. די עמונים שלאָגן אונז, און די שבטים פון יענער זײַט ירדן גייט עס נישט אָן. אַפילו אונזער נאָענטסטער שכן, דער שבט אפרים, קומט נישט צוהילף, פאַרקערט, ער איז נאָריש צופרירן. מוז גלעד נעמען דעם גורל אין זײַנע אייגענע הענט און אפשר דעם גורל פון אַלע ישראלס קינדער. ווער איז ראוי צו שטיין בראש פון דער אחדות פון די בני ישראל: אפרים צי גלעד? ווער?

נביא בקבוקיה: ווילסט די אויגן פון די בני ישראל ווענדן אויף מצפה, נישט אויף שילה? ווילסט גלעד און נישט כנען מאַכן פאַרן לאַנד פון די בני ישראל? נישט צוליב דעם האָט אלהים באַפרייט די בני ישראל פון מצרים און 40 יאָר געפירט זיי איבער דער מדבר, כדי גלעד זאָל איבערנעמען די שליחות פון כנען, ניין, נישט צוליב דעם!

אבנר: גלעד איז דער עלטסטער ישוב, פאַרוואָס טאַקע נישט איבערפירן דעם משכּן און דעם אוהל־מועד קיין מצפּה ?

נביא בקבוקיה: גלעד איז בלויז איין אבר פון דעם פאָלק, אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק. דיין וועג, יהוחנן פירט צו רייסערייַען און קריגערייַען. הייַנט אַ מזבח אין מצפּה, מאָרגן אין שכם, איבערמאָרגן אין חברון, און יעדער שבט וועט ציִען דעם משכּן און אוהל־מועד צו זיך. וואָס־זשע וועט ווערן פון די בני־ישראל ? פון גאָטס תורה און גאָטס הויז ? אלהים, אונזער גאָט האָט זייַן הויז בלויז אין שילה. אַהין דאַרפן עולה־רגל זייַן אַלע שבטים און ברענגען דאָרטן אויפן מזבח דעם בראַנדאָפּפער.

יפתח: איך, דער מאַן פון שווערד, דערוועג זיך נישט אַרייַנצומישן אין דעם דאָזיקן טיפן וויכוח. אויף מיר איז חל גאָטס דינסט פון יהוחנן הכהן און גאָטס וואָרט פון נביא בקבוקיה. לויט מייַן דעה נאָך דאַרפן מיר זיך נישט אָפּרייסן פון די בני ישראל, וואָס פון יענער זייַט ירדן ; צום אַלעמערשטן מוזן מיר אָבער די עמונים אונטערטעניק מאַכן. זעצט אייַך, חשובע געסט, לאָמיר ווייַטער אָנגיין מיט דער סעודה.

הדסה: טרינקט און עסט (אַלע זעצן זיך ווידער צום פּאָדיום) אפשר זאָלן מיר פאַרבעטן נעמילען, וועט זי אונז אויפשפּילן אויף דער האַרפע.

יפתח: הדסה האָט אַ קאָפּ פון אַ מאַנספאַרשוין, ברענגט נעמילען אַהער צו פירן. (הדסה און גרשון אייַלן אַרויס).

פלתי: אַ שיינע און קלוגע טאָכטער בייַ דיר, יפתח. ראוי צו חתונה־מתנות, צו דער חופּה צו פירן. (הדסה קומט אַרייַן מיט נעמין, זייער קאָלירט געקליידט. גרשון טראָגט איר נאָך די האַרפע).

נעמי: שלום צו אייַך, ליבע געסט. אין אָוונט שפּילן ? כ׳האָב מורא מייַנע פינגער זאָלן נישט זייַן צו שטייַף.

הדסה: פאַר דייַן שפּילן עפענען זיך די טויערן פון די הימלען און אלהים, אונזער גאָט הערט זיך צו צו דער נגינה. שפּיל, נעמילע, קרוין (נעמי נעמט די האַרפע און שפּילט זייער אַ טרויעריקע מעלאָדיע. ווען זי ענדיקט, זיצן אַלע פאַרטראַכט).

דאָס פּערטע בילד

געצעלט פון אינעווייניק. אין דער מיט אַ פּאָדיום, איבערגעדעקט מיט אַ דיוואַן. יפתח און הדסה.

הדסה: (פּאַקט זעקעלעך, וועש, הויזן, זאָקן, סאַנדאַלן, לעדערנע פּאַסקעס און אַנדערע מענערישע זאַכן. וואָס זענען נויטיק אין וועג) נעם נישט פאַר אומגוט, וואָס איך וועל דיר זאָגן. פאַר מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין: מענטשן פאַלן דיר צו די פיס, בעטן מחילה מיט טרערן אין די אויגן, ווילן שלום, און דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט, ביז נעמילע איז געקומען און געלערנט דעם טאַטן שכל. אוי, יפתח, יפתח, איך האָב, דעם אמת געזאָגט, אַביסל זיך געשעמט פאַר דיר.

יפתח: לאָמיר שוין מער נישט רעדן וועגן די שליחים, צוליב זיי איז עס געקומען צום פּיינלעכן וויכוח צווישן יהוחנן הכהן און דעם נביא בקבוקיה. זאָג מיר בעסער, גרשון איז אַ גוטער שידוך פאַר נעמילען?

הדסה: איך וואָלט דערלאָזט, אַז נעמילע זאָל זיך נעמען אַבי וועמען? גרשון איז יונג, שיין, געזונט און וועט זיין אַ גוטער מאַן. אַוודאי, שכל וועט ער זיך מוזן אַביסל צולערנען ביי נעמילען. אין דער תורה שטייט אָבער נישט געשריבן, אַז דאָס ווייב טאָר נישט זיין קליגער פונעם מאַן. איז אונזער עלטער־באָבע רבקה נישט געווען קליגער פון יצחקן?

יפתח: זאָג מיר, הדסה, ווען רעכנסטו זאָל מען שטעלן די חופּה?

הדסה: תיכף ווי דו קומסט פון דער מלחמה מיט הצלחה און רום. איך האָב שוין אַלץ פאַרטיק פאַר איר. איך בין געווען אויפן שמעקעדיקן טראַקט. וואָלטסט געדאַרפט זען, וויפל קאַראַוואַנען עס ציען זיך פון לאַנד שבא צום ים. כ׳האָב ביי די סוחרים איינגעהאַנדלט די טייערסטע בשמים און איילן פאַר נעמילען.

יפתח: און וואָס נאָך האָסטו איינגעקויפט?

הדסה: ווילסט אַלץ וויסן? וואַרט, וואַרט, כ׳וועל דיר ווייזן. (לויפט אַרויס. ס׳קומט אַן חגין. הדסה קערט זיך אום מיט אַ שקאַטולקע אין האַנט) אָט האָב איך געבראַכט (דערזעט חגינען, האַלט זי זיך אָפּ פון רעדן, נעמט זיך ווידער צום פּאַקן יפתחס זאַכן).

חגין: אויב ביסט גרייט מיך אויסצוהערן, וועל איך דיר מודיע זיין וועגן די הכנות.

יפתח: רעד, איך הער.

חגין: כרמי מיט זײַן מחנה הייבט אָן צו באַפֿאַלן די עמונים אין געמאַרק פֿון חשבון, באַפֿאַלט בײַטאָג, באַפֿאַלט בײַנאַכט, ווען עס לאָזט זיך; זמרי מיט זײַן מחנה וועט אָנגרייפֿן פֿון בטונים. איך שיק אַ טייל פֿון מײַן מחנה קיין מחניים און וועל אַ קלאַפּ טאָן פֿון הינטן; דו, יפתח, מיטן גאַנצן חייל, גייסט אויף מצפה. דאָרטן מאַכסטו וויסן גאַנץ גלעד, אַז די מלחמה מיט די עמונים האָט זיך אָנגעהויבן. ביסט מסכים מיט דער המצאה?

יפתח: גוט, ביסט אַ גוטער תלמיד. אײַן צוגאָב האָב איך: ווען איך וועל גיין אויף מצפה, זאָלט איר אויף קיין רגע נישט אויפֿהערן מאַטערן די עמונים. די אָנפֿאַלן מוזן זײַן מיט אימפּעט, פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן, יאָגן אין קאָרק אַרײַן. זאָלן זיי וויסן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אַ שפּיל מיט יפתחס חיל. זאָלן זיי דערפֿילן, אַז מיר זענען אייניקלעך פֿון יהושע בן נון. און וואָס איז מכּוח שפּײַז פֿאַרן חיל?

הגין: שבתי האָט אַלץ פֿאַרגרייט. אַלע קעמלען און מויל-אייזלען זענען באַלאָדן מיט פֿלעצלעך, געטרוקנט פֿלייש, טייטלען, בינטלעך ראָזשינקעס, געפּרעסטע פֿײַגן, בעבלעך און לינזן. יעדער שלאַכטמאַן האָט זײַן באַזונדער זעקל מיט שפּײַז אויף דרײַ טעג. מיר האָבן עסנוואַרג אויף דרײַ חדשים. כ'מיין, אַז פֿון די עמונים וועט אונז עפּעס אויך צופֿאַלן...

יפתח: שטעל נישט אויס אויף פֿײַגן אויפֿן בוים. דו מוזסט וויסן, וואָס דו האָסט אין דער האַנט. (ס'קומט אַרײַן יהוחנן הכּהן).

יהוחנן הכּהן: גאָט איז מיט אײַך.

יפתח: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען אויף תּמיד.

הדסה: איך בין אפֿשר איבעריק, וועל איך אַרויסגיין.

יהוחנן הכּהן: ניין, קאָנסט בלײַבן, ס'איז נישט קיין סוד.

יפתח: צי האָסטו אָפּגעגעבן אלהים אַלץ וואָס אים קומט?

יהוחנן הכּהן: געדינט לויט די דינים פֿון דער תּורה. דאָס געמיט פֿון חיל איז ווי ביי זײַן הויפּטמאַן, יפתח.

יפתח: אויב אַזוי איז גוט, אַפֿילו זייער גוט.

יהוחנן הכּהן: גאָרנישט גוט, אַפֿילו שלעכט.

יפתח: ביסט דאָך אַ כּהן נישט קיין נביא, פֿון וואַנען ווייסטו?

יהוחנן הכּהן: ווי האָסטו אויפֿגענומען די שליחים פֿון מצפה?

יפתח: כ׳האָב פאַרנומען זייער בקשה און כ׳גיי שלאָגן די עמונים. וואָס וויל יהוחנן הכהן נאָך מער?

יהוחנן הכהן: איך וויל גאָרנישט; איך בין בלויז דער קנעכט און דינער פון אלהים, אָבער דו האָסט גאָטס דינער דערנידעריקט.

יפתח: איך? ווען? מיט וואָס?

יהוחנן הכהן: האָסט נישט געמאַכט ווייך דיַין האַרץ פאַר מיַינע רייד.

יפתח: איך גיי דאָך פירן די מלחמה.

יהוחנן הכהן: נישט לויט מיַין דעה.

יפתח: וועמען דען האָב איך געהאַרכט?

יהוחנן הכהן: האָסט פאַרנומען דיַין טאָכטערס בקשה.

יפתח: איך האָב זי ליב. צי איז דאָס אַ זינד?

יהוחנן הכהן: ליבשאַפט צו אַ קינד איז אַ געפיל פון גשמיות. צי קאָן זי זיך גליַיכן מיט דער ליבשאַפט צו אלהים, אונזער גאָט? די ליבשאַפט צו אים איז מחייב צו די גרעסטע קרבנות. אלהים טיילט מיט קיינעם נישט דעם קרבן, וואָס מען ברענגט אים.

הדסה: איך הער איר רעדט פון היימישע זאַכן, זיַיט מוחל מיַינע ווערטער, יהוחנן הכהן. יפתחס גאַנצע לעבן איז איַין גרויסער קרבן פאַר אלהים; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טאַטנס ירושה, צום צווייטן מאָל נישט חתונה געהאַט, בלויז גאָטס מלחמות געפירט.

יפתח: צי בין איך ווען עס איז אָפּגעטראָטן פון גאָטס דרך?

יהוחנן הכהן: מיַינע רייד צו פאַרנעמען די בקשה פון די שליחים פון מצפה האָסטו געלאָזן לויפן פאַרביַי דיַינע אויערן, האָסט מבייש געווען דעם כהן בפני כל עם ועדה.

יפתח: זאָל גאָט אָפּהיטן. געווען בלויז אַ רגע פון וואַקלעניש.

יהוחנן הכהן: אַ רגע פון אומצוטרוי צום כהן.

יפתח: חס וחלילה. כ׳האָב תמיד צוטרוי צו דיר.

יהוחנן הכהן: האָסט דאָך אָפּגעגעבן גערעכט דעם נביא בקבוקיה, נישט מיר.

יפתח: ער איז אַ נביא, ער זעט דעם מאָרגן. ער טראַכט וועגן גאַנצן פאָלק.

יהוחנן הכהן: נייַן, נישט וועגן גאַנצן פאָלק טראַכט ער. ער וויל

שטאַרקן בלויז די בני־אפרים קעגן גלעד, קעגן מצפה.

יפתח: פאַרוואָס רוקסטו אונטער דעם נביא בקבוקיה אַזאַ שוואַרצע מחשבה?

יהוחנן הכהן: האָסט שוין ווידער אומצוטרוי צו מיר?

יפתח: צי טאָר איך נישט האָבן קיין אייגענע דעה?

יהוחנן הכהן: מיט אַזאַ געמיט קאָנסטו אויף דער מלחמה נישט גיין.

יפתח: באַפעלסט מיר די מלחמה נישט פירן?

יהוחנן הכהן: אלהים טוט העלפן די, וואָס פירן מלחמה בלויז אויס ליבשאַפט צו אים, אויס מורא פאַר אים.

יפתח: וואָס דאַרף איך טאָן, יהוחנן הכהן?

יהוחנן הכהן: דאַרפסט מאַכן וויסן דײַן ליבשאַפט צו אלהים און דײַן צוטרוי צום כהן.

יפתח: מײַן האַרץ איז תמיד געווען פול מיט ליב און יראת שמים.

יהוחנן הכהן: מיט וואָס קאָנסטו דײַנע רייד באַקרעפטיקן?

יפתח: איך קאָן ברענגען פינף שעפעלעך צום בראַנדאָפּפער.

יהוחנן הכהן: נישט די צאָל איז דער עיקר.

יפתח: וואָס דען איז דער עיקר?

יהוחנן הכהן: דאָס אָרט. ווו זאָל דײַן קרבן געבראַכט ווערן, אין שילה צי אין מצפה? (פויזע. יפתח שווײַגט) וואָס שווײַגסטו? שוין ווידער אומצוטרוי צו מיר? נייגסט דײַן אויער צו די רייד פון נביא בקבוקיה, האָ?

יפתח: איך נייג מײַן אויער צום קלאַפּ פון מײַן האַרץ.

הדסה: פאָלג וואָס יהוחנן הכהן זאָגט דיר. ער איז גאָטס דינער.

יהוחנן הכהן: אין גלעד וועט אויפגיין דײַן נצחון. פון מצפה דאַרף שוועבן דער ווײַרויך צו אלהים! פאַרוואָס זאָל שילה פײַערן דײַן יום־טוב? פאַרוואָס זאָלסטו די בני־אפרים אָנטאָן אַזאַ כבוד?

יפתח: וואַרט, וואַרט, וואָס האָסטו געזאָגט? פונם אָרט, ווו דער שונא וועט אָפּגיין אין בלוט, זאָל פלאַקערן דאָס פײַער צו גאָט. בלוט איז רויט און פײַער איז רויט. זאָל דער פלאַם פון מזבח פאַרצערן דאָס בלוט און אַרויף געלײַטערט צו אלהים, אונזער גאָט. (הפסקה) האָסטו געזאָגט, יהוחנן הכהן! ביסט גערעכט! זאָל אין מצפה געבראַכט ווערן דער בראַנדאָפּפער. באַפעל! ווי גרויס דאַרף זײַן מײַן קרבן?

יהוחנן הכהן: טו אַזוינס, וואָס זאָל מיטן וואָרצל אַרויסרײַסן דײַנע ספקות, וועלכע האָבן זיך אַרײַנגעגנבעט אין דײַן האַרץ.

יפתח: וואָס־זשע זאָל איך טאָן מיט מײַן האַרץ? ווי אַזוי זאָל איך דיר ווײַזן, ווי טרײַ עס דינט אלהים און זײַן כהן? (ווערט פּלוצים באַגײַסטערט פון אײַנפאַל) וואַרט, וואַרט, זאָל איך אפשר גאָר מײַן האַרץ אויסשניידן און אויפברענגען אַלס קרבן פאַר אלהים? קיין לעמער, קיין רינדער, קיין עוף און קיין שפּײַז! איך אַליין מיט מײַן האַרץ זאָל דער בראַנדאָפּפער זײַן; אויב אלהים, אונזער גאָט וועט מיר געבן די עמוגים אין מײַן האַנט אַרײַן, זאָל מײַן לײַב און מײַן בלוט דורכגיין דורכן פײַער צו גאָט!

הדסה: וויי איז מיר, גייסט אומגליקלעך מאַכן געמילען, מאַכן זי פאַר אַ קײַלעכדיקע יתומה?

יהוחנן הכהן: דײַן מחשבה, אַז אַ מענטשנס קינד זאָל אַדורכגיין דורך פײַער צו גאָט, איז דערהויבן. אַזאַ אָפּפער וועט זײַן פאַר אים אַ שיינע מתנה. אַזאַ אָפּפער וועט פאַרשטאַרקן דעם בונד פון גלעד מיט אונזער גאָט; וועט געפינען חן אין די אויגן אויך צווישן די באַוווינער פון גלעד, וועלכע בוקן זיך צו די געטער מלכום, מולך און עשתורת. אָבער דיך, יפתח, אַלס קרבן וועט גאָט נישט באַוויליקן אָנצונעמען. דו ביסט באַשטימט פון אלהים צו פירן זײַנע מלחמות; זאָל עמיץ אַנדערש הייליקן מצפּה מיט זײַן בלוט!

יפתח: ווער? ווער? (שפּאַצירט אויפגערודערט איבערן געצעלט) הער, יהוחנן הכהן, אויב מײַן גוף קאָן נישט זײַן דער קרבן, טאָ זאָל עמיצער פון מײַן הויז, וואָס וועט דער ערשטער אַרויסגיין באַגריסן מײַן נצחון, זײַן דער בראַנדאָפּפער פאַר אלהים.

הדסה: וואָס פאַראַ שרעקלעכע זאַך האָסטו צוגעטראַכט! פאַרוואָס זאָל אַ מענטש פון אונזער הויז אומגעבראַכט ווערן אינעם טאָג פון דײַן גרויסן יום־טוב?

יהוחנן הכהן: וואָס פאַרשטייסטו, הדסה, ביסט אַן אישה מיט אַ ווייך האַרץ. עס גייט וועגן אַ נצחון פון אַ גאַנץ פאָלק, פון אַלע בני־ישראל, רעדסטו וועגן לעבן פון איין מענטש. ברענג אַרײַן צוויי ברענענדיקע לעמפּלעך מיט אייל.

הדסה: ווי איז מיר, ווי איז מיר (לויפט אַרויס. אויף דער סצענע ווערט שטיל. הדסה ברענגט אַריַין צוויי ברענענדיקע ערדענע אייל־לעמפּלעך, שטעלט זיי אַוועק אויפן פּאָדיום).

יהוחנן הכהן: (צו חגינען) רוף אַריַין אַ מנין. (ס׳קומען אַריַין זעלנער טו דעם נדר. (שטרעקט אויס אַ האַנט צו יפתחן).

יפתח: איך, יפתח, דער זון פון גלעד זאָג: גאָט פון אַברהם, פון יצחק, און פון יעקב, אויב געבן וועסטו מיר געבן די עמונים אין מיַינע הענט, איז דער אַרויסגייער, וואָס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון מיַין הויז מיר אַנטקעגן, ווען איך וועל זיך אומקערן בשלום פון די בני־עמון, זאָל געהערן צו דיר, אלהים, און איך וועל אים אויפברענגען פאַר אַ בראַנדאָפּפער!

יהוחנן הכהן: אלהים האָט דיַין נדר אָנגענומען. געלויבט זאָל זיַין אלהים, אונזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אונז אויס־דערווײלט צווישן אַלע פעלקער און געגעבן אונז די תורה.

אלע: אמן, אמן, אמן.

די שבועה קומט פאַר ביַי דער באַגלייטונג פון מוזיק. די פויקן איבער־ווערטיקן די מוזיק — אַן אַנדייט אויף דונערן.

דאָס פינפטע בילד

אַ פרויען־געצעלט. נעמי זיצט אויף אַ פּאָדיום איבערגעצויגן מיט אַ דיוואַן. אַרום איר פּאַרען זיך צוויי דינסט־מיידלעך, כזבי און חגלה, מיט טונקעלע פּנימער, וועלכע שלאָגן זיך אָפּ אין דער העלקייט פון נעמיס ליַיב. כזבי קעמט נעמיס לאַנגע האָר, חגלה שמירט איר קערפּער מיט בשמים.

כזבי: דאָס זענען נישט קיין האָר. נאָר זיַיד אַליין. אַזאַ ווייכקייט, אַזאַ גלאַנץ. איך וועל דיך פאַרקעמען אַזוי, אַז וועסט אויסזען ווי פּרעהס טאָכטער, תחפּניס; די פּאָדערשטע האָר וועלן זיך וויקלען ווי שלאַנגען אין דער הייך, צום הימל, ווי זיי וואָלטן וועלן די שטערן דערגרייכן און די הינטערשטע וועלן אַראָפּפאַלן ווי די וואַסערן פון נילוס אין ים אַריַין.

חגלה: און מיַינע שמעקעדיקע בשמים וועל איך אויף נעמיס העלער הויט אַזוי צעפירן, אַז זייער ריח וועט מיט אימפּעט זיך טראָגן איבער

דער מדבר און קיצלען די נאָזלעכער פון די רווענדיקע קעמלען. נעמי דאַרף אויסזען ווי די געטין עשתורת אַליין.

כזבי: ווי די געטין עשתורת? די שרעקלעכע מיאוסקייט, מיטן בויך ווי אַ פאַס און ברוסטן ווי אויסגעמעלקטע אײַטערס. איך וועל דערצו נישט דערלאָזן; געפונען אַ וואָזשנע יפיפיה — עשתורת!

חגלה: נאַר ווי תחפניס, פּרעהס טאָכטער זאָל נעמי אויסזען? געפונען מיט וועמען צו פאַרגלײַכן! וויפל זי זאָל נישט שמירן איר פּנים און דרייען אירע לאָקן אין דער הויך, וועט זי נישט אויפהערן צו זײַן די וויסטע עקרה, וואָס וויל אײַנרעדן דער וועלט, אַז דער אונטערגעוואָרפענער ממזר איז איר זון. ער איז אַזוי איר זון ווי מײַן טאָכטער.

כזבי: פאַרוואָס רעדסטו לשון־הרע אויף פּרעהס טאָכטער? איך וועל נישט אַוועקגעבן איר מינדסטן נאָגל פאַר דײַן גאַנצער עשתורת, דער אויסגעלאָסענער נקבה.

חגלה: ביסט אַ חצופה!

כזבי: ביסט אַליין אַ חצופה און מיאוס ווי דײַן עשתורת.

חגלה: איך בין מיאוס? איך בין שענער פון דיר און פון דײַן פּרעהס טאָכטער. איך וועל נישט דערלאָזן פאַרקעמען נעמין ווי דײַן מרשעת (וויל צעוואַרפן נעמיס פריזור; כזבי לאָזט נישט, גיט זי אַ שטויס אָפּ. חגלה וואַרפט זיך אויף כזבי, זיי כאַפּן זיך פאַר די האָר, שלאָגן איינע די אַנדערע, ביזביידע צעוויינען זיך. נעמי לאַכט. אין צימער לויפט אַרײַן הדסה).

הדסה: וואָס איז דאָ געשען? (צענעמט זיי) וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט, זאָל זיך אויסלאָזן צו אײַערע בײדנס קעפּ. אַזוי היט איר אָפּ מײַן קינד, נעמילען? נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך. אויף אַ רגע בלויז אַרויס פון צימער און שוין געוואַלדן און געשלעגן.

חגלה: זי וויל פאַרקעמען נעמין ווי פּרעהס טאָכטער; טו אַ קוק: מיט אַ טשוב פון פאָרנט!

כזבי: און זי וויל שמירן נעמין, זי זאָל שמעקן מיט שווייס אַזוי ווי די מיידן, וואָס בוקן זיך צו דער עשתורת.

הדסה: (נעמט בײַ חגלה דאָס טעפּעלע מיטן אייל, גיט אַ שמעק, כאַפּט זיך פאַר דער נאָז) מיט אַזעלכע בשמים ווילסטו שמירן נעמיס איידל לײַב? וועסט דאָך פאַרטרײַבן איר חתן אין דער ווײַטסטער מדבר אַרײַן, אַז ער וועט שוין נישט וועלן זיך צוריקקערן אויף די בערג פון גלעד.

כזבי: (שפּעט פון חגלהן) אַהאַ, אַהאַ, אַט האָסטו דײַן פּסק אויפן אָרט. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דײַן עשתורת איז אַ מיאוסקייט און דײַנע בשמים שטינקען (חגלה ווערט געפאַלן בײַ זיך).

הדסה: (גייט צו צו נעמין, גיט אַ קוק אויף איר פריזור, פאַרבערעכט די הענט) ווי איז מיר (געווענדט צו כזבין) וואָס האָסטו געמאַכט פון נעמילעס האָר? האָסט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע פּיראַמידע אויף איר קעפּעלע!

חגלה: (שפּעט) אַהאַ, אַהאַ, וואָס האָב איך געזאָגט, אַט האָסטו דײַן פּסק אויפן אָרט. וועסט שוין וויסן ווי צו חוזקן פון דער עשתורת (כזבי געפאַלן בײַ זיך, שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ).

הדסה: מיידן, קומט נאָר אַהער (זיי גייען צו) קוקט אויף נעמילען! נעמילע איז אַ בת־יעקב, זי איז אַ שיינהייט, ווי ס'איז געווען די מוטער רחל, איר צו לאַנגע יאָר. נעמילען דאַרף מען פאַרקעמען מיט אַ גרויסן שרינט אין דער מיט און מיט צוויי לאַנגע צעפּ. און שמירן דאַרף מען זי מיט שמעקעדיקע בשמים פון מירע, אַלאָע און צימערינג, אַז זייערע ריחות זאָל דערשפּירן איר חתן גרשון העט ווײַט אין מצפה, וווּ ער שלאָגט זיך מיט די עמונים. קוקט זיך גוט צו, פאַרשטײַטע מיידן. (הדסה מאַכט נעמין אַ שרינט. צעלייגט צוויי גרויסע פּאַסמעס האָר, גיט יעדער פון זיי אַ פּאַסמע) פלעכט צוויי צעפּ, זיי זאָלן זיך שלענגלען ווי דער ירדן (לויפט צו צו אַ קופּערטל, וואָס שטייט אין אַ זײַט און נעמט פון אים אַרויס סלויעקעס, שמעקט זיי, צעגייט זיך פון פאַרגעניגן; לויפט צו צו נעמין און גיט איר צו שמעקן) דאָס איז אייל פון באַלזאַם־בלעטער, דאָס איז פּולווער פון קופּע־קאָרע און דאָס איז לאַזור צו שמירן די ווינעס.

כזבי: לאָז מיר אויך אַ שמעק טאָן. ווי גוט, ווי זיס.

חגלה: לאָז מיר אויך אַ שמעק טאָן. ס'אַ מחיה!

הדסה: נו, שוין פאַרפלאָכטן, פאַרקעמט? וואַרפט ביידע צעפּ אַריבער פון פאַרנט. (חגלה שמירט נעמיס הענט און פיס מיט איילן) כזבי, ברענג אַרײַן דעם גאַנג קליידער (כזבי לויפט אַרויס, ברענגט אַרײַן אויף אַ שטענגל אַ האַלב טוץ קליידער אין ווערלכע די קאָלירן גרין, גראַנאַט, רויט האָבן די איבערוואָג; אין דער לינקער האַנט האַלט זי אַ פּאָר באַגילדעטע סאַנדאַלן; הדסה קלייבט אויס אַ קלייד; דערלאַנגט עם כזבין אָנצוטאָן נעמין. חגלה נעמט די סאַנדאַלן בײַ כזבין און טוט זיי אָן נעמין. הדסה פאָלגט נאָך געגוי וואָס די דינסטן טוען, קוקט זיי אויף די הענט) נישט אַזוי, פאַרשטײַטע מויד, אַזוי! (קוקט אויף

נעמין, שעפט נחת) אָה, איצט זעסטו אויס, מײַן קינד, ווי דײַן מאַמע אסתר, דיר צו לאַנגע יאָר, ווען זי איז אַ מיידל געווען.

נעמי: דערצייל מיר, הדסה, פון מײַן מאַמען. דו האָסט דאָך זי געקענט.

הדסה: אַוודאי האָב איך זי געקענט. אָט שטייט זי מיר פאַר די אויגן; ווען איך קוק אויף דיר, זע איך זי. ביסט אינגאַנצן געראָטן אין איר, זאָלסט נאָר האָבן מער מזל פון איר. יונגערהייט נעבעך אַוועק פון דער וועלט.

נעמי: פון וואָס איז זי געשטאָרבן?

הדסה: פון שווערן קינפּעט, טאָקע מיט דיר. צוויי מעת-לעת געגאַנגען צו קינד און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. אויפן דריטן טאָג דיך געהאַט און געשטאָרבן. געווען בײַם פולן פאַרשטאַנד, צוגערופן יפתחן, דײַן פאָטער און אים געזאָגט, אַז ער זאָל זײַן אַ גוטער טאַטע צו דיר (ווערט אַנטשווייגן).

נעמי: נו, און ווײַטער, ווײַטער וואָס איז געשען? דערצייל, הדסה, דערצייל.

הדסה: (שווײַגט, ברעכט אויס אין אַ געוויין; גאָכן באַרויִקן זיך) מיר האָבן געמיינט, אַז דײַן טאַטע וועט חלילה פון זינען אַראָפּ. זײַן ליבשאַפט צו איר איז נישט מיט ווערטער צו דערציילן. גאַנץ גלעד אויסצופאָרן, נישט צו טרעפן. ווען זי איז געלעגן אַ טויטע, האָט ער געקניט פאַר איר און געזאָגט: „נישט בלויז אַ טאַטע וועל איך זײַן צו אונזער טאָכטער, נאָר אויך אַ מאַמע". און ער האָט אַ נדר געטון:

נעמי: וואָס פאַראַ נדר?

הדסה: (ענטפערט נישט גלײַך) אַז ער וועט נישט חתונה האָבן בין דו וועסט נישט ווערן אַ כלה.

נעמי: נו, און וואָס איז ווייטער געשען? דערצייל, הדסה, דערצייל!

הדסה: און ער האָט וואָרט געהאַלטן. אַלע שדכנים פון זיך געטריבן. זײַן גאַנצע ליבשאַפט אין דיר אַרײַנגעטון. איך בין פונקט דאַן געווען נאָך אַ קינפּעט. מײַן קינד איז מיר געשטאָרבן, מײַן מאַן גבריאל איז געהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה מיטן מלך פון בשן. געבליבן בין איך אַן אלמנה, האָב איך אין דעם געזען אַ צייכן פון אלהים, אונזער גאָט, אַז איך דאַרף גיין צו דיר ווערן דײַן אַם. מײַנע בריסטן זענען געווען פול מיט מילך, כאָטש אַ סטאַדע שאָף אָנצוטרינקען. אזוי בין איך געוואָרן

דײַן אַם. עס רעדט זיך אַזוי אַן אַם... איך בין שוין פֿאַרבליבן בײַ אײַך אויף מײַן גאַנץ לעבן. דו ביסט בײַ מיר אַלץ, מײַן מאַן, מײַן טאָכטער, מײַן לעבן.

נעמי: (קוקט אויף איר מיט ליבשאַפֿט, פֿאַלט איר אויף דער ברוסט און קושט זי) מאַמע מײַנע!

הדסה: ניין, איך בין נישט דײַן מאַמע. דײַן טאַטע איז דײַן מאַמע. ער איז דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער. איך בין בלויז אַן אַם. הדסה, דײַן אַם. (שווייגט).

נעמי: נו און וואָס איז ווײַטער געשען? דערצייל הדסה, דערצייל.

הדסה: ווײַטער, ווײַטער זענען מלחמות געווען, וואָס דײַן פֿאָטער האָט געפֿירט און פֿאַרשפּרייט גאָטס גרויסקייט און מעכטיקייט צווישן אַנדערע פֿעלקער. אַלץ האָט געציטערט פֿאַר יפתחן און געפֿאַלן אים צו די פֿיס... זאָל זײַן גענוג מיט די טרויעריקע מעשיות. שפּיל בעסער אויף דער האַרפֿע. דו שפּילסט אַזוי שיין. חגלה, דערלאַנג די האַרפֿע (חגלה ברענגט די האַרפֿע. נעמי שפּילט שטימונגספֿול. עס דערהערט זיך אַ געלויף פֿון אַ רײַטער).

גרשון: (בלײַבט שטיין בײַ דער טיר) שלום צו אײַך!

הדסה: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען. וואָס טוסטו דאָ?

גרשון: יפתח האָט מיך געשיקט צו זען, וואָס מאַכט נעמי און ברענגען אים אַ לעבעדיקן גרוס. וואָס טוסטו, נעמי?

נעמי: זעסט דאָך, איך שפּיל.

גרשון: ווי שיין דו ביסט. זעסט אויס ווי אַ בלום.

הדסה: נאָר אַן פֿאַרגלײַכן. נעמילע זעט אויס ווי נעמילע. די שענסטע צווישן די טעכטער פֿון די בני־ישראל. וואָס הערט זיך אויפֿן שלאַכט־פֿעלד?

גרשון: יפתח האָט שוין אַכצן שטעט אײַנגענומען. די עמונים פֿאַלן ווי די פֿליגן.

נעמי: און וויפֿל שטעט האָסטו אײַנגענומען?

גרשון: איך קאָן זיך נישט גלײַכן צו יפתחן.

הדסה: אָבער יפתח אין דײַנע יאָרן?

גרשון: יפתח איז פֿאַראַן בלויז איינער. איך לויף שוין צו יפתחן אָפּגעבן אים אַ לעבעדיקן גרוס. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל

איך קומען און דאַן. ווען דו וועסט באַווייליקן, וועלן מיר שטעלן אַ חופּה. אַזוי האָט מיר יפתח צוגעזאָגט. נו, איך מוז שוין גיין (שטייט).

הדסה: אַרויס מיידן, אַרויס, (כזבי און חגלה פאַרשווינדן) שעם זיך נישט, זיי דרייַסטער, ביסט נעמילעס חתן, איך קוק אויך נישט (דרייט זיך אויס. גרשון נעמט אַרום נעמין, קושט זי).

דאָס זעקסטע בילד

אַ טיפע פּערספּעקטיוו פון בערג און געשלענגלטע סטעזשקעס. פון וויַיטן לויפט אַ זעלנער מיט אַן אָנגעצונדענעם שטורקאַץ, גיט איבער אַ צווייטן זעלנער, דער צווייטער — אַ דריטן, דער דריטער — אַ פערטן, ביז דער לעצטער קומט מיט אים גאָר נאָענט. בעתן איבערגעבן די שטורקאַצן שרייַען די זעלנער: הידד; הידד! אַ גרויסער נצחון פון יפתחס חיל! מפּלה פון די עמונים! ס'דערהערן זיך ריטמישע טריט פון זעלנער, אַ קלאַפּערייַ פון פויקן און טאַצן, מוזיק שפּילט אַ מאַרש.

אויפן גערודער לויפן אַן נעמי, הדסה, כזבי חגלה און נאָך עטלעכע מיידלעך; זיי שטעלן זיך אויף אַ בערגל און קוקן אויפן אָנקומענדיקן חיל. נעמי שפּרינגט אונטער פאַר פרייד, נעמט אַרויס אַ גרין טיכל און פאָכעט דערמיט צום אָנקומענדיקן חיל.

נעמי: פאָטער, פאָטער, חגין, גרשון, איר זעט מיך? קוקט אַהער. כזבי, זעסט גרשונען? ווי שיין ער מאַרשירט. זעסט, חגלה, דעם פאָטער? ער גייט פון פאָרנט. פאָטער, פאָטער, קוק צו מיר (פּלוצים גיט זי זיך אַ ריס אָפּ פון די שטייענדיקע אויפן בערגל און פאַרשווינדט אין דער ריכטונג פון אָנקומענדיקן מיליטער. הדסה לאָזט זיך תיכף נאָך איר. די סצענע הייבט זיך אָן צו דרייען. עס באַוויַיזט זיך: נעמי אַ לויפנדיקע, נאָך איר הדסה. דערזעענדיק הדסהן פאַלט נעמי אַריַין אין טראַנס פון קינדערישער שטיפערישקייט און שפּיל אין באַהעלטעניש. אַנטלויפט פון איר. ווען הדסה האַלט זי אין אָניאָגן און פאַרהאַלטן, לייַכט פאַרשייַט).

הדסה: נעמילע, נעמילע, לויף נישט, וואַרט צו, לויף נישט, שטיי, שטיי, שטיי! (ווען יפתח באַוויַיזט זיך אויף דער סצענע פון איין זייַט לויפט אַן נעמי פון אַנטקעגן איבער און פאַלט אים אין די אָרעמס. אין דער זעלבער רגע לויפט אַן הדסה לאָזט אַרויס פון זיך אַן אומהיימלעכן, אויפשוידערנדיקן, ווילדן געשריי) ווײ איז מיר און ווינד איז מיר! וואָס האָסטו געטון?

וואָס האָסטו געטון? (אַלע ווערן פאַרציטערט. הדסה רײַסט אַרויס נעמין פון יפתחס אָרעמס. יפתח בלײַבט שטיין אַן אויסגעלאָשענער, דער קאָפּ ווערט אים פּלוצים ווײַס. נעמי איז צעטומלט, קוקט אויף הדסהן, אויף יפתחן, אויף יפתחס סוויטע, צווישן וועלכער עס טיילט זיך אויס די געשטאַלט פון יהוחנן הכהן).

נעמי: וואָס איז געשען? (זי גייט פון אײַן מענטש צום צווייטן) וואָס איז געשען? זאָגט מענטשן, וואָס איז געשען? (קיינער ענטפערט איר נישט).

יהוחנן הכהן: יפתח, הייס די קלעזמאָרים ווײַטער שפּילן דאָס ליד פון דײַן נצחון.

יפתח: שפּילט קלעזמאָרים, דאָס ליד פון מײַן בראָך.

(מוזיק הייבט אָן שפּילן אַ טרויעריקע מעלאָדיע. יפתח ברעכט אוים אין אַ גרויס געוויין, צערײַסט אויף זיך די מלבושים. מוזיק הערט אויף צו שפּילן).

יהוחנן הכהן: זינדיק נישט, יפתח, אויב דו ווילסט, אַז אלהים זאָל דײַן קרבן אָננעמען מיט ליבשאַפט.

דאָס זיבעטע בילד

אַ געצעלט. יפתח זיצט אויף אַ קלעצל אין צעריסענע קליידער, אָפּגעשוירענע האָר, מיטן קאָפּ פאַרזונקען צווישן די הענט. לעבן אים שטייט נעמי אין אַ ווײַס קליידל.

יפתח: אלי, אלי, פאַרוואָס האָסטו מיך געשטראָפט?
צי האָב איך נישט ערלעך דײַנע מלחמות געפירט?
צי האָב איך דײַן נאָמען ברייט
איבער דער וועלט נישט פאַרשפּרייט?
נעמילע, מײַן קינד,
איך האָב דאָך דיך געבאָדן,
ווען דו ביסט אַ פּיצעלע געווען,
דיך געוויקלט און געריייניקט
(מאַכט אַ באַוועגונג פון וויקלען און וואַשן)
אָט אַזוי, אָט אַזוי!
איך האָב דאָך אַ נדר געטון,

איך וועל דיר זײַן אַ פֿאָטער און מוטער...
שוין ווידער דאָס וואָרט „נדר״ ?
הלוואי וואָלט דאָס אויסגעמעקט געוואָרן פֿון אונזער הייליקן לשון,
וואָלט איך צום אומגליק נישט געקומען...

נעמי: פֿאַרצווייפֿל נישט, פֿאָטער, פֿאַרצווייפֿלונג איז אַ זינד קעגן גאָט!

יפתח: איך געפֿין נישט קיין אַנדערע רייד צו גאָט, מײַן טאָכטער.
אלי, אלי, הער אויס מײַן געבעט.
אויב דו האָסט טענות צו מיר, שטראָף מיך, נעם צו מײַן לעבן,
זי לאָז איבער!
ווען האָט זי דען שלעכטס געטון, וואָס דו גייסט זי שטראָפֿן,
וועמען ?
פֿאַרלאַנגסט פֿון מיר, איך זאָל איבערלעבן מײַן קינד ?
פֿאַרוואָס קומט מיר אַזאַ דערנידערונג, אַזאַ געפֿאַלנקייט ?
זי איז דאָך געווען דײַן גרעסט געשאַנק פֿאַר מיר.
איר קאָפּ איז פֿול מיט חכמה און איר האַרץ שטראַלט
מיט גוטסקייט.
איר אויער פֿאַרנעמט דעם געפֿליסטער פֿון גראָז און
דאָס ריזלען פֿון שטראָמלעך וואַסער.
ווער וועט דיר אויף דער האַרפֿע שפּילן
און דורך ניגונים צעטראָגן דײַן לויב ?

נעמי: איך אַלס קרבן בין נישט קיין דערנידערונג פֿאַר דיר.
און איך בין נישט די איינציקע, וואָס שפּילט אַ לויב צו גאָט.

יפתח: אלי, אלי, איך בעט בײַ דיר חסד, ס׳איז מײַן שולד.
איך בין דער רוצח איבער מײַן קינד.
באַפֿרײַ מיך פֿון מײַן נדר!
נעמילע, נעמילע, מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר (נעמט זי אַרום).
ביסט געלאָפֿן מיט דײַנע קליינע טריטעלעך
(מאַכט קינדערישע טריט)
און מיך גערופֿן „מאַממע״, „מאַממע״
אלי, אלי, נעם זי נישט צו פֿון מיר,
אָן איר וועל איך בלײַבן אַ צעבראָכענער שאַרבן,

אויפן מיסטקאַסטן אַרויסצווואַרפן.
ווער וועט דײַנע מלחמות פירן, די בני־עמון
אין הכנעה האַלטן,
און די קינדער פון שבט אפרים שכל לערנען?

נעמי: דו, פאָטער, דער הויפּטמאַן פון גלעד!

יפתח: ניין, קינד מײַנס, איך בין שוין נישט מער דער
אַמאַליקער יפתח.
ס'איז געקומען דער טאָג פון מײַן בראָך!
אלי, אלי, פאַרוואָס האָסטו מיך געשטעלט פאַר אַזאַ נסיון?
פאַרוואָס האָסטו גראָד מיך אויסגעקליבן צום פּרוּוו?

נעמי: קאָן דען אונזער אלהים זײַן אומגערעכט?
קאָן דען אלהים מתקן זײַן נישט פאַרגעזעענע מעשים?
אפשר איז לעבן גאָר אַ שטראָף און טויט אַ שכר?

יפתח: ניין, קינד מיינס.
פאַרלאָשן זענען די טעג פון מײַן לעבן,
פאַרבליבן איז מיר בלויז די פינצטערע הייל... (הפסקה)
און אפשר האָב איך געזינדיקט קעגן בעלן?
אפשר איז ער בעסער פון דיר, אלהים?
און אפשר איז עס נישט דײַן טוּאונג, אלהים?
פון קיין שום גאָט די טוּאונג?
אפשר איז עס בלויז די לײַדנשאַפט פון יהוחנן הכהן?
זאָג־זשע בקבוקיה, נביאות!

נעמי: לעסטער נישט, פאָטער, ברענג נישט פאַר דײַן מויל
קיין זינדיקע רייד.

יפתח: אָבער ס'מוז דאָך זײַן אַ סיבה, מײַן קינד.
עמיצנס ווילן? (הפסקה)
אפשר האָב איך קעגן מײַן חיל געזינדיקט?
ניין, ווו שלאַכט האָט געאָטעמט מיט רוגזה,
און פײַער האָט געלעקט מיט זײַן צונג,
בין איך דער ערשטער געשפּרונגען
און נאָך זיך מײַן חיל געפירט.

בעסער איז דעם געפּאַלענעם פון שווערד,
ווי דעם דערשלאָגענעם פון צער.
ווער קאָן פילן, וואָס איך פיל.
ווער קאָן פאַרשטיין ,וואָס איך טראַכט ?
בלויז אַ נשמה פול מיט יסורים פּונקט ווי מייַנע,
בלויז אָן אומגליקלעכער פאָטער ווי איך.

נעמי: ביסט נישט אַליין פאָטער, אין דייַן צער,
איך טייל דייַנע יסורים.
איך בין מיט דיר אין דייַן גרויסער שעה.
שטאַרק זיך !

יפתח: ווו נעמט מען דייַן כוח, ווו נעמט מען דייַן אמונה... (הפסקה)
און אפשר איז דאָס די שטראָף פאַר די זינד פון מייַן מוטער,
מייַן פאָטער ?
אפשר טאָר קיין זכר נישט בלייַבן פון זייער זרע,
פון יפתחס שטאַם ?
וואָלט דאָך בעסער געווען,
ווען, דו נעמילע, וואָלטסט אינגאַנצן נישט געבוירן געוואָרן.

נעמי: ווער־זשע, פאָטער, וואָלט דייַנע נצחונות באַגלייט ?

יפתח: גערעכט ביסטו, טאָכטער, קלוג זענען דייַנע רייד.
אָבער אָן דיר בין איך אַ שטיק ליים
(קושט זי, נאָך אַ הפסקה, מיט אַ פעסטן טאָן)
אלי, אלי, באַפרייַ מיך פון דייַן קייט,
וואָס איך האָב אַליין אָנגעטון אויף זיך.
דו האָסט מייַן נדר אָנגענומען, דו קאָנסט מייַן נדר אויפלייזן.
איך וויל נישט מיט מייַנע הענט מייַן קינד אומברענגען ! (שרייט)
איך וויל נישט ; איך וויל נישט.
(קוקט מיט עקל אויף זייַנע הענט, טרייסלט זיי ווי נישט זייַנע, מיאוסט זיך מיט זיי)
דאָס זענען נישט מייַנע הענט,
דאָס זענען הענט פון אַ רוצח !

נעמי: ניין, פאָטער. דאָס זענען דייַנע מעכטיקע הענט (קושט זיי)
אַזוי איז באַשערט, אַזוי וויל אלהים.

דיַינע מלחמות און דיַינע נצחונות זענען מער ווערט ווי
מיַין לעבן.
זאָל זיך דיר דאַכטן, פּאָטער, אַז דו האָסט אַ זון געהאַט.
און ער איז אויפן שלאַכט־פעלד געפאַלן, פאַר אלהים.

יפתח: איין זאַך איז פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד מיטן שונא,
און אַ צווייטע זאַך איז פירן דאָס אייגענע קינד
אויפן מזבח ווי אַ לאַם
(נעמט זי אַרום, קושט זי; פאַלט אויף די קני, וויינט, נעמי הייבט אים אויף).
איך קאָן דיך נישט פאַרלירן, איך וועל צוזאַמען מיט
דיר אויפן מזבח גיין,
איך טאָר נישט איבערלעבן מיַין פאַרברעך.

נעמי: ניין, פאָטער, דו דאַרפסט לעבן, דו דאַרפסט מלחמות
פירן פאַר די בני־ישראל,
אלהים האָט דיר אויסגעבאָרגט אַ טאָכטער, איצט מאָנט ער אויף
ביַי דיר דעם חוב. אַכצן יאָר בין איך געווען מיט דיר,
איצט וועל איך
זיַין מיט מיַין מאַמען... לאָז מיר רויִק גיין צו מיַין מוטער!

יפתח: וועל איך אויך גיין מיט דיר, צו דיַין מאַמען, איך וועל צוזאַמען
מיט דיר גיין אויף דער עקדה.

נעמי: איך האָב אַ בקשה צו דיר, פאָטער, לאָז מיך אויף צוויי חדשים
מיט מיַינע חברטאָרינס אין די בערג פון גלעד, ווו איך וועל
מיַינע נישט אויסגעלעבטע יאָרן באַוויינען.
(יפתח נעמט זי אַרום.ביידע וויינען)

דאָס אַכטע בילד

אין טאָל פון אַ בערגיקער געגנט. אין דער פּערספּעקטיוו זעט מען אַ לייכטנדיקן מזבח. פון סופיט הענגען אַראָפּ אויפשריפטן:

זאָלסט נישט הרגענען!
זאָלסט נישט גנבענען!
זאָלסט נישט זאָגן אויף דיַין חבר פאַלש עדות!

זאָלסט נישט באַגערן דײַן חברס פעלד!
וואָס ביסט מנדר, באַצאַל!
עס קומען אַרײַן לוויים יום־טובדיק אָנגעטון.

עבד: דאָס מאָל דאַרף מען פאַרגרייטן מער האַלץ, דאָס פײַער דאַרף פלאַקערן, מען זאָל עס זען פון אַלע בערג און טאָלן פון גלעד. הייליק איז דער הײַנטיקער טאָג. יפתח פירט זײַן טאָכטער דורכן פײַער צו אלהים, אונזער גאָט. יהוחנן הכהן פאָלגט נאָך יעדן אונזער קער־און־ווענד, אַלץ מוז זײַן ווי ער באַפעלט.
גמליאל: אַ גאַנצן פרימאָרגן האָלץ געטראָגן, גלי־קוילן פאַרגרייט, אַ שטריק אויסגעפלאָכטן און דאָס מעסער צום שעכטן געשאַרפט.
(ס'קומט אָן יהוחנן־הכהן, זייער רײַך געקליידט, אין אַ ווײַסן קיטל, באַגילדט און באַזילבערט).
יהוחנן הכהן: געלויבט זאָל זײַן אלהים, אונזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס האָט אונז אויסדערוויילט פון צווישן אַלע פעלקער און געגעבן אונז די תורה.
לוויים: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען אויף תמיד! (נייגן זיך פאַר אים).
יהוחנן הכהן: אַלץ פאַרבאַרייט?
עבד: מודעות צעהאַנגען איבער אַלע ישובים פון גלעד, טרומפייטן האָבן צו וויסן געגעבן דעם המון, יפתחן האָב איך אַליין מודיע געווען, ער וואָלט שוין באַדאַרפט זײַן (קוקט אויפן הימל).
יהוחנן הכהן: וואַרט נישט, שיק אים רופן.
עבד: איך שיק תיכף רופן... (דערזעט עמיצן פון דערווייטנס) שוין נישט נויטיק, יפתח גייט. (עס באַווײַזט זיך יפתח אין צעריסענע קליידער, באַגלייט פון הדסה, פלתי און גרשון).
הדסה: גאָט מיט אײַך!
יהוחנן הכהן: געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען. ווו איז נעמי, גאָטס אויסדערוויילטע כלה. (יפתח שווײַגט) די גאַנצע שטאָט וואַרט? (יפתח שווײַגט, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) הײַנט איז אַ הייליקער טאָג, און דו ביסט געקומען קרוע־בלוע (יפתח שווײַגט) אויב דו האָסט נישט געהאַט אין זיך דעם כוח זי צו ברענגען, וועט עבד שיקן נאָך איר לוויים.
פלתי: (מאַכט אַ טריט פאָרויס) זײַ מוחל, יהוחנן הכהן, מײַן העזה, איך האָב אַ וואָרט צו דיר.

יהוחנן הכהן: רעדן!

פלתי: בעט בײַ אלהים, זאָל ער טאָן חסד צו יפתחן, זײַן קנעכט און באַװיליקן אויסצובײַטן דעם קרבן נעמי אויף שאָף און רינדער. װיפֿל דו װעסט באַשטימען, װעל איך געבן. װילסט מײַנע סעדער פֿון אײלבירטן, װעל איך דיר געבן מײַנע סעדער פֿון אײלבירטן; װילסט מײַנע װײַנגערטנער, װעל איך געבן מײַנע װײַנגערטנער; און אפֿשר אַלע מײַנע שאָף און רינדער װילסטו, װעל איך געבן אַלע מײַנע שאָף און רינדער — אַלץ, װאָס איך פֿאַרמאָג, װעל איך געבן אלהים. איך קאָן נישט צוזען דעם צער פֿון יפתחן.

יהוחנן הכהן: משהס תורה איז נישט צו פֿאַרהאַנדלען!

פלתי: חלילה, איך װייס, דו ביסט דער גרעסטער, דער אײנציקער, דער טיפֿסטער בקי אין משהס תורה. װאָס בין איך, אַ פֿינצטערער פּויער... נאָר דערלויב מיר, יהוחנן הכהן, אַרויסצוברענגען פֿון מײַן זכרון אײן פֿאַל, װאָס האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט פֿון מײַנע קינדער־יאָרן; מײַן פֿאָטער גלעד האָט מיר דערציילט, אַז אלהים, אונזער גאָט האָט געלאָזט אויסבײַטן דעם קרבן יצחק, װאָס אַברהם אָבינו האָט געפֿירט צו דער עקדה אויף אַ װידער.

יהוחנן הכהן: אמת, אלהים האָט באַװיליקט צו מאַכן דעם בײַט, װען ער האָט געזען אַברהמס פֿולע גרייטקייט צו שעכטן זײַן זון יצחק מיט די אײגענע הענט. יפתח װײַזט נישט אַרויס אַזאַ גרייטקייט.

פלתי: האָט דען יפתח נישט געפֿירט אַלע מלחמות בלויז פֿאַר אלהים?

יהוחנן הכהן: פֿיר נישט קײן חשבונות מיט אלהים. די מלחמות האָט ער געװונען, װײַל אַזוי איז געװען גאָטס רצון. אָן דעם נדר איז אַ ספֿק צי יפתח װאָלט אָפּגעהאַלטן דעם נצחון איבער די עמונים.

הדסה: אין װאָס־זשע איז געגאַנגען אלהים, אין געװינען די מלחמה מיט די עמונים, צי אין אויספּרוּװן יפתחס טרײַשאַפֿט צו אים?

יהוחנן הכהן: שטעל נישט קײן קשיות, נישט פֿאַר דײַן װײַבערישן שכל. אונזער גאָטס פֿירונג איז פֿול מיט חכמה און יושר; װעסט האַלטן דעם נדר, יפתח?

יפתח: (שװײַגט).

הדסה: באַפֿרײַ יפתחן פֿון נדר. זײַן ליבשאַפֿט צו געמילען פֿילט אויס זײַן גאַנץ האַרץ.

יהוחנן הכהן: האָסט מער ליב נעמין ווי אלהים?

יפתח: (שוויַיגט).

הדסה: מעסט נישט זיַין ליבשאַפט. אלהים גיט ער, וואָס אים קומט, און נעמילע איז זיַין איינציק קינד, זיַין אויג אין קאָפּ, ברענג זי נישט אום.

יהוחנן הכהן: ווילסט נישט אַז דיַין קרבן זאָל ווילגעפעלן אלהים, נאָר זיַין אַ שטראָף פאַר דיַינע ספקות?

יפתח: (שוויַיגט).

הדסה: איר אומשולדיק בלוט וועט סיַי ווי פאַלן אויף זיַין קאָפּ. ער וויל נישט דערמאָרדן זיַין קינד, אַזוי טוט נישט קיין חיל־פירער, נאָר אַ פשוטער רוצח.

(עס קומט אָן נביא בקבוקיה באַגלייט פון עטלעכע נביאים. דער עולם מאַכט זיי אַ וואָרע).

נביא בקבוקיה: געלויבט זאָל זיַין אלהים, אונזער גאָט, דער איינציקער גאָט!

אַלע: געלויבט זאָל זיַין זיַין נאָמען אויף תמיד.

יהוחנן הכהן: יפתח וויל נישט מקיים זיַין זיַין נדר.

נביא בקבוקיה: איך ווייס, כ'האָב געהערט.

הדסה: זיַיט מיר מוחל, חכמים, מיַין וויַיבערישן שכל, אָבער מאַכט מיר קלאָר: וואָס וועט זיַין מיטן אַלטן נדר פון צוריק מיט אַכצן יאָר? ווי קאָן נעמילע גיין אויפן מזבח, ווען זי דאַרף גיין אונטער דער חופה? און יפתח וועט בליַיבן אַן אייביקער אלמן?

יהוחנן הכהן: נישט דיַין זאַך איז צו לערנען אלהימס חוקים און געזעצן.

נביא בקבוקיה: לאָז, הדסה, מיר וועלן דעם ענין באַשיידן לויט דער הלכה. וועלכן נדר האָט יפתח געטון צוריק מיט אַכצן יאָר?

הדסה: אַז ער וועט נישט חתונה האָבן פאַר נעמילעס חופה.

יהוחנן הכהן: ווער האָט דאָס געהערט?

הדסה: איך בין דערביַי געווען.

נביא בקבוקיה: און ווער נאָך?

הדסה: דבורה, מיַין שוויגער. זי לעבט שוין נישט.

נביא בקבוקיה: אָבער צווישן די לעבעדיקע, ווער האָט נאָך געהערט?

הדסה: באַלד, לאָמיר זיך דערמאָנען... מיר דאַכט, אַז עבד האָט געהערט.

יהוחנן הכהן: (קוקט דורכדרינגלעך אויף די צעשראָקענע אויגן פון עבדן, וואָס וואַרפט בליקן אויף יהוחנן הכהן און נביא בקבוקיה) רעד!

נביא בקבוקיה: דערציייל דעם אמת, דערצייל וואָס דו האָסט געהערט.

עבד: צוויי יאָר נאָך מײַן בר־מצוה איז דאָס געווען. איך האָב דאָן געטראָגן די כּלים בײַ עזרא דעם כהן. איך האָב עס געהערט. הדסה זאָגט וואָר.

נביא בקבוקיה: דאָס איז אַ שיינער נדר, אַ גרויס מסירת־נפש, אים קאָן מען נישט מבטל מאַכן. פירן אַ בת־יעקב צו דער חופּה איז נישט ווינציקער רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון אלהים, ווי צו פירן זי צו דער עקדה.

נביא אבירו: אַוודאי, אַוודאי, איך מײַן אויך אַזוי. אַכצן יאָר האָט גאָט געפּרוּווט יפתחס טרײַשאַפט צו אים און יפתח האָט אויסגעהאַלטן, זיך גובר זײַן דאַרף מען האָבן מער כוח ווי אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער עמיצן. נישט אמת, נביאים, נזירים?

נביאים: גערעכט, גאָלדענע רייד.

יהוחנן הכהן: (מאַכט עטלעכע טריט אַהין און צוריק, פאַרטראַכט) מוז מען, הייסט עס מקיים זײַן דעם נדר פון צוריק מיט אַכצן יאָר, נעמי זאָל חתונה האָבן און יפתח זאָל פרײַ ווערן פון וואָרט. אויב דו, נביא בקבוקיה האַלטסט אַזוי, בייג איך מײַן אויער צו דײַנע ווערטער. עבד, הדסה, ברענגט נעמין, פירט די כּלה צו דער חופּה.

הדסה: (אַ שטראַלנדיקע, אַ צעטומלטע פון גליק, פאַלט אויף די קני פאַר נביא בקבוקיה) געלויבט זאָל זײַן אלהים און זײַן נביא בקבוקיה (טוט דאָס זעלבע פאַר יהוחנן הכהן) געלויבט זאָל זײַן אלהים און זײַן כהן יהוחנן! (און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע פאַרן נביא בקבוקיה).

נביא בקבוקיה: שטיי אויף, טאָכטער, בוקן זיך פאַר אַ מענטשן איז עבודה־זרה.

הדסה: (שטייט אויף, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, לויפט פון איין מענטש צום צווייטן, צו די נביאים, לוויים) דער נביא, דער גרויסער נביא האָט אָפּגעראַטעוועט מײַן קינד. ער איז דער שליח פון אלהים. זײַן וואָרט

איז דאָס וואָרט פון אלהים. (דערמאָנט זיך) קום עבד, גרשון, לאָמיר ברענגען די כלה, לאָמיר שטעלן די חופה. יפתח, וואָס שטייסטו קרוע־בלוע, גיי טו זיך איבער! (נעמט זיי פאַר די הענט און פירט זיי אַרויס; ס׳ווערט שטיל. יהוחנן זעצט זיך אויף אַ קלעצל, אַ בייזער, פאַרמרהשחורהטער. עס באַווייַזט זיך נעמי געפירט פון הדסהן, אירע שוואַרצע דינסטן און אַנדערע מיידלעך. עס גייען זיי נאָך עבד, גרשון, צום סוף קומט אַרייַן יפתח מיליטעריש און רייַך געקליידט. עבד שטעלט די חופה. מען באַזעצט די כלה. מוזיק שפּילט פריִער אַ טרויעריקע מעלאָדיע, שפּעטער גייט זי איבער צו אַ פריילעכער. צוויי קאַראַהאָדן: מיידלעך און נביאים טאַנצן באַזונדער. מוזיק הילכט שטאַרקער, האַסטיקער. מען נעמט די כלה אין דער מיט. אַנטקעגן איר טאַנצט פאַרשייַט הדסה. פּלוצים דערהערט זיך יהוחננס שטים).

יהוחנן הכהן: גענוג! גענוג! (אַלץ רייסט זיך אָפּ מיט אַמאָל) איצט זענען שוין נישט פאַראַן קיין שום מניעות, נביא בקבוקיה. יפתח איז פריַי פון ערשטן נדר. יפתח דאַרף אַצינד מקיים זייַן דעם צווייטן נדר. דער מזבח איז גרייט אויפצונעמען דעם בראַנדאָפּפער (אַלע ווערן דערשטוינט, פאַר־גליווערט).

נביא בקבוקיה: וואָס גייסטו טאָן, יהוחנן הכהן?

יהוחנן הכהן: איצט איז ריין דער וועג צו אלהים. מען דאַרף אים געבן דאָס, וואָס אים קומט לויטן נדר. זאָל געשען זייַן רצון.

הדסה: נביא, מענטשן, וואָס רעדט ער? (אַ צעטומלטע לויפט זי צו צו נעמין, נעמט זי אַרום און האַלט זי שטאַרק).

נביא בקבוקיה: דאָס איז נישט דער רצון פון אלהים!

יהוחנן הכהן: אַ נדר מוז מען פריִער אָדער שפּעטער מקיים זייַן!

הדסה: יפתח זאָל פאַרגיסן דאָס בלוט פון זייַן אייגן קינד?

יהוחנן הכהן: און ווען נעמי וואָלט געווען נישט זייַן אייגן קינד? יעדער מענטש איז דאָך עמיצנס אַ קינד?

נביא בקבוקיה: אמת. יעדער מענטש איז עמיצנס אַ קינד. דאָס איז טאַקע יפתחס גרויסע זינד. ער האָט פאַרשוועכט דעם מענטשנס קינד. ער האָט אַזאַ נדר בכלל נישט געטאָרט געבן. אָבער ווער איז יפתח. אַ זעלנער, אַ קריגס־מאַן — לעבן און טויט איז אַ שפּיל אין זייַנע הענט, האָט ער נישט אַרייַנגעטראַכט אין תוך פון זייַן נדר. דאָס איז זייַן גרויסע זינד. ער האָט פאַרשוועכט דעם מענטשנס קינד.

הדסה: נביא בקבוקיה, דאָס איז נישט יפתחס זינד, דאָס איז די זינד פון יהוחנן הכהן. ער האָט צוגערעדט יפתחן צו טאָן דעם נדר — איך בין דערביי געשטאַנען.

יהוחנן הכהן: נעמט זי צו פון מײַנע אויגן. זי איז אַ בייזער און פרעמדער רוח, זי פאַרשוועכט איצט דעם נאָמען אלהים און דערנידעריקט דעם כבוד פון זײַנע כהנים. (לויים רײַסן זי אַפּ פון נעמין; זי ווערט זיך. זיי פירן זי אַפּ אין אַ זײַט און האַלטן זי פאַר די הענט. צו יפתחן) וועסט ברענגען דעם קרבן, צי נישט?

עבד: פאָלג יהוחנן הכהן. וואָס ביסטו אָן אים?

נביא בקבוקיה: יפתח דאַרף דעם קרבן נישט ברענגען. דער נדר טראָגט אין זיך זײַן סתירה און פאַרלייקענונג. אלהים, אונזער גאָט האָט קיינמאָל אַזאַ אומווערדיקייט נישט פאַרלאַנגט. אין משהס תורה שטייט געשריבן: לאָז נישט אומשולדיק בלוט פאַרגיסן צווישן דײַן פאָלק ישראל!

הדסה: אלהים איז נישט קיין אכזר ווי יהוחנן הכהן (רײַסט זיך פון די הענט פון די לויים) לאָז מיך קוקן אים גלײַך אין די אויגן.

יהוחנן הכהן: דאָס איז נישט קיין אכזריות, נײַערט יפתחס שכר פאַר זײַן ביז איצטיקער געטרײַער דינסט אלהים. נביא בקבוקיה, איך האָב פריִער גענייגט מײַן אויער צו דײַנע רייד, ווען דו ביסט געווען גערעכט, איצט נייג דײַן דעה פאַר מיר, ווען איך בין גערעכט.

נביא בקבוקיה: דו ביסט נישט גערעכט, יהוחנן הכהן, קאָן דען דאָס בלוט פון אַ קינד זײַן דער שכר פאַר אַ פאָטער? באַגערט דען אלהים בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער בכלל? ער פאַרלאַנגט בלויז מען זאָל זיך צוהערן צו זײַנע געבאָטן. גייסט אַראָפּ פון אלהימס וועגן. איך האָב דיך געוואָרנט זאָלסט נישט אויפשטעלן קיין מזבח אין מצפּה...

הדסה: (צווישנרוף) ער וויל ווערן כהן גדול...

נביא בקבוקיה: איך האָב דיך געוואָרנט, האָסטו מיך נישט געפאָלגט. איצט ווילסטו אַדורכלאָזן אַ מענטשן דורכן פײַער. אלהים, אונזער גאָט נעמט נישט אויף אַזעלכע קרבנות, פאַרלאַנגט זיי נישט.

יהוחנן הכהן: אַ מזבח אין מצפּה איז פאַר אַלע מיני קרבנות. דאָס איז דער מנהג פון די באַוווינער פון גלעד, וועלכע דינען אויך אַנדערע געטער. זיי זענען אויך בני־ישראל.

נביא בקבוקיה: ניין, קיין מזבח אין מצפה און קיין מענטש אַלס בראַנדאָפּפער. ביַי די בני־ישראל איז אַזאַ מנהג נישטאָ. אין משהס תורה איז אַזאַ געבאָט נישט פאַראַן. נישט געווען אין דער מדבר, נישט פאַראַן איצט אין שילה, ווו עס רוט דער משכן און דער אוהל־מועד פון אלהים. צו וואָס האָסטו צעהאַנגען דאָ אלהימס געבאָטן? פאַרוואָס ביסטו זיי מחלל?

הדסה: פון אים שפּאַרט אַרויס די גאוה. ער פאַרלאַנגט געהאַרכזאַמקייט.

יהוחנן הכהן: פאַרמאַכט דאָס מויל דער חצופה (צו נביא בקבוקיה מיט אַ געמאַכטער געלאַסנקייט) איך מיַין, נביא בקבוקיה, אַז דו טרעטסט אַריבער די גרענעץ פון דיַין רשות. דאַרפסט נביאות זאָגן, באַשיידן חלומות, דערציילן ניסים, וואָס אלהים וויַיזט די בני־ישראל, אָבער נישט זאָגן מיר דעות, ווי אַזוי איך דאַרף דינען גאָט. איך שטאַם פון שבט לוי און די כהונה איז מיר געגעבן בירושה.

נביא אבירו: אמת טרעפן, באַשיידן חלומות, דרשענען פאַרן פאָלק, דאָס איז אונזער עובדא.

נביאים: אַוודאי, אַוודאי.

נביא בקבוקיה: איך וויל דיר נישט זאָגן קיין דעה אין דיַין עבודת הבורא, אָבער דאָס וואָרט פון אלהים טראָג איך צווישן פאָלק. ס'איז אויך חל אויף דיר. דרום וואָרן איך דיך, פאַרלאַנג נישט פון יפתחן ער זאָל באַגיין אַן אומווערדיקייט קעגן אלהים. נביא אבירו, ברענג אַריַין די געשריפטס. (נביא אבירו ברענגט אַריַין אַ ראָל פאַרמעט. נביא בקבוקיה וויקלט זי פונאַנדער) הערט באַוווינער פון גלעד. אין דער תורה שטייט געשריבן: — „עס זאָל זיך נישט געפינען ביַי דיר איינער, וואָס מאַכט דורכגיין זיַין זון אָדער טאָכטער דורך פיַיער".

נביא אבירו: אַזוי שטייט געשריבן.

יהוחנן הכהן: אמת, אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה. דאָס איז אָבער נישט חל אויף אַ נדר. עבד, ברענג אַריַין די טאָוולען (עבד דערלאַנגט

אים די טאָוולען. קוקט, זוכט) הערט באַוווינער פון גלעד, וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן: „האָסט מנדר געווען צו גאָט, פּרווו אים נישט נאַרן. וואָס ביסט מנדר, באַצאָל. בעסער זאָלסט נישט מנדר זײַן, איידער מנדר זײַן און נישט באַצאָלן. האָב מורא פאַר גאָט״.

נביא בקבוקיה: דער פאַרזאָג איז חל אויף זאַכן און חיות, ער איז אָבער נישט חל אויף אַ בלוט-פאַרגיסונג פון אַ מענטשן. יעדער נדר האָט זיך זײַן גרענעץ. ער בלייבט שטיין פאַרן „לא תרצח״, זאָלסט נישט הרגענען. ווען אַ נדר זעט פאַר אַלס תנאי דאָס פאַרגיסן אומשולדיק בלוט פון אַ מענטשן, דאַן איז אַזאַ נדר אין סתירה צו תורת משה. יפתח טאָר דעם נדר נישט מקיים זײַן.

יהוחנן הכהן: רופסט צו מרידה אַנטקעגן גאָטס דינער, כהנים און לויים?

נביא בקבוקיה: זוך נישט קיין מרידה בײַ אַ מענטשן, וואָס טראָגט גאָטס וואָרט. האָב מער צוטרוי צום פאָלק.

יהוחנן הכהן: יפתח, ביסט גרייט צו פאָלגן גאָטס געטרײַען דינער?

יפתח: (שווײַגט).

הדסה: דער נביא בקבוקיה באַפרײַט אים פון נדר.

יהוחנן הכהן: שווײַג, חצופה, קיינער קאָן נישט באַפרײַען אַ ישראלי פון אַ נדר, וואָס ער האָט געטון צו אלהים.

עבד: טו וואָס יהוחנן הכהן זאָגט דיר. ער איז גאָטס איינציקער דינער.

הדסה: הער נישט, יפתח, די זינדיקע רייד פון יהוחנן הכהן און זײַנע לויים. דער נביא בקבוקיה טראָגט גאָטס וואָרט, אים פאָלג. (נעמי פּרווות צוגיין צו הדסהן, זי ווערט פאַרהאַלטן פון די לויים).

יהוחנן הכהן: דו פאַרשוועכסט משהס תורה, דו אומפאַרשעמטע!

נביא בקבוקיה: וואָס האָסטו פון משהס תורה געמאַכט? פאַרשטעלסט מיט איר דײַן געצנדינערײַ. דו דינסט נישט אונזער גאָט אלהים, נאָר מלכום, דעם בלוט-דורשטיקן געטש פון די עמונים, וועלכער הייסט שעכטן קינדער פאַר זײַנעטוועגן. אלהים איז נישט מולך און נישט מלכום. אלהים דאַרף נישט קיין מענטשן-בלוט.

הדסה: יפתח, גיב נישט נאָך דעם אכזר זײַנע לײַדנשאַפטן.

יהוחנן הכהן: חצופה, זעצט זי אײַן אין תפיסה (לויים בינדן אירע הענט מיט שטריק).

הדסה: נעמילע, נעמילע, מײַן טײַער קינד (לויים פאַרהאַלטן נעמין, לאָזן איר נישט צוגיין צו הדסהן, וואָס ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין).

נביא בקבוקיה: אַ נביא איז נישט אין רשות פון כהן. דער כהן קאָן הערשן מיט שרעק, און פחד, געדענק אָבער, אַז געוואַלט איז חומר און פאַרגענגלעך. בלויז גאָטס וואָרט איז רוחניות און אייביק.

יהוחנן הכהן: שפּיל זיך נישט מיט פײַער! ביסט אַ נביא אַזוי לאַנג ווי איך וויל.

נביא בקבוקיה: אַ נביא איז נישט אין רשות פון כהן. דער כהן קאָן אים נישט באַשטימען, דער כהן קאָן אים נישט אַראָפּנעמען. אַ נביא ווערט נתגלה דורך גאָטס וואָרט.

יהוחנן הכהן: דאָס איז בטלנות און אײַנרעדעניש. גאָטס דינער איז דער, וואָס טוט עבודת הבורא און נישט דער, וואָס זאָגט נביאות. דרום איז דער רשות פון אלהים מײַן רשות.

נביא בקבוקיה: ווילסט מיט אומשולדיק בלוט פון יפתחס טאָכטער שמירן די רעדער פון דײַן ממשלה? מצפה זאָל איבער שילה געוועלטיקן, גלעד זאָל איבער כנען הערשן? ניין! מיט פאַרברעכערישע כלי־זיין קאָן מען קיין הייליקטום נישט בויען. אויב די ציגל זענען געטונקען אין בלוט, זינקט דער בנין אין תהום פון פאַרברעכן! קערסט אָפּ דײַן אויער פון נביאס רייד און ברענגסט צו זינד די כהנים און לויים. אלהים וועט זיך צערעכענען מיט דיר.

יהוחנן הכהן: אלהים איז מיט מיר און נישט מיט דיר. פרעג די לויים, די נביאים, פרעג דאָס פאָלק. גרשון וועסט לעבן מיט אַ ווײַב, וואָס געהער נישט צו דיר, נאָר צו אלהים, אונזער גאָט?

גרשון: זי איז מײַן כלה. איך האָב זי ליב. יפתח האָט מיר געגעבן זײַן ברכה.

יהוחנן הכהן: יפתח האָט שוין נישט וואָס צו זאָגן איבער נעמי. ער האָט זי מנדר געווען אונזער גאָט אלהים.

גרשון: אויב איר, יהוחנן הכהן, האַלט אַזוי, טאָ זאָל זײַן אַזוי, ווי איר זאָגט.

יהוחנן הכהן: און דו, פּלתי, ווּעסט זיך באַקענען צו אַ ברודער, וואָס וויל נישט מקיים זײַן דעם נדר צו אלהים, אונזער גאָט?

פּלתי: (צעטומלט, קוקט אויף יפתחן, אויף די אַרומיקע) אַ ברודער וואָס פֿאָלגט נישט די באַפֿעלן פֿון יהוחנן הכהן, וואָס פֿאָלגט נישט... (גייט לאַנגזאַם, נישט אַנטשלאָסן, אַריבער אויף דער זײַט פֿון יהוחנן הכהן).

יהוחנן הכהן: נו, און וואָס זאָגסטו, חגין?

חגין: (גייט צו צו יפתחן, לייגט אים אַרויף די האַנט אויף זײַן אַקסל) אומזיסט דײַן עקשנות, יפתח, טו וואָס יהוחנן הכהן הייסט דיר. מיר דאַרפֿן נאָך מלחמות פֿירן. (גייט אַריבער אויף דער זײַט פֿון יהוחנן הכהן).

יהוחנן הכהן: נביא אבירו וואָס זאָגט?

נביא אבירו: אַוודאי ווערט אַ נביא נתגלה, אָבער אַ נדר דאַרף מען מקיים זײַן ווי עס זאָגט יהוחנן הכהן. אלהימס איינציקער דינער. דער דרך פֿון נביא בקבוקיה איז נישט מײַן דרך (קוקט אויף די נביאים).

נביאים: דער דרך פֿון נביא בקבוקיה איז נישט אונזער דרך. (גייען אַריבער אויף דער זײַט פֿון יהוחנן הכהן. אַלע פֿאַרזאַמלטע גייען אַריבער אויף דער זײַט פֿון יוחנן הכהן. דער נביא בקבוקיה בלײַבט אַליין).

יהוחנן הכהן: (צו יפתחן) אויף וואָס וואַרטסטו נאָך?

הדסה: לאָזט מיך צום נביא בקבוקיה, לאָזט מיך זײַן מיט גאָטס מאַן (יהוחנן הכהן מאַכט מיט דער האַנט צו די לוויים, מען זאָל איר דערלויבן. זיי פֿירן זי אַריבער צו אים. יפתח און נעמי בלײַבן אין דער מיט).

יהוחנן הכהן: נו, בקבוקיה, פֿאַר וועמען ווּעסטו איצט זיך אַנטפּלעקן? דאָס פֿאָלק וויל דיך נישט קענען, דו ביסט אַ פֿאַלשער נביא, דו ביסט אַ מרגל פֿון די עמונים, דו זוכסט אונזער מפּלה.

נביא בקבוקיה: האָסט אָפּגעגנאַרט אלישמע, דעם כהן גדול פֿון שילה, איצט נאַרסטו אָפּ דאָס פֿאָלק. דו ביסט אַ פֿאַרברעכער!

יהוחנן הכהן: חגין, עבד, שטעלט אים אַרײַן אין אַ צוואַנגס־קלאָץ און טוט אים אָן אַ האַלזרינג, ביז ער וועט זיך מודה זײַן, אַז ער איז אַ מרגל.

נביא בקבוקיה: קאָנסט טאָן מיט מיר, וואָס דײַן שוואַרצע מחשבה וועט דיר נאָר אונטערזאָגן. אָבער וויסן זאָלסטו וויסן זײַן, אַז דאָס אומשולדיקע בלוט, וואָס דו גייסט פאַרגיסן, וועט נישט רוען און וועט מאָנען גערעכטיקייט. דײַן בלוטיקע ממשלה וועט פאַלן אונטער דער לאַסט פון דײַנע פאַרברעכנס! (זעלנער און לוויים פירן אַרײַן דעם צוואַנגס־קלאָץ און שטעלן אַרײַן אין אים דעם נביא בקבוקיה, טוען אים אָן דעם האַלז־רינג).

יהוחנן הכהן: פירט זיי אָפּ! (זעלנער פירן זיי אַרויס).

נביא בקבוקיה: (גייענדיק) שמע ישראל אדני אלהינו, אדני אחד! (ס'ווערט שטיל).

יהוחנן הכהן: צינדט די שטורקאַצן! (לוויים באַווייזן זיך מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן, רינגלען אַרום יפתחן און נעמין. דער מזבח הייבט אָן שטאַרקער צו לײַכטן. יפתח און נעמי שטייען אַרומגענומען. מוזיק שפּילט שטיל, אין דער מעלאָדיע הערן זיך עלעמענטן וואָס דערמאָנען שופר־בלאָזן).

ס ו ף

ציעכאָצינעק אויגוסט 1966, וואַרשע אַפּריל 1967

מענטשן נישט פון דער וועלט...

דראַמע אין 9 בילדער

עס נעמען אָנטייל:

סטאַך סאָקאָלאָווסקי — אײַזנבאַנער

העלענאַ — זײַן פרוי

יאַנעק — זייער זון, 13 יאָר

לעאָן — 18 יאָר

אַרי בנטוב — בירגערמײַסטער פון קירית ראשון לים

סטעראַ — זײַן פרוי

נעלי — זייער טאָכטער, סטודענטין

מוכאַמעד אַלי — בוי־אינזשעניער

דײַטשער זשאַנדאַרם, סיערזשאַנט

דײַטשער זשאַנדאַרם, האַנס

שוינדריי — דאָקטער

ערשטער פּאָליציאַנט

צווייטער פּאָליציאַנט

טוריסט פון האַמבורג

דרײַ פּאַסאַזשירן אין צוג

דרײַ מאַנעקינען

דאַס ערשטע בילד

איבער דער סצענע הענגט אַ פּלאַקאַט: וואַרשע האַרבסט 1943.
סצענע: באַשיידן מעבלירט צימער. אין דער טיף אַ גלעזערנע טיר, וואָס פירט דורך אַ וועראַנדע אין דרויסן. אויך די זײַטיקע וועגט האָבן טירן. איינע פירט אין קיך אַרײַן, די צווייטע אין אַ צימער רעכטס אין ווינקל. אונטערן סופיט הענגט אַ יעזוס־בילד אין אַ באַגילדט ברייט ראַמל. אין מיטן צימער שטייט אַ טיש מיט עטלעכע שטולן אַרום. בײַ דער רעכטער וואַנט אין אַ שטרויענעם פאָטעל זיצט לעאָן און לייענט אַ בוך. פון דרויסן לויפט אַרײַן יאַנעק.

יאַנעק: מאַמע, מאַמע, לעאָן. עס איז אַן אָבלאַווע אין גאַס. די דײַטשן זוכן עמיצן. מע זאָגט, ייִדן.

העלענאַ: (קומט געלאָסן אַרײַן פון קיך, ווישט די הענט אין פאַרטעך) וואָס טומלסטו אַזוי? זאָלן זיי זוכן דעם נעכטיקן טאָג. בײַ אונז זענען קיין ייִדן נישט פאַראַן. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. נאָר דו, לעאָן, גרייט צו דײַן דאָקומענט. דו ביסט נישט קיין היגער. דיך קאָנען זיי לעגיטימירן. וואָס האָסטו בײַ זיך: אַ קען־קאַרטע? אַן אַרבעטס־שײַן? אַבי עפּעס אַ פּאַפּירל מיט אַ פאָטאָגראַפיע, כּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון זיי. איך קאָן אויף זיי נישט קוקן, די שוואַבן...

לעאָן: (וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט נאָך יאַנעקס ידיעה) איך האָב קיין שום דאָקומענטן נישט בײַ זיך.

העלענאַ: וואָס הייסט דו האָסט נישט קיין דאָקומענטן בײַ זיך? ווו האָסטו זיי אַהינגעטון? ווי אַזוי ביסטו אַהער געקומען מיט דער באַן אָן דאָקומענטן?

לעאָן: (שווײַגט אַ ווײַלע) איך בין נישט געפאָרן מיט דער באַן. איך בין געקומען צופוס.

העלענאַ: פון וואַנען ביסטו געקומען צופוס?

לעאָן: (ענטפערט נישט, מאַכט עטלעכע טריט, מײַדט אויס דעם טיש, בייגט זיך אײַן, עפנט אַ טירל אין דער פאָדלעגע און לאָזט זיך אַראָפּ, פאַרמאַכנדיק עס איבער זיך. העלענאַ ווערט פאַרשטאַרט. יאַנעק קוקט אויף איר מיט פאַרגלאָצטע אויגן. פון דער וועראַנדע קומען אַרײַן צוויי דײַטשע זשאַנדאַרן).

סיערזשאַנט: ווו איז דער ייִד, וואָס איר באַהאַלט אויס? רעד גלײַך.

העלענאַ: (געקומען צו זיך) מיר באַהאַלטן נישט אויס קיין ייִדן.

סיערזשאַנט: מיר האָבן גענויע ידיעות. ווו איז ער, דער ייִד, גיב לשון?

העלענאַ: מיר האָבן נישט קיין ייִדן אין אונזער וווינונג.

סיערזשאַנט: (נעמט אַרויס אַ פּיסטאָלעט פון שיידל, שטעלט אים צו צו איר ברוסט) זאָג דעם אמת, אַז נישט שיס איך.

העלענאַ: שיסט. בײַ אונז איז נישטאָ פֿאַראַן קיין ייִד.

סיערזשאַנט: (גייט צו צו יאַנעקן, שטעלט אים צו דעם פּיסטאָלעט צום שלייף) און דו, שנעק, זאָג, ווו האָט די מאַמע באַהאַלטן דעם ייִדן?

יאַנעק: די מאַמע האָט שוין געזאָגט. מיר האָבן קיינעם נישט באַהאַלטן.

סיערזשאַנט: (נעמט אַוועק דעם פּיסטאָלעט פון יאַנעקן און ווענדט זיך צו זײַן געהילף) האַנס, גיב אַ זוך, אָבער גרינטלעך.

האַנס: יאַוואָהל, הער סיערזשאַנט (קלאַפּט מיט די קנאַפּל. גייט צו צו דער שאַפע, וואַרפט אַרויס אַלע מלבושים אויפן דיל, רוקט אָפּ די שאַפע פון דער וואַנט. קלאַפּט מיטן פּיסטאָלעט אין איר הינטער־וואַנטל. קערט איבער דעם טאַפּטשאַן. קלאַפּט מיטן פּיסטאָלעט אינם געזעס און אין דער פאַרענטשע, דער סיערזשאַנט אָבסערווירט האַנס׳ באַוועגונגען).

סיערזשאַנט: (צו האַנסן) גיי אַרײַן אין צווייטן צימער און טרייסל איבער דאָס גאַנצע מעבל.

האַנס: יאַוואָהל, הער סיערזשאַנט (קלאַפּט מיט די קנאַפּל, גייט אַרײַן אין זײַטיקן צימער, זומט זיך עטלעכע מינוט. אויף דער סצענע איז שטיל, געשפּאַנט, אַלע שטייען אויף זייערע ערטער. האַנס קומט אַרויס פון צימער). נישטאָ קיינער, הער סיערזשאַנט (קלאַפּט מיט די קנאַפּל) דאַנגערוועטער, פאַרפלוכט נאָך אײַן מאָל, ברודיקע וועש, הער סיערזשאַנט, פאַלנישע שווײַנע (קלאַפּט מיט די קנאַפּל).

סיערזשאַנט: ווו זענען די שליסל פונם בוידעם און פון קעלער?

העלענאַ: (נעמט אַרויס פון פאַרטעך־קעשענע אַ בינטל שליסל) אָט דאָס איז דער שליסל פון בוידעם, דער אַרויפגאַנג איז פון דרויסן, דורך אַ לייטער. דער קעלער האָט נישט קיין שליסל.

סיערזשאַנט: האַנס, איך גיי אויפן בוידעם און דו לאָז זיך אַראָפּ אין קעלער. (גייט אַרויס אין דרויסן).

האַנס: (באַטראַכט דעם דיל. באַמערקט דאָס טירל פון קעלער, עפנט עס אויף, נעמט אַרויס אַן עלעקטריש לעמפל פון קעשענע, ציט אַרויס זײַן פּיסטאָלעט

און לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אין קעלער. העלענאַ לאָזט זיך אַראָפּ אויפן פּאָטעל. יאַנעק פאַלט איר צו די פיס, וואַרפט זײַן קאָפּ אויף אירע קני. זי טוליעט אים צו זיך און צלמט זיך. ביידע זענען אומבאַוועגלעך. קוקן אַנגעשטרענגט אויפן אָפענעם טירל פון קעלער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אַרײַן דער סיערזשאַנט. גיט אַ שמיץ די שליסל אויפן דיל. יאַנעק הייבט זיי אויף און גיט זיי העלענאַן, וועלכע האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. עס דערהערט זיך אַ שאָס פון קעלער).

סיערזשאַנט: (לויפט צו צום געעפנטן טירל פון קעלער) וואָס איזט לאָאָז? שלעפּ אַרויף די פגירה, דעם פאַרשײַסטן יודע, שנעלער, שנעלער.

האַנס: (קריכנדיק פון קעלער) פאַרפלוכט נאָך אײַן מאָל. דרעק און שמוץ און מער גאָרנישט. בײַ אונז אין האַמבורג זענען די קעלערן מער זאַובער ווי זייערע פּאָלנישע סאַלאָנען. אַזוי פיל שמוץ האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. קוילן, זעק פון מעל. גיב מיר אַ בערשטל, שנעק. (יאַנעק דערלאַנגט אים אַ בערשטל, מיט וועלכן ער רייניקט זײַנע הויזן און שטיוול).

סיערזשאַנט: און ווו איז דער יודע?

האַנס: (קנאַקט מיט די קנאַפּל) נישטאָ, דאָננערוועטער. איבערגעזוכט דעם גאַנצן קעלער און קיינעם נישט געפונען, הער סיערזשאַנט.

סיערזשאַנט: צו וועמען האָסטו געשאָסן?

האַנס: דער קעלער איז פול מיט ראַטטן, האָב איך אין זיי געשאָסן.

סיערזשאַנט: איר האָט מזל, אַז נישט וואָלטן מיר אײַך, פּאָלנישע שווײַנע, צעשאָסן ווי די הינט, צוזאַמען מיטן פאַרשײַסטן יודע. קום האַנס. (גייען אַרויס. העלענאַ הייבט אָן אײַנבייגן אירע קני און פאַלט אין חלשות אויף דער פּאָדלעגע).

יאַנעק: מאַמע, מאַמע, וואָס איז דיר? (הייבט אָן וויינען). מאַמע, שטיי אויף. (לויפט צו צום אָפענעם טירל פון קעלער און שרײַט אַרײַן): לעאָן, לעאָן, קום אַרויס, די מאַמע חלשט, די מאַמע חלשט. (עס באַווײַזט זיך לעאָן, אַ פאַרשמוציקטער, אַ באַדעקטער מיט מעל. גייט צו צו העלענאַ און הייבט זי אָן מונטערן).

לעאָן: יאַנעק, ברענג קאַלט וואַסער. (יאַנעק לויפט אין קיך אַרײַן).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס צווייטע בילד

ס׳איז אָוונט. דאָס זעלבע צימער. בײַם טיש זיצן סטאַך, העלענאַ, לעאָן און יאַנעק. עסן.

סטאַך: לעאָן, ווי מיינסטו, דער דײַטש האָט דיך באַמערקט, צי נישט?

לעאָן: פון וואַנען זאָל איך וויסן, איך האָב דאָך נישט זײַנע אויגן. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך בין אַראָפּ אין קעלער, האָב איך שוין נישט באַוויזן זיך אַרײַנצוכאַפּן אין דער באַהעלטעניש, וואָס דו, סטאַך האָסט געמאַכט פאַר מיר. האָב איך אין דער פינצטער זיך אָוועקגעלייגט אויף די קוילן, אָנגעטאַפּט עטלעכע זעק פון מעל און זיך מיט זיי צוגעדעקט. אָבער מײַנע פיס זענען געבליבן אָפּגעדעקט. צו ווייניק זעק געווען. געליגן און זיך צוגעהערט צום געשריי פון די דײַטשן. ווען איך האָב דערפילט די ליכטיקייט פונם עלעקטרישן לעמפל, האָב איך אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי איך וואָלט געווען אַ טויטער.

יאַנעק: ער האָט דיך באַלויכטן מיט זײַן לעמפל?

לעאָן: די גאַנצע צײַט איז ער געשטאַנען אויף אײַן אָרט און געדרייט מיטן לעמפל אין אַלע זײַטן פונעם קעלער. עטלעכע מאָל אָנגעשטעלט דאָס לעמפל אויף מיר. כ׳האָב געפילט די שײַן דורכן זאַק. לאָגיש גענומען האָט ער מײַנע פיס געדאַרפט באַמערקן, סײַדן ער איז בלינד געוואָרן. ממש אַ נס. מיר איז באַשערט, ווײַזט אויס, צו לעבן. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי איך מײַד אויס דעם טויט.

העלענאַ: פונדעסטוועגן וויל איך מער נישט האָבן אַזעלכע נסים. וואָלט דער דײַטש געפונען לעאָנען, וואָלטן מיר אַלע שוין געגעסן ערד. צו לעאָנען האָב איך גאָרנישט. (שטעלט זיך אויף, פאַרלאָזט דעם טיש און זעצט זיך אויפן שטרויענעם פאָטעל). אָבער דו, סטאַך האָסט מיך אָפּגענאַרט. האָסט געזאָגט, אַז לעאָן איז דײַנער אַ קרוב. האָב איך דיר ווי געווײנטלעך געגלייבט.

סטאַך: ער איז מיר מער ווי אַ קרוב. וואָס ווילסטו?

העלענאַ: איך וויל ער זאָל גיין, פון וואַנען ער איז געקומען.

סטאַך: לעאָן האָט זיך געראַטעוועט פונם ברענענדיקן געטאָ, טאָ וווּ זאָל ער גיין? צוריק אין געטאָ?

העלענאַ: זאָל ער גיין צו אַנדערע פּאָליאַקן.

סטאַך: און פאַרוואָס זאָלן די אַנדערע פּאַליאַקן זײַן בעסער פון דיר? זיי וועלן אויך אָפּשיקן צו אַנדערע פּאַליאַקן. טאָ ווער זשע וועט אים אָפּראַטעווען? ער וועט דאָך אומקומען? פאַר אַ קילאָ צוקער וועט קאַזיק דער היצעל אים איבערגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

העלענאַ: זעסט דאָך ווי שנעל די שכנים האָבן דערשנאַפּט, ווער לעאָן איז, און אונז אָפּגעמסרט. דער זשאַנדאַר האָט דאָך בפירוש געזאָגט, „מיר האָבן גענויע ידיעות" זאָל יאַנעק זאָגן.

סטאַך: מיט וואָס זשע ביסטו בעסער פון אונזערע שכנים? דו ווילסט אים אויך איבערגעבן אין די הענט פון די דײַטשן. האָב גאָט אין האַרצן...

העלענאַ: שווײַג! (שטעלט זיך אויף) אַזוי רעדסטו צו דײַן ווײַב העלענאַ? שטעלסט אײַן דײַן לעבן, מײַן לעבן, דערויף זענען מיר קריסטן, קאַטאָליקן. אָבער ווער גיט דיר אַ רעכט אײַנצושטעלן דאָס לעבן פון אונזער קינד, פון יאַנעקן?

יאַנעק: איך האָב נישט מורא, מאַמעשי. (לויפט צו צו איר).

העלענאַ: (טוליעט אים צו זיך) סטאַך, אין מיר אַנטפּאַלט דאָס האַרץ, ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט, אַז די זשאַנדאַרן קאָנען נאָך אַמאָל קומען צו אונז.

סטאַך: פאַרשטיי, מײַן טײַערע העלענאַ, די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון וואַרשע איז אויסגעהרגעט געוואָרן. אוועק מיטן פײַער און רויך. בלויז לעאָן איז פאַרבליבן. ער איז דער איינציקער עדות, וואָס האָט צוגעזען און איבערגעלעבט דעם אומקום פון געטאָ, פון זײַן פאָלק, וואָס גאָט האָט אויסגעווײלט אַלס זײַן ליבלינג און וואָס האָט אונז געגעבן יעזוסן. לעאָן מוז דאָס אַלץ פאַרשרײַבן און איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות. דאָס האָט גאָט אַליין אונז צוגעשיקט לעאָנען אים אויסצובאַהאַלטן. זעסט דאָך. דער דײַטש איז בלינד געוואָרן. ס'איז אַ נס פון הימל...

לעאָן: סטאַך, די מומע העלענאַ איז גערעכט. איך דאַרף פון אײַך אַוועקגיין. איך האָב נישט קיין רעכט צוליב מײַן לעבן אײַנצושטעלן דאָס לעבן פון אײַך דרײַ. זאָל געשען, וואָס דאַרף געשען!

סטאַך: ניין, דו וועסט פון דאַנען נישט אַוועקגיין. די דײַטשן פאַרשפּילן די מלחמה. צו איר סוף איז שוין נישט ווײַט. דו מוזסט בלײַבן לעבן.

העלענאַ: אָבער נסים געשעען נישט אָפט. איך האָב מורא. איך האָב מורא. איך וויל נישט אַז יאַנעק זאָל אומקומען. (וויינט שטיל. אַ פּאַוזע, אַלע

שוויַיגן. פּלוצים גיט זי זיך אַ ריס) סטאַך, קלײַב אויס: אָדער לעאָן אָדער איך. אײנער פון אונז מוז פון דאַנען אַוועק. איך וועל נעמען יאַנעקן און אַוועקפאָרן מיט אים צו מײַנע עלטערן, קיין קיעלץ.

סטאַך: גוט. אַ גוטער אײַנפאַל. איך בין גרייט.

יאַנעק: מאַמע, איך וועל מיט דיר נישט פאָרן קיין קיעלץ. איך וועל בלײַבן דאָ מיטן טאַטן. אין אונזער גאָרטן וועלן מיר מאַכן אַ נײַעם קעלער. מיר וועלן אים פאַרדעקן מיט גראָז... דאָרטן וועלן מיר אויס־באַהאַלטן לעאָנען. פאַרלאָז זיך אויף אונז... און דו, מאַמע, אויב דו האָסט מורא, פאָר קיין קיעלץ, צום זיידן און באָבען.

העלענאַ: (ברעכט אויס אין אַ גרויס געוויין, פאַלט אַרײַן אין אַ היסטעריע) ווײ איז מיר, איך האָב שוין מײַן קינד פאַרלוירן. וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן? (גייט אַרום איבערן צימער, ברעכט די הענט, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ) ווײ איז מיר און ווינד איז מיר. איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן...

סטאַך: (נעמט זי אַרום, קושט זי) באַרויִק זיך, העלענאַ, נעם זיך אין די הענט אַרײַן. זעסט דאָך, אַז גאָט פירט מיט אונז. די הייליקע מוטער האָט אונז גענומען אונטער איר השגחה. לאָמיר נאָך שטאַרקער גלייבן אין יעזוסעס דערלייזעריש וואָרט.

יאַנעק: (טוליעט זיך צו דער מוטער) מאַמע, מאַמעשי, האָב נישט קיין מורא, פאָר נישט קיין קיעלץ. בלײַב מיט אונז. וועסט זען, אַלץ וועט זײַן גוט.

לעאָן: (גייט צו צו העלענאָן) זײַ מיר מוחל, מומע העלענאַ. זעסט דאָך, נישט מײַן כּוונה. איך וואַרף זיך נישט אָן. סטאַך וויל אַזוי, יאַנעק. זײַ מיר מוחל מומע.

סטאַך: לאָמיר אַ תּפילה אָפּריכטן צו גאָט פאַרן נס. יעזוס איז מיט זײַנע ווונדן און יסורים שוין אָפּגעקומען אויך פאַר אונזערע זינד (סטאַך, העלענאַ און יאַנעק שטעלן זיך אויף די קני אין אײן רייע פאַרן יעזוס־בילד. צלמען זיך. הינטער זיי שטעלט זיך אַוועק לעאָן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. עס דערהערט זיך דאָס געבעט):

פאָטער אונזערער, וואָס איז אין הימל,
זאָל געהייליקט זײַן דײַן נאָמען. קומען זאָל דײַן מלכות.
זאָל זײַן דער ווילן דײַנער אַזוי אויפן הימל,

ווי אויף דער ערד. אונזער טעגלעך ברויט
גיב אונז היינט. און פארגיב
אונז אונזערע זינד, ווי מיר פארגעבן זיי אונזערע שולדיקע.
און פרווו אונז נישט מיט קיין שום נסיון, נאר
טו אפּ פון אונז דאס שלעכטס. אמן.

(נאך דער תפילה הערט זיך אַ קלויסטעריש אָרגל־מוזיק. זיי שטייען אויף. סטאַך העלענאַ און יאַנעק לייגן זיך אַרויף די הענט אויף די אָרעמס. סטאַך שליסט איין לעאָנען. מוזיק שפּילט ווייטער).

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס דריטע בילד

איבער דער סצענע אַ פּלאַקאַט: וואַרשע, זשאַליבאָזש 1948. דאָס זעלבע צימער. זומער. מיטאָג־צייט. ביים טיש זיצן סטאַך, העלענאַ און יאַנעק. סטאַך לייענט אַ בריוו.

טייערע, האַרציקע פריינט מיינע, פּעטער סטאַך, מומע העלענאַ און יאַנעק. זייט מוחל, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געשריבן צו אייך. נישטאָ קיין צייט דערויף. אַנשטאָט אַ פּען האַלט איך איצט אַ ביקס אין דער האַנט. מיר מוזן פאַרטיידיקן אונזער לאַנד, וואָס מיר האָבן נאָך צוויי טויזנט יאָר באַקומען צוריק. איך געפין זיך אויפן פראָנט אַנטקעגן דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס איז גוט באַוואָפנט געוואָרן דורך די ענגלענדער. פון אַלע זייטן זענען אונז באַפאַלן די אַראַבישע מלוכות, זיי ווילן אונז טרייבן צוריק קיין אייראָפּע. פאַרוואָס קומט אונז אַזאַ מזל? נאָך וויניק האָבן מיר געליטן? נאָך וויניק האָט אונז היטלער געברענט? מיר פאַרטיידיקן אונזער אַלט פאָטערלאַנד, וווּ יעדער שטיין טראָגט אויף זיך די שפּורן פון די טריט פון יעזוסן און יהודה המכבי.

אָבער מיר זענען איצט נישט אַליין, ווי דאָס איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ. אויף אונזער זייט שטייען איצט אַלע פעלקער פון דער וועלט, פון מערב און פון מזרח, פון טשעכאָסלאָוואַקיע באַקומען מיר געווער. האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס איך שרייב אַזוי פיל וועגן מלחמה. אָבער זי איז איצט מיין טעגלעך ברויט. איך בין איצט גרייט צו שטאַרבן מיט דער ביקס אין האַנט.

וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט יאַנעק? שוין מסתמא אַ גאַנצער קאַוואַליער. ווי לערנט ער זיך? וואָס פאַראַ פאַך האָט ער זיך אויסגעקליבן? שרייבט מיר למען השם. איר פאַרטרעט דאָך מיר מיינע טאַטע־מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען

אומגעקומען אין װאַרשעװער געטאָ. שרײַבט, שרײַבט אומבאַדינגט. זײַט געזונט. אויב איך װעל בלײַבן לעבן, װעלן מיר זיך זיכער זען. איך װעל קומען צו אײַך אָדער איר װעט קומען קיין ישראל, אין מײַן קיבוץ. איך נעם אײַך אַרום, דריק אײַך צום האַרצן און קוש אײַך יעדן באַזונדער. אײַער לעאָן.

סטאַך: נו, װי געפעלט אײַך די מעשה? פון איין פײַער אַרויס, אינעם צװייטן אַרײַן. קיין רו, קיין מנוחה האָט נישט דער בחור. איבעריקנס איז דאָס דער גורל פון זײַן פאָלק. גאָט האָט עס אויסגעװײלט פאַר זיך, אָבער אַחוץ לײדן און פּײַן האָט ער דעם דערװײלטן גאָרנישט געגעבן. אמת, ער האָט עס בלויז פאַרהאַרטעװעט. װי שטייט דאָרט אין דער ביבל געשריבן: „עם קשי עורף". װען נישט דאָס, װאָלט שוין פון די ייִדן קיין זכר נישט געבליבן. זיי האַלטן זיך פעסט בײַ זייער גלויבן.

העלענאַ: װעגן זיך שרײַבט ער גאָרנישט. צי האָט ער חתונה געהאַט, צי ניין. צי האָט ער קינדער. װאָס איז זײַן באַשעפטיקונג, זײַן פאַך. געדענקסט תיכף נאָך זײַן אָפּפאָר פון פּוילן האָט ער געשריבן. אָבער שפּעטער אַלץ װײניקער, ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרײַבן, אינגאַנצן פאַרגעסן. דו האָסט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן פאַר אים, און ער האָט אַפילו קיין רעכטן דאַנק נישט געזאָגט. איצט האָט ער זיך װידער דערמאָנט. צי דאַרף ער װידער נישט אַמאָל אונזער הילף? װאָס עפּעס פּלוצים מיט אַמאָל?...

יאַנעק: מאַמע, װאָס רעדסטו? װי קאָנסטו אַזוינס טראַכטן װעגן לעאָנען? דאָס איז דאָך אַ קרישטאָל־רײנער מענטש. אַן אידעאַליסט. אויב ער האָט צו אונז װײניק געשריבן, איז נישט צוליב דעם, װאָס ער האָט אין אונז פאַרגעסן. זיי קעמפן דאָרטן פאַר זייער לאַנד, און ס'איז נישטאָ קיין צײַט פאַר קלײניקײטן, פאַר סענטימענטן.

סטאַך: יאַנעק איז גערעכט. לעאָן איז אונז נאָענט װי אַן אייגן קינד. אָבער פאַרװאָס ער האָט אויפגעהערט צו שרײַבן, דאָס פאַרשטײ איך נישט. כאָטש פון דער אַנדערער זײַט געשמועסט, טרײַבסטו שוין אַביסל איבער, העלענאַ. װער װייסט, װאָס פאַראַ שװער לעבן ער האָט ביז איצט געהאַט. מען טאָר נישט משפּטן אַ מענטשן, אײדער מען הערט אים נישט אויס. „משפּט נישט, װעסטו נישט געמשפּט װערן" — שטייט געשריבן אין דער עװאַנגעליע.

יאַנעק: און לאָמיר זאָגן, אַז לעאָן וואָלט עפּעס איצט פון אונז פאַרלאַנגט, וואָלטסטו נישט אַנטקעגן געקומען זיין בקשה?

העלענאַ: אַזוי טוט מען נישט. ס'איז פּשוט נישט שיין. מיר פאַרלאַנגען פון אים גאָרנישט. גאָט צו דאַנקען לעבן מיר נישט אין דחקות. אמת, עס רינט נישט איבער די ליפּן, אָבער מיר דאַרפן צו קיינעם נישט אָנקומען.

יאַנעק: איך בין זיכער, אַז לעאָן פערזענלעך פאַרלאַנגט פון אונז גאָרנישט, אָבער דאָס פאָלק דאַרף הילף.

העלענאַ: וואָס פאַרא פאָלק?

יאַנעק: איך מיין די ייִדן, וועלכע קעמפן דאָרטן פאַר זייער פרייַהייט.

סטאַך: מיר זענען מיטן גאַנצן האַרצן אויף זייער זייַט. מיר ווינטשן זיי, זיי זאָלן די מלחמה געווינען און ענדלעך נאָך צוויי טויזנט יאָר באַקומען אַן אייגענע מלוכה. אָבער מיט וואָס קאָנען מיר זיי העלפן? ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

יאַנעק: ביי אונז, אויפן אוניווערסיטעט, קומט פאָר אַ ווערביר־אַקציע פון ייִדישע סטודענטן, וועלכע פאָרן אַהין. איך האָב זיך אויך פאַרשריבן.

העלענאַ: צוליב וואָס האָסטו זיך פאַרשריבן?

יאַנעק: כדי צו פאָרן קעמפן צוזאַמען מיט די ייִדישע סטודענטן.

העלענאַ: ווי קומסטו צו זיי? וואָס פאַרא שייכות האָסטו דערמיט, וואָס עס קומט פאָר אין פּאַלעסטינע?

יאַנעק: אומעטום, ווו עס קומט פאָר אַ קאַמף פאַר פרייַהייט, דאַרפן מיר העלפן. מיר פּאָליאַקן האָבן שטענדיק גערופן: „פאַר אייַער און אונזער פרייַהייַט".

העלענאַ: וואַרף אַרויס פון קאָפּ די דאָזיקע נאַרישקייטן.

יאַנעק: דאָס זענען שוין גאָרנישט קיין נאַרישקייטן. די ייִדן האָבן אונז שטענדיק געהאָלפן אין אונזערע קאַמפן (הייבט זיך אויף פון אָרט און רעדט שפּאַצירנדיק איבערן צימער). בערעק יאָסעלעוויטש אין קאָסציושקאָס אויפשטאַנד פון 1794. די ייִדישע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע בעת די אויפשטאַנדן קעגן צאַר אין 1830 און 1863. דער ראַבינער יעקב מייזעלס איז געווען

אַ הייסער פּוילישער פּאַטריאָט און אָנטייל גענומען אין די אויפשטאַנדן פון 1830, 1848, 1863. היינט וויפל קעמפער האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום געליפערט פאַרן סאָציאַליזם אין פּוילן: מענדעלסאָן, פעליקס קאָן, דיקשטיין, פערל, ראָזאַ לוקסעמבורג, ליבערמאַן, וואַרסקי. דאָס זענען דאָך אַלץ געווען קעפּ, אָנגעזען אין דער וועלט. נו און די הערויִשע קאַמפן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. און ווו איז געגאַנגען אונזער גרויסער דיכטער אדאַם מיצקיעוויטש ווערבירן זעלנער פאַר זיין לעגיאָן אין טערקיי, אויב נישט אין די בתי־מדרשים? אָבער דעם גרעסטן חוב זענען מיר שולדיק די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ. איך פיל דאָס אָפּ פּערזענלעך. מיר האָבן באַוווּנדערט זייער העלדישקייט און באַדויערט זייער וויסט מזל. אָבער מיר, פּאָליאַקן, האָבן זיי ווינציק געהאָלפן. און העלפן האָט מען געקאָנט מער... און פאַרוואָס האָט מען נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון געטאָ־אויפשטאַנד און נישט גערופן די פּוילישע באַפעלקערונג פון וואַרשע צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד?... ס'איז דאָך שוין געווען נאָך סטאַלינגראַד?... מיין קאָפּ באַנעמט דאָס נישט.

העלענאַ: סטאַך, וואָס שווייגסטו? דער בחור איז דאָך משוגע געוואָרן.

סטאַך: מיר שניידן די פּרוכט פון דער זריעה, וועלכע מיר האָבן אַליין פאַרזייט. ווען דער דייטשער זשאַנדאַר האָט דיר צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צום האַרצן, העלענאַ, האָסטו געהאַנדלט ווי אַן אמתע קריסטין און דיין געוויסן האָט זיך נישט קיין וואָקל געטון. יאַנעק האָט געטון ווי דו האָסט געטון. דו ביסט פאַר אים געווען אַ ביישפּיל פון מענטש־לעכקייט. אַזוי האָבן מיר דערצויגן אונזער זון. מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אונזער יאַנעקן. פון אים וואַקסט אַ מענטש. ער איז שוין איצט אַ דערוואַקסענער און טוט, וואָס זיין געוויסן דיקטירט אים.

(יאַנעק נעמט אַרום דעם פאָטער און קושט אים. דערנאָך קושט ער די מוטער. מוזיק שפּילט דאָס רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטיש ליד „וואַרשאַוויאַנקאַ”):

„ווער עס לעבט, וועט די פרייהייט דערלעבן,
און ווער געשטאָרבן איז, איז שוין פריי.”

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס פערטע בילד

איבער דער סצענע אַ פּלאַקאַט: ישראל. ראשון לים סוף 70־קער יאָרן.

אויף דער סצענע: אָוונט. אַ שטאַרק באַלויכטן צימער. מאָדערן מעבלירט. אין דער טיף — אַ ברייטע גלעזערנע טיר. איבער איר, פון ביידע זײַטן הענגען צוויי גרויסע פּאָרטרעטן: הערצל און ביאַליק. אין די זײַטיקע ווענט — טירן. אין מיט צימער אַ טיש. אין דער זײַט אַ טעלעפאָן אויף אַ קליין טישל. אויף די ווענט — אייל־בילדער. אין צימער: ארי בן־טוב און נעלי. ארי זיצט בײַם טיש און בלעטערט פּאַפּירן. נעלי, שיין און עלעגאַנט שטייט פון הינטן. קושט זײַנע באַזילבערטע שוואַרצע האָר. נעמט אים אַרום.

נעלי: דו ווייסט דאָך, פאָטער ווי איך האָב דיך ליב. נאָר צײַטנווײַז טראַכט איך, אַז אין דיר זיצן צוויי נשמות. די ערשטע נשמה דײַנע — דאָס איז ארי בן־טוב, דער בירגערמײַסטער פון דער שטאָט ראשון לים. דו ביסט דער בעסטער בירגערמײַסטער אין דער מדינה. אַלע אײַנוווינער פון דער שטאָט לויבן דיך אין הימל אַרײַן פאַר דײַן גוט האַרץ, פאַר דײַן מענטש־לעכקייט. דו דערליידיקסט זייערע ענינים מיט אַ שמייכל, מיט אַ וויץ. אַפילו די אַראַבער פון אונזער שטאָט באַציִען זיך צו דיר פרײַנטלעך. שטימען בלויז פאַר דיר. אָבער ווען די באַטראַכטסט אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן, לאַנד־פּראָבלעמען, ציסטו אַרויף אויף זיך די פּאַרטייאישע מאַסקע און פון דיר הייבט אָן רעדן אַ שטײַפער, אַפילו אַ בייזער מענטש. פּשוט נישט צו דערקענען ארי בן־טוב, דעם ביגערמײַסטער. פון וואַנען אָט די צוויי קעגנזעצלעכע נשמות אין דיר?

אַרי: איך ווייס, דו האָסט פײַנט מײַן פּאַרטיי.

נעלי: נישטאָ וואָס און וועמען ליב צו האָבן. צי דאַרף איך דיר צושטעלן אַ חשבון פון פּאָליטישע חטאים? די פּרשה לבנון? די מלחמה אין 1956? דאָס אַראָפּשיסן אַן עראָפּלאַן און גורם זײַן דעם טויט פון העכער הונדערט אומשולדיקע מענטשן? די פּרשה מעלות: עפּענען אַ פײַער קעגן הויז מיט ייִדישע קינדער, כדי צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט דרײַ־לעבעדיקע אָדער טויטע טעראָריסטן? אין נאָמען פון וואָס? פון יהדות? פון סאָציאַליזם? דרײַ גראַשן איז ווערט אַזאַ יהדות און אַזאַ סאָציאַליזם.

אַרי: דו פאַרטיידיקסט די פּאַלעסטינעזישע טעראָריסטן? די קינדער־מערדער?

נעלי: איך זיך נישט מיט מאַכן אויספירן. אַז איך וועל רעדן מיט אַ פּאַלעסטינעזער, וועל איך אים צושטעלן נישט קיין קלענערן חשבון... די פּאָליטיק, ווי יעדע מענטשלעכע טעטיקייט, מוז זיך שטיצן אויף מאָראַלישע פּרינציפּן, אַז נישט פּירט זי אין זומפּ פון קרימינעלע פאַרברעכנס. יעדע אידעע דאַרף מען מעסטן נישט לויט אירע צילן, פּראָגראַמען און לאָזונגען, נאָר לויט דער ריינקייט פון די מעטאָדן, מיט וועלכע זי ווערט רעאַליזירט. קריסטנטום, קאָמוניזם, סאָציאַליזם, ציוניזם. הויכע אידעען. און וואָס איז פון זיי געוואָרן? די אידעען זענען דערטרונקען געוואָרן אין טייַכן אומשולדיק מענטשלעך בלוט. איר זענט אַלע נעבעכדיקע מאַקיאַוועליאַנער. קנעכט פון אייַערע אַנטימאָראַלישע פּאָליטישע תאוות. אַמאָל האָבן קריסטלעכע מלוכות געפירט צווישן זיך מלחמות, גייענדיק אין שלאַכט מיט קריסטוסעס בילד. הייַנט פירן קאָמוניסטישע מלוכות מלחמות צווישן זיך גייענדיק אין שלאַכט מיט די פּאָרטרעטן פון מאַרקסן און לענינען. און ווען הערצל, מאַקס נאָרדאַו, אחד־העם, ווייצמאַן וואָלטן אַ קוק געגעבן, וואָס עס איז געוואָרן פון זייער טרוים, אידעאַל, וואָלטן זיי ערשט נאָך אַמאָל געשטאָרבן.

אַרי: (שטעלט זיך אויף, נעמט זי אַרום, קושט זי). הגם דו באַליידיקסט מייַן פּאַרטיי אָבער איך מוז אַנערקענען, אַז דו ביסט קלוג און אינטעליגענט. ווער האָט דיר די דאָזיקע חכמה געלערנט?

נעלי: ווער, פרעגסטו? טאָרקוועמאַדע, היטלער, סטאַלין. זיי האָבן מיר דאָס געלערנט. און וואָס האָבן דייַנע פירער און די בראַגינס געמאַכט מיט די אידעען פון די בילועים, פון די חלוצים? זיי האָבן זיי אויסגעטוישט אויף מיניסטאַרישע פּאָרטפעלן אויף דירעקטאָרישע בענקלעך, אויף טשעקן פון אויסלענדישע בענק. אויף גענעראַלישע עפּאָלעטן!

אַרי: צו וועלכער פּאַרטיי געהערסטו, טאָכטער מייַנע?

נעלי: צו קיין שום פון די הייַנטיקע פּאַרטייען. מייַן פּאַרטיי איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. מע דאַרף זי ערשט שאַפן. נאָר קודם דאַרף מען אויסרייניקן דעם גאַנצן פּאָליטישן שמוץ, וואָס איר האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה.

אַרי: און וואָס וועט זייַן דאָס פּראָגראַם פון דייַן פּאַרטיי?

נעלי: איך וועל דיר נישט אויסלייגן מייַן גאַנצע וועלט־אַנשויונג, אָבער אירע הויפּט־פּרינציפּן קאָן איך דיר אַנצייכענען.

1. דער באַוווסטזיין, אַז מאַכט, הגם היסטאָריש נויטווענדיק, איז אַ דעמאָראַליזירנדיקער פאַקטאָר.

2. דער באַפרײַטער פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג זאָל זיך נישט באַנוצן מיט די הערשאַפטס־מעטאָדן פון זײַנע פריִערדיקע פאַרפאַלגער.

3. יעדער מענטש זאָל פּערזענלעך זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע מעשים און נישט זיך פאַררופן אויף באַפעלן פון זײַנע מאַכטגעבער. אויב דו ווערסט געצוווּנגען צו דערהרגענען אַן אומשולדיקן מענטשן — דערהרגע זיך אַליין. דאָס העכסטע געבאָט פאַר אַ מענטשן דאַרף זײַן זײַן געוויסן.

אַרי: דאָס איז אוטאָפּיע, מײַן טאָכטער.

נעלי: אַלץ, וואָס עקזיסטירט הײַנט, איז אַמאָל געווען אוטאָפּיע. אויך די אוטאָפּיע וועט ווערן ווירקלעכקייט.

אַרי: און ווו איז די גאַראַנטיע, אַז די נײַע ווירקלעכקייט וועט נישט זײַן אין היפוך צו דײַן אוטאָפּיע? (אין טיר דערהערט זיך אַ לײַכטער קלאַפּ). אַרײַן! (דורך דער גלעזערנער טיר שאַרט זיך אַרײַן אַ מענטש מיט צעשויבערטע האָר, אַ דענערווירטער, מיט אַ צעשראָקן פּנים. בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, קוקט אין אַלע זײַטן). ווער זענט איר און וואָס פאַרלאַנגט איר? דאָס איז מײַן פּריוואַטע וווינונג. אַלס בירגערמייסטער נעם איך אויף פּעטענטן בלויז אין ביוראָ. קומט מאָרגן אין מאַגיסטראַט אַרײַן.

מוכאַמעד — איך הייס מוכאַמעד אלי. איך האָב צעבראָכן אַ האַנט שפּרינגענדיק פון צווייטן שטאָק. מיך יאָגט פּאָליציי. איך זוך שוץ. בין איך אַרײַן צו אײַך, הער בירגערמייסטער, איר זענט אַ גוטער מענטש.

אַרי: דאָס איז חוצפּה און ציניזם. דער בירגערמײַסטער פון דער שטאָט זאָל אים שיצן פון אַרעסט פון אונזער פּאָליציי...

נעלי: איך זע דערין נישט קיין חוצפּה און קיין ציניזם. פאַרקערט, אַ גערודפטער מענטש מיט אַ צעבראָכענער האַנט גיט זיך איבער אין דײַן רשות. ער פאַרלאָזט זיך אויף דײַן געוויסן און יושר.

אַרי: ווער ביסטו? אַ קרימינאַליסט צי אַ טעראָריסט? אייגנטלעך איז דאָס כמעט דאָס זעלבע.

מוכאַמעד: נישט דאָס און נישט יענץ. איך וועל אײַך שפּעטער אַלץ אויפקלערן.

אַרי: איך דאַרף נישט דײַנע אויפקלערונגען. דערויף איז פאַראַן די פּאָליציי און דאָס געריכט.

נעלי: דער מענטש איז געקומען צו דיר, פּאַטער, געפינט זיך אין דײַן וווינונג און בעט בײַ דיר הילף. ער דאַרף קודם האָבן אַ דאָקטער.

אַרי: איך דאַרף אים האַלטן אין מײַן וווינונג, בשעת פּאָליציי זוכט אים? ביסט משוגע געוואָרן?!

נעלי: אונזער מאָראַלישער חוב איז אויסשטרעקן אַ מענטשן אַ האַנט, בעת ער בעט בײַ אונז שוץ.

אַרי: אַפילו אַ פאַרברעכער?

נעלי: דאָס איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט. (אין טיר דערהערן זיך שטאַרקע קלעפּ. נעלי לויפט צו צו מוכאַמעדן, כאַפּט אים פאַר דער געזונטער האַנט און שלעפּט אים צו דער זײַטיקער טיר. אַרי פאַרלויפט איר דעם וועג און פאַרשטעלט מיט זיך די טיר) גייסט ווערן אַ מסור?

אַרי: איך אַ מסור? (דערלאַנגט איר אַ פּאַטש. נעלי שטויסט אים אָפּ מיט אַלע כוחות פון דער טיר און שטופּט אַרײַן אין איר מוכאַמעדן. זי כאַפּט זיך פאַר דער באַק. אַרי קוקט אויף איר. גייט צו צו איר און פּרוווט איר האַנט אַראָפּנעמען פון איר באַק. זי שטויסט אים אָפּ פון זיך. אַרי לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעזיגנירטער אין איינעם פון די פאָטעלן. עס דערהערן זיך ווידער שטאַרקע קלעפּ אין דער גלעזערנער פראָנט־טיר).

נעלי: אַרײַן. (עס גייען אַרײַן האַסטיק צוויי פּאָליציאַנטן) וואָס דאַרפט איר?

ערשטער פּאָל.: (דערזעענדיק אַרין) אנטשולדיקט, הער בירגערמייסטער, אַרי בן־טוב, נישט געוווּסט, אַז דאָ איז אײַער וווינונג. איר האָט דאָך געוווינט אויף דער ביאַליק־גאַס.

נעלי: שוין עטלעכע מאָנאַטן ווי מיר וווינען אויף דער נײַער דירה.

צווייטער פּאָל.: מיר יאָגן זיך נאָך אַ געפערלעכן טעראָריסט. אונז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַרײַן אין אײַער דירה.

נעלי: איר האָט אַ טעות געהאַט (די פּאָליציאַנטן קוקן זיך איבער ווי פאַרשעמט. סאַלוטירן און גייען אַרויס. נעלי גייט צו צום טעלעפאָן. דרייט דעם ציפער־בלאַט) הער דאָקטער שיינדריי? גוט ב'אָוונט. דאָס בין איך, נעלי בן־טוב. איך בעט אײַך, קומט צו אונז תיכף. ס'איז געשען אַ פאַרפאַל. אַדאַנק. אַדיע.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס פינפטע בילד

דאָס זעלבע צימער. אַרי זיצט ווי פריִער אין זײַן פאָטעל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מוכאַמעד שטייט ביַי אַ וואַנט מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט. נעלי דערלאַנגט דעם דאָקטער זײַן מאַנטל.

דאָקטער: (אָנטועענדיק דעם מאַנטל) די האַנט איז נישט צעבראָכן, בלויז שטאַרק אויסגעלענקט. מע דאַרף מאַכן אַ רענטגען. אָבער דערווייל לייגט קאָמפּרעסן לויט דעם רעצעפּט (דערלאַנגט נעלין. גייט צו צו אַרי גיט אים די האַנט) ערגערט אײַך נישט, הער בירגער־מייסטער. נישטאָ קיין שום געפאַר. דער ווייטיק וועט שנעל פאַרביַי (שטילער): ווער איז ער? אַ חתן? אַביסל צו אַלט...

סטעראַ: (פאַלט אַרײַן מיט אימפּעט אין צימער. עלעגאַנט געקליידט, מיט אַסך פּעקלעך אין די הענט) גוט ב'אָוונט, ס'איז אַ פּרעכטיק וועטער, אַ שאָד צו זיצן אין שטוב (דערזעענדיק דעם דאָקטער, מיט אַ געענדערטן טאָן, אַראָפּלאָזנדיק גלײַכצײַטיק אַלע פּעקלעך אויפן דיל, פאַרברעכט די הענט) ווײ איז מיר! וואָס טוט דאָ דער דאָקטער? ווער איז קראַנק? (גייט צו צו אַרי) וואָס איז דיר, אַרי? (דערזעט מוכאַמעדן, וועלכער פאַרנייגט זיך פאַר איר) וואָס קומט דאָ פאָר? דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז אין דער היים איז עפּעס געשען. ס'האָט מיך ממש געטריבן פון תל אביב.

דאָקטער: (לאָזט זיך גיין צו דער טיר) ערגערט אײַך נישט, מאַדאַם בן־טוב. האָט מיר אַלע אַ גוטן. (פאַרלאָזט דאָס צימער).

סטעראַ: (גיט אַ קוק אויף נעלין) וואָס האַלטסטו זיך פאַר דער באַק? די ציין טוען דיר וויי?

נעלי: איך פאַרשטעל די חרפה פון מײַן טאַטנס האַנט.

סטעראַ: איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דו רעדסט, נעלי. (ווענדט זיך צו מוכאַמעדן) ווער זענט איר? וואָס איז געשען מיט אײַער האַנט?

נעלי: איך וועל דיר שפּעטער דערציילן. לאָז אָפּכאַפּן דעם אָטעם. גיי מאַך אָוונט־ברויט (סטעראַ אָפּ).

מוכאַמעד: איך וועל שוין גיין. איך בין דאָ אַן איבעריקער (מאַכט אַ באַוועגונג צו דער טיר).

נעלי: (שטעלט אים אָפּ). ניין. פאַר אײַך איז נאָך צו פרי. איבעריקנס ווילן

מיר אַ שמועס טאָן מיט אײַך, אויב דער גורל האָט אײַך שוין יאָ געבראַכט צו אונז, ווילן מיר וויסן, ווער איר זענט.

מוכאַמעד: איך פיל זיך שולדיק אין אַלץ, וואָס בײַ אײַך איז געשען, מאַדמואַזעל נעלי. נעמט אַראָפּ אײַער האַנט פון דער באַק. בעט אײַך איבער מיט אײַער פאָטער.

נעלי: איך שעם זיך פאַר מײַן פאָטער, איך פאַרשטיי פּשוט נישט, ווי אַזוי האָט ער זיך דערלויבט אַזוי צו האַנדלען לגבי מיר.

מוכאַמעד: מײַן מוטער האָט מיר אַמאָל דערציילט. איר האָט זיך געחלומט, אַז איר פאַרשטאָרבענער פאָטער איז צו איר געקומען און איר דערלאַנגט אַ פּאַטש. איז זי אַוועק צום גלח.

נעלי: איר זענט אַ קריסט?

מוכאַמעד: יאָ איך בין אַ קריסט... איז מײַן מוטער אַוועק צום גלח פרעגן, וואָס באַדײַט דער דאָזיקער שלעכטער חלום. האָט איר דער גלח געזאָגט, אַז אַ פאָטער פּאַטשט און אַ פרעמדער קושט איז נאָך נישט גלײַך... איר זענט דאָך מאַדמואַזעל נעלי, ווי איך זע, אַ מענטש מיט האַרץ און פאַרשטאַנד.

אַרי: יאָ מיט האַרץ און פאַרשטאַנד אויף מײַן חשבון. איצט איז מיט מיר אויס. דער דאָקטער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט, אָבער אין דער אמתן וועט דער דאָזיקער פלוידערזאַק שײַנדריי מאָרגן צעפּויקן איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז איך, אַרי בן־טוב, דער בירגער־מײַסטער פון ראשון לים, דער כנסת־דעפּוטאַט, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אויסבאַהאַלטן בײַ זיך אין דער וווינונג אַ געפערלעכן טעראָריסט, בעת די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט. מיט מיר איז אויס, אויס. איך וועל דאָך נישט גיין דערציילן פאַר דער וועלט, אַז דאָס האָט מײַן טאָכטער אים אויסבאַהאַלטן. יאָ, מײַן טאָכטער האָט אַרויסגעוויזן האַרץ און פאַרשטאַנד אויף מײַן חשבון פאַר אַ מערדער פון אונזערע קינדער.

מוכאַמעד: איך בין נישט קיין מערדער פון קינדער.

נעלי: יאָ, איר פּערזענלעך זעט אַפילו נישט אויס צו זײַן אַ מערדער פון קינדער. אָבער איר גיט אַרויס אַזעלכע באַפעלן (הייבט אָן צו שפּאַצירן איבערן צימער) און איר זענט פאַר זיי מאָראַליש און פּאָקטיש פאַראַנט־וואָרטלעך. איך האָב אײַך אויסבאַהאַלטן נישט דערפאַר, ווײַל איך

סימפּאַטיזיר מיט אײַער פּאָליטישער באַוועגונג. פּאַרקערט, איך האָב צו איר אַ געפיל פון פאַראַכטונג. איר זענט פּחדנים, נישט קיין קעמפער. איר פאַלט נישט אָן אויפן מיליטער פון ישראל. דאָ וואָלט איר געווען גלײַכע מיט גלײַכע. סאָלדאַט קעגן סאָלדאַט, ווי אין אַ מלחמה. אָבער אָנפאַלן אויף אומבאַוואָפנטע מענטשן, אויף קינדער, פרויען, אַלטע לײַט, אומבאַוואָפנטע מענטשן — דאָס איז פּחדנות, פּאָליטישע און מאָראַלישע געפאַלנקייט. איר פאַרכאַפּט עראָפּלאַנען, שיפן, לעראַנשטאַלטן, דראָט מיט אומברענגען און הרגעט אַוועק קינדער און פרויען, און דאָס הייסט בײַ אײַך פּאָליטישער קאַמף, נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע? איך טענהט, אַז דערמיט ווילט איר ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף אײַער נאַציאָנאַלן אומגליק, אויף אײַער סאָציאַלער און פּאָליטישער קנעכטשאַפט. ניין, הער מוכאַמעד אלי, דערמיט דעמאָנסטרירט איר בלויז אײַער שוואַכקייט אַלס מאַסן־באַוועגונג. אוודאי איז לײַכטער צו אָרגאַניזירן פינף טעראָריסטן, ווי צו באַוועגן טויזנטער צום קאַמף. דערמיט רופט איר אַרויס בלויז עקל צו זיך און שנאה. מיט אַזעלכע מעטאָדן וועט איר אײַער פאָלק נישט באַפרײַען. אינדיווידועלער פּאָליטישער טעראָר האָט אין דער געשיכטע פון פעלקער קיינמאָל נישט געבראַכט קיין באַפרײַונג, נישט קיין נאַציאָנאַלע און נישט קיין סאָציאַלע. אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען, געשטיצט אויפן אינדיווידואַלן טעראָר, זענען דעגענערירט געוואָרן. איר, פירער פון די פּאַלעסטינעזער, נאַרט אָפּ אײַער פאָלק, איר דעמאָראַליזירט אײַער יוגנט, איר שאַפט פאַר איר אַ סוראָגאַט פון קאַמף און פאַרגרעבט זי.

מוכאַמעד: איך קאָן עפּעס זאָגן?

נעלי: איר האָט נאָך וואָס צו זאָגן?

מוכאַמעד: זײַט וויסן, אַז איך בין בכלל נישט קיין טעראָריסט און אוודאי נישט קיין געפערלעכער טעראָריסט. איך בין אַ פּאָליטישער טוער און אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון אינדיווידועלן טעראָר. איך בין נישט מסכים בלויז מיט געוויסע פּרטים וואָס איר, מאַדמואַזעל נעלי, האָט דאָ געזאָגט, אָבער מיטן תוך פון אײַער אַנאַליז און אָפּשאַצונג בין איך מסכים.

נעלי: אויב איר זענט מסכים מיט מיר, ווי אַזוי זשע קאָנט איר זיצן אין איין אָרגאַניזאַציע מיט טעראָריסטן?

מוכאַמעד: איך בין אין אָפּאָזיציע צו דער אָרגאַניזאַציע. איך באַקעמף די פּאָליטישע ליניע פון דער אָנפירערשאַפט.

אַרי: צי חנפנסטו זיך נישט אַמאָל צו אונז, ווײַל דו ווייסט, אַז דײַן גורל איז אין אונזערע הענט? דער טעלעפאָן איז דאָך נאָך אַלץ צו מײַן רשות?

מוכאַמעד: חשובער הער אַרי בן־טוב, טײַערער בירגערמייסטער. פריִער בין איך אַנטלאָפן פון דער פּאָליציי. איצט אָבער, ווען אין קאָן שטייט אײַער נאָמען, אײַער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע קאַריערע, איז ווי נאָר איך פאַרלאָז אײַער הויז, גיי איך דירעקט אין דער פּאָליציי, גיב זיך איבער אין איר רשות און דערצייל דעם גאַנצן אמת, ווי אַזוי איך בין געקומען אין אײַער הויז. איך וועל אײַער נאָמען נישט פאַרפלעקן. איך מיין, אַז פריילן נעלי וועט נישט זײַן קעגן דערציילן וועגן איר ראָל אינעם דאָזיקן אינצידענט? איר באַהאַלט דאָך נישט אויס אײַער פּאָליטיש־מאָראַלישע פּאָזיציע?

נעלי: (צו אַרי אויף פויליש) דיאַבעל ניע יעסט טאַק סטראַשני, יאַק גאָ מאַלויאָן.

מוכאַמעד: אמת, דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט אים...

נעלי: (שטאַרק פאַרוווּנדערט) איר פאַרשטייט פויליש?

מוכאַמעד: (ענטפערט נישט גלײַך). ווי איך זע, געפין איך זיך אין אַ הויז פון טאָלעראַנטע מענטשן. וועל איך זײַן מיט אײַך אינגאַנצן אויפריכטיק. איך בין פון פוילן.

אַרי: דו ביסט פון פוילן? אַ ייִד פון פוילן צווישן פּאַלעסטינעזער?

מוכאַמעד: ניין, איך בין נישט קיין ייִד. איך בין, ווי זאָל איך אײַך דאָס זאָגן אַ פּאַלעסטינעזער פון פּוילישער אָפּשטאַמונג.

נעלי און אַרי: (צוזאַמען) איר זענט אַ פּאָליאַק?

מוכאַמעד: אַ פּאָליאַק פון דור דורות, אַ געבוירענער אין וואַרשע.

אַרי: אין וואַרשע? אויף וועלכער גאַס געוווינט?

מוכאַמעד: אויף זשאָליבאָזש, פעלינסקי־גאַס.

אַרי: (שפּרינגט אויף פון אָרט) אויף פעלינסקי־גאַס? אונטער וועלכן נומער?

מוכאַמעד: נומער 223.

אַרי: נומער 223 ?

מוכאַמעד: דער זון פון סטאַך און העלענאַ סאָקאָלאָווסקי.

אַרי: יאַנעק ?

מוכאַמעד: איר קענט מיך ? פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך הייס יאַנעק ?

אַרי: יאַנעק, יאַנעק, דערקענסט מיך נישט ? איך בין לעאָן...

מוכאַמעד: לעאָן ? לעאָן ? (קוקן זיך אַ רגע אָן, פאַלן זיך אין די אָרעמס און האַלטן זיך לאַנג אַרומגענומען).

נעלי: מאַמע, מאַמע, קום נאָר אַרײַן, וועסטו עפּעס זען !...

סטערא: (לויפט אַרײַן) וואָסער אומגליק איז שוין ווידער געשען ? (קוקט דערשטוינט אויף דער סצענע).

נעלי: דאָס איז יאַנעק סאָקאָלאָווסקי.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס זעקסטע בילד

אין זעלבן צימער. אַלע זיצן בײַם טיש און עסן נאַכטמאָל.

אַרי: נו דערצייל־זשע, יאַנעק, ווי קומסטו קיין ישראל און ווי אַזוי איז פון יאַנעקן געוואָרן מוכאַמעד אַלי ? ביסט אַנטלאָפן פון פוילן ? באַגאַנגען אַ פאַרברעך ?

מוכאַמעד: חלילה, נישט אַנטלאָפן פון פוילן און קיין שום פאַרברעך נישט באַגאַנגען. געווען איז דאָס פשוט. אין 1948 האָט מען בײַ אונז אין פוילן ווערבירט ייִדישע יונגעלייט אין דער הגנה. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן צו אײַך. צו העלפן אײַך אין אײַער קאַמף. איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסע עוולה, וואָס די אַראַבישע מלוכות זענען באַפאַלן די יונגע ייִדישע מלוכה ישראל. דער קבוץ „יד דוד" האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַן מיליטערישער איינהייט צוזאַמען מיט די אַנדערע געקומענע פון פוילן.

אַרי: פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צו מיר ?

מוכאַמעד: דיך געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף לעאָן איזביצקי. אָבער קיינער האָט אַזעלכן נישט געקענט.

נעלי: נו און ווײַטער, ווײַטער וואָס איז געשען?

מוכאַמעד: ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט די מיליטערישע אָפּעראַציעס, האָב איך פאַרגעזעצט מײַן וואַרשעווער שטודיום אויף דער חיפהר פּאָליטעכניק, געוואָרן בויאינזשעניער. זיך פאַרליבט אין אַ פּאַלעסטינעזערין, חתונה געהאַט. כ'האָב צוויי קינדער און וווין אין ראשון לים. מײַן פרוי האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין פּוילן, בין איך פאַרבליבן אין ישראל.

אַרי: איז אויב דו ביסט געקומען העלפן די ישראלער, ווי זשע קומסטו צו די פּאַלעסטינעזער?

מוכאַמעד: האָסט אָנגערירט דעם נעוראַלגישן פּונקט. אַי טוט ער וויי! אַי טוט ער וויי! מיט מיר איז געשען דאָס, וואָס מיטן העלד פון שלום־עליכמס דראַמע „שווער צו זײַן אַ ייִד", ווען דער רוסישער סטודענט האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ייִד.

סטעראַ: איר קענט ייִדיש?

מוכאַמעד: אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט עברית, האָב איך אָנגעהויבן אויך לייענען ייִדיש. דײַטש קען איך גוט. פאַרקערט האָב איך כסדר צווישן פּוילישע ייִדן. האָב איך באַהערשט ייִדיש.

נעלי: זענט איר דאָך שוין אַ גאַנצער ייִד.

מוכאַמעד: ניין. איך בין מער ווי אַ גאַנצער ייִד. איך בין אַ פּאַלעסטינעזער.

אַרי: וואָס הייסט דאָס?

מוכאַמעד: דאָס הייסט, אַז אויב בײַ שלום־עליכמען האָט זיך דער רוסישער סטודענט בלויז פאַרשטעלט פאַר אַ ייִדן און עטוואָס דערפילט דעם טעם פון אַ גערודפטן, בין איך געוואָרן אַן אמתער פּאַלעסטינעזער. איך בין דורך מײַן פרוי און מײַנע קינדער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין זייער סביבה, זיך אויסגעמישט מיט זיי און דערפילט דעם ביטערן טעם פון זײַן אַ פּאַלעסטינעזער, פון אַ באַוועלטן...

אַרי: זיי זענען די באַוועלטע? זיי האָבן געשאָסן פון גולן אויף אונזערע קינדער אין קיבוץ „גד", זיי האָבן געשאָסן אויף אונזערע פישער פון כנרת. שאָקעירי האָט געפאָכעט מט דער שווערד, נאַסער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַרײַן קיין ישראל אויף אַ דיוואַן פון בלוט, און אַראַפאַט וויל

בכלל פאַרניכטן די ייִדישע מדינה און אַלע ייִדן געקומענע קיין ישראל נאָכן 1947 יאָר פאַרטרײַבן צוריק קיין אייראָפּע. און זיי זענען, לויט דײַן מיינונג, גאָר די באַוואָלטע? אַלנפאַלס באַהאַנדלט ישראל די פּאַלעסטינעזער נישט ערגער ווי עס באַהאַנדלען זיי זייערע ברידער, די אַראַבער פון די אַרומיקע מלוכות. כוסיין, דער קיניג פון יאַרדאַניע, האָט אײַנגעאָרדנט איבער די פּאַלעסטינעזער אַ שחיטה און זיי פאַרטריבן פון זײַן לאַנד. שפּעטער האָט זיי געגעבן פּעפער צו שמעקן אַסאַד, דער פּרעזידענט פון סיריע, ווען ער איז אַרײַן קיין לבנון. און אַזוי ווײַטער און אַזוי ווײַטער.

מוכאַמעד: ביסט גערעכט. האָסט מיט דײַנע אייגענע רייד באַשטעטיקט, אַז די פּאַלעסטינעזער זענען אַ געשלאָגן פאָלק. אַלע רודפן זיי, סײַ די אַראַבישע מלוכות, וועלכע ווילן זיי אויסנוצן בלויז ווי האַרמאַטן־פליש פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן. אָבער די הויפּט־סיבה פון זייער טראַגישער לאַגע — זענט איר, די מושלים פון ישראל. גיב אַ קוק אויף זייער גורל מיט די אויגן נישט פון אַרי בן־טוב, נאָר מיט די אויגן פון לעאָן איזביצקי, דעם געטאָ־קעמפער. אין ישראל גופא באַטראַכט איר די פּאַלעסטינעזער ווי בירגער פון דער צווייטער און דריטער מדרגה. איר טרײַבט זיי פון דער ערד, איר צעשטערס זייערע וווינונגען אונטער פאַרשידענע תירוצים. קיין גלײַכע פּאָליטישע רעכט האָבן זיי נישט. קיין זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען טאָרן זיי נישט האָבן. איר צווינגט זיי צו שטימען בלויז פאַר די קאָמוניסטן און דערנאָך שרײַט איר, אַז אַלע פּאַלעסטינעזער זענען מאָסקווער אַגענטן פּונקט ווי אין פּוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה: זשידאָ־קאָמונאַ, אַלע ייִדן זענען באָלשעוויקעס. און וואָס עס טוט זיך אויף די אָקופּירטע געביטן, דאַרף איך אײַך נישט דערציילן: מען פּײַניקט אין די תפיסות, מע שיסט צו קינדער. די אַלטע העברעיער האָבן פאַרלאַנגט אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַן אויג פאַר אַן אויג. הײַנט נעמט איר פאַר יעדן צאָן אַ גאַנצן קאָפּ, פאַר יעדן אויג פופציק אויגן. די פּאַלעסטינעזער פאַלן אָן מיט פּיסטאַלעטן, די ישראל־רעגירונג ענטפערט מיט באָמבעס פון עראָפּלאַנען. דאָס איז פאַרשטייט זיך נישט קיין אינדיווידועלער טעראָר. דאָס איז מער. דאָס איז מלוכהשער טעראָר! און דאָס טוען מענטשן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר כסדר געליטן פון רדיפות, פּאָגראָמען,

אינקוויזיציעס. ווי שעמסטו זיך נישט צו פאַרטיידיקן און אַנטיילנעמען אין אַזאַ פּאָליטיק? ווו איז דער הײַנטיקער ישעיהו און ירמיהו, וועלכע זאָלן אײַך וואַרפן די שאַנד אין פּנים אַרײַן. גאַר שנעל האָט איר איבערגענומען און זיך אויסגעלערנט די תורה פון אונטערדריקן, פון רודפן...

אַרי: די פּאַלעסטינעזער זענען אַליין שולדיק. אין 1947 האָט מען זיי געגעבן לויט דער חלוקה יהודה, שומרון און נצרת. דאָס הייסט מער ווי די ייִדן האָבן געוואָלט באַקומען לויט דער אָנו־רעזאָלוציע פון 1947. פאַרוואָס האָבן זיי דעמלט נישט אויפגעשטעלט זייער אייגענע מלוכה? פאַרוואָס? אָבער זיי האָט זיך פאַרוואָלט פירן מלחמה מיט אונז און אומברענגען אונזער מלוכה, און דו ביסט געקומען אונז העלפן אין אונזער גערעכטער מלחמה. האָבן זיי פאַרשפּילט. צאָלן זיי איצט דערפאַר. זיי זענען אַליין שולדיק אין זייער לאַגע.

מוכאַמעד: גערעכט לעאָן, אַנטשולדיקט הער בירגערמייסטער אַרי בן־טוב. אוודאי זענען די פירער פון די פּאַלעסטינעזער דעמלט באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, איך וואָלט געזאָגט אַ פּאָליטישן פאַרברעך. אָבער מען קאָן דאָך נישט כּסדר שטראָפן דאָס פאָלק פאַר די פּאָליטישע זינד פון זײַנע פירער;

אַרי: און אויב דאָס פאָלק שטיצט זײַנע פירער?

מוכאַמעד: דאָס איז נישט קיין ענטפער. אויב מען וויל באמת שלום, דאַרף מען דעם שונא לערנען פּאָליטישע חכמה, אָנוואַרפן דעם שלום, ווי דאָס האָט געטון דער פּרעזידענט סאַדאַט, וואָס האָט אײַך אָנגעוואָרפן דעם שלום, געלערנט אײַך אַ פּרשה פּאָליטישע חכמה. דעם פּאַלעסטינעזישן פאָלק דאַרפט איר געבן זײַנע נאַציאָנאַלע רעכט, זיי דאַרפן באַקומען זייער זעלבשטענדיקע מלוכה. אָבער איר האָט זיך פאַר דער צײַט אויסגעלערנט אַ נײַע פּאָליטישע חכמה: איר אָנערקענט נישט די פּאַלעסטינעזער אַלס אַ זעלבשטענדיק פאָלק און אָנערקענט נישט זייער רעכט אויף אַן אייגענע מלוכה. די עקזיסטענץ פון פאָלק אויף דער טעריטאָריע, ווו עס לעבט און אַנטוויקלט זיך, איז די בעסטע און איינציקע לעגיטימאַציע פאַר זײַנע נאַציאָנאַלע און מלוכהשע רעכט...

נעלי: טאַטע, איך מוז מודה זײַן, אַז דײַן יאַנעק און איצטיקער מוכאַמעד אַלי שפּרודלט מיט פּאָליטישער חכמה...

מוכאַמעד: איך דאַנק אײַך, מאַדמואַזעל נעלי, פאַר אײַער הילף. איר זענט מער די טאָכטער פון לעאָן איזביצקי ווי פון אַרי בן־טוב.
סטעראַ: מיט וואָס געפעלט אײַך נישט אַרי בן־טוב. ווען האָט ער שלעכטס געטון.
נעלי: אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס אין מײַן פאָטער זיצן צוויי נשמות. דער אַמאָליקער לעאָן און דער הײַנטיקער פאַרפאַנצערטער מלוכה־מאַן, כּנסת־דעפּוטאַט, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. צווישן די צוויי נשמות קומט פאָר אַ כּסדרדיקער געראַנגל. לײַדער האָט די אויבערהאַנט דער פּאָליטיש־פאַרפאַנצערטער אַרי. הײַנט, טאַטע, האָסטו געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצײַגן, אויף וועלכע געפערלעכע וועגן עס פירט דיך דײַן פּאָליטיש־פּאַרטייאישע מאָראַל. האָסט דאָך שיער נישט איבערגעליפערט אין די הענט פון דער פּאָליציי דעם מענטשן, וועלכער האָט אין אַ מינוט פון גרעסטן נסיון, ווען דער דײַטש איז געשטאַנען מיטן פּיסטאָלעט צום קאָפּ געווענדט, דיך נישט אויסגעגעבן. און דו האָסט אים יאָ געוואָלט אויסגעבן, הגם דיר האָט נישט געדראָט קיין שום געפאַר.
אַרי: אמת, איך וואָלט זיך דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען. אָבער דאָך האַלט איך, יאַנעק, אַז אין דײַן אָפּשאַצונג פון די פּאַלעסטינעזער ביסטו איינזײַטיק. אמת, פאָלק איז פאָלק, אָבער פאַרן פאָלק באַשליסן זײַנע פירער, און אַראַפאַט וויל אומברענגען ישראל אַלס מלוכה. און דאָס זעסטו נישט.
מוכאַמעד: איך זע, איך זע. אַראַפאַטס שטעלונג איז פּאַקטיש נישט רעאַל און פּרינציפּיעל פאַלש. פּונקט ווי ס'איז רעאַקציאָנער די פּאָליטיק נישט דערלאָזן צום אַנטשטיין פון אַ פּאַלעסטינעזישער מלוכה, אַזוי איז רעאַקציאָנער דער געדאַנק אומצוברענגען די עקזיסטירנדיקע מלוכה ישראל. אַ זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינעזישע מלוכה בײַ דער זײַט פון ישראל און נישט אַנשטאָט ישראל — איז דער געבאָט פון דער היסטאָרישער שעה. טערטיום נאָן דאַטור, אין ברירה...
אַרי: מיט דײַן שטעלונג וואָלט איך, ווי עס איז מסכּים געווען, אָבער איך הער צום ערשטן מאָל אַזעלכע רייד פון אַ פּאַלעסטינעזישן פּאָליטישן טוער. ווײַזט אויס, אַז דו ביסט נאָך נישט קיין גאַנצער פּאַלעסטינעזער. זיי, די אויטענטישע פּאַלעסטינעזער, ווילן ליקווידירן ישראל אַלס מלוכה.

מוכאַמעד: זיי וועלן אַזוי לאַנג וועלן ליקווידירן ישראל, אַזוי לאַנג ווי איר, ישׂראלער, וועלן נישט וועלן אָנערקענען די פּאַלעסטינעזער אַלס פֿאָלק און זייער רעכט אויף אַן אייגענער מלוכה. אייַן נאַציאָנאַליזם שפּייַזט דעם צווייטן נאַציאָנאַליזם.

נעלי: דאָס טענה איך שוין פֿון לאַנג. די איניציאַטיוו מוז קומען מצד די ישראלישע מלוכה־פֿירער. ווייַל זיי זענען איצט די הערשנדיקע פּאָליטישע און מיליטערישע קראַפֿט. מיטן מאָמענט ווען זיי וועלן ענדערן זייער פֿאַלשע פּאָליטיק, וועלן זיי צונעמען דאָס ברויט בייַ די פּאַלעסטינעזישע נאַציאָנאַליסטן...

מוכאַמעד: לעאָן, האָסט אַ קלוגע טאָכטער. קאָנסט זייַן שטאָלץ מיט איר. זי איז פֿרייַ, מיט קיין זאַך נישט און מיט קיינעם נישט געבונדן אין איר דענקען און האָט זיך אויסגעאַרבעט איר אייגענעם קוק און איר אייגענע מאָראַל. זי האָט דיך אָפּגעהאַלטן פֿון אַ שלעכטער, אַנטיהומאַניסטישער האַנדלונג לגבי מיר. דו דאַרפֿסט זיך צוהערן צו אירע רייד אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פֿראַגן.

אַרי: גוט, אין פּרינציפּ, לאָמיר זאָגן, קאָן איך מסכּים זייַן אויף אַ פּאַלעסטינעזישע מלוכה. אָבער זיי שטרעבן צו אַן אייגענער מלוכה, כּדי שפּעטער מיט דער הילף פֿון די סאָוויעטן אָנפֿאַלן אויף אונז און אומברענגען ישראל.

מוכאַמעד: ווי לאַנג וועט איר זיך באַנוצן מיטן סאָוויעטישן סטראַשאַק? צי זעסטו נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן סאָוויעטישן אייַנפֿלוס צווישן די אַראַבישע פֿעלקער? סודאַן, עגיפּטן, סאָמאַליע, איראַק? סטאַלינס יורשים זענען גרויסע ספּעציאַליסטן פֿון מאַכן זיך שונאים צווישן די פֿעלקער, פֿאַר וועלכע זיי ווילן אָנגיין אַלס זייערע פֿרייַנט און באַפֿרייַער. די אונגאַרן האָבן זיי געמאַכט פֿאַר זייערע שונאים. די פּאָליאַקן — פֿאַר ביטערע שונאים, נאָך ערגערע ווי אין די צאַרישע צייַטן. די טשעכן, זייערע אַמאָליקע פֿרייַנט — געמאַכט פֿאַר שונאים, די כינעזער — געמאַכט פֿאַר שונאים, די רומענער האָבן ליב מאָסקווע פֿון דערווייטנס. פֿון די יוגאָסלאַווער — שוין אָפּגערעדט. טאָ פֿאַרוואָס דאַרפֿן די פּאַלעסטינעזער זייַן נאַרישער פֿון די עגיפּטער, סודאַנער, סאָמאַליער, שוין צייַט אײפֿצוהערן סטראַשען מיט די סאָוויעטן... דאָס איז דעמאַגאָגיע און צביעות. די ציוניסטישע פֿירער, וועלכע זענען בייַ דער מאַכט, ווילן מיטן סאָוויעטישן

סטראַשאַק פאַרדעקן זייער נאַרישע פּאָלשע פּאָליטיק. ווער האָט דיר די דאָזיקע חכמה געלערנט? מאַרקס? הערצל, וועלכער איז געווען זייער בויגעוודיק אין זײַן טאַקטיק? אחד העם? מאַקס נאָרדאַו? פּראָפעסאָר מאַגנעס, מאַרטין בובער? זיי זענען דאָך אויך געווען ציוניסטן? נישט קיין ערגערע ווי דײַנע איצטיקע פירער?

אַרי: ווי איך זע, ביסטו אַ גאַנצער בקי אין דער געשיכטע פון ציוניזם. ביסט אַ גאַנצער ייִד געוואָרן.

מוכאַמעד: איך האָב שוין פריִער געזאָגט, אַז איך בין עפּעס מער ווי אַ ייִד. איך בין אַ פּאַלעסטינעזער פון פוילישער אָפּשטאַמונג.

אַרי: וואָס הייסט עס?

מוכאַמעד: אויב עס קאָן זײַן אַ פּאָליאַק פון ייִדישער אָפּשטאַמונג, פאַרוואָס קאָן נישט זײַן אַ פּאַלעסטינעזער פון פוילישער אָפּשטאַמונג? דו ביסט דאָך זיכער נישט קיין ראַסיסט. דו דאַרפסט ווערן אויס אַרי און ווערן צוריק לעאָן. איך מיין, מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. איך קאָן שוין גיין. הײַנטיקער טאָג איז אַן אויסערגעוויינלעכער אין מײַן לעבן, איך האָב געפונען מײַן אַלטן פרײַנט לעאָן און אַ נײַעם פרײַנט — נעלי. איך וויל די דאָזיקע בשורה אָנזאָגן מײַן פרוי.

נעלי — און אפשר וואָלט איר געגעסכטיקט בײַ אונז? ס'איז שפּעט. פּאַטרולן גייען אַרום איבער די גאַסן.

אַרי: (קוקט אויף מוכאַמעדן, אויף נעלין) בלײַבט יאַנעק נעכטיקן.

פ אַ ר ה אַ נ ג   פ אַ ל ט

דאָס זיבעטע בילד

די סצענע איז געטיילט דורך אַ ווענטל אויף צוויי צימערן. אין יעדן צימער הענגען אויף דער פראָנט־וואַנט עמבלעמען: אינעם רעכטן צימער — פון דער מלוכה ישראל, אינעם לינקן צימער — פון פּ.ל.א.ביידע צימערן זענען אידענטיש אין אַלע פּרטים. אין דער־מיט פון די צימערן טישן. בײַ די טישן זיצן דרײַ ריכטער: דרײַ מאַנעקינען, אייגנאַרטיק גרימירט. אין רעכטן צימער זיצט רעכטס פון טיש, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַרי בן־טוב. אין לינקן צימער, לינקס פון טיש, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק מוכאַמעד אַלי. די פראַגן, געשטעלטע דורכן פאָרזיצער פון געריכט, וואָס

זיצט אין דער מיט, הערט מען פון אַ הילכער. ווען עס ווערט ליכטיק אין איין צימער, ווערט פינצטער אין צווייטן. אַזוי כסדר, געטוישט.

פּאַרזיצער: (פון רעכטן צימער, געווענדט צו אַרי בן־טוב). ווי הייסט איר?

אַרי: (שטעלט זיך אויף) אַרי בן־טוב.

פּאַרזיצער: און פון דער היים?

אַרי: לעאָן איזביצקי.

פּאַרזיצער: זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט אויסבאַהאַלטן אין אייער וווינונג אַ געפערלעכן פּאַלעסטינעזישן טעראָריסט. בעת די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט?

אַרי: דאָס איז נישט געווען קיין טעראָריסט, נאָר מײַן פרײַנט, דער פּאָליאַק יאַן סאָקאָלאָווסקי, וועלכער האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון טויט אין פּוילן.

ריכטער: אָבער בעת אונזער פּאָליציי איז אַרײַן צו אײַך אין דער וווינונג, האָט איר נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער פּאָליאַק יאַן סאָקאָלאָווסקי?

אַרי: אמת, איך האָב נישט געוווּסט, אָבער אַ מענטש האָט בײַ מיר געבעטן שוץ אַלס בירגערמייסטער, איז מײַן חוב געווען צו העלפן אים, ווי עס העלפט אַ דאָקטער אַ פאַרוווּנדעטן אָדער קראַנקן, נישט פרעגנדיק זײַן אידעיִש־פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע אָנגעהעריקייט. איבעריקנס איז בײַ אַלע מזרח־פעלקער פאַראַן דער שיינער מנהג, אַז ווען אַ שונא געפינט זיך אין הויז, טאָר אים קיין שלעכטס נישט געשען. און מיר, ייִדן, ווערן דאָך איצט צוריק אַ מזרח־פאָלק.

ריכטער: צי זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט עובר געווען אויפן געזעץ פון אונזער מלוכה און געשענדט די מאָראַל פון אונזער פּאַרטייאיש־פּאָליטישער באַוועגונג?

אַרי: איך האָב געהאַנדלט לויט מײַן געוויסן. און דאָס מענטשלעכע געוויסן איז דאָס העכסטע געזעץ און די העכסטע מאָראַל. די מלוכהשע געזעצן און די פּאָליטישע מאָראַל זענען רעלאַטיוו, זיי ענדערן זיך. דאָס מענטשלעכע געוויסן איז אַבסאָלוט. איך בין נישט רעליגיעז, נאָר כדי אײַך קלאָרער צו מאַכן, וועל איך זאָגן: דאָס מענטשלעכע געוויסן איז

דאָס געטלעכע אינעם מענטשן, לויט מיר דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן... די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן געראַטעוועט ייִדן, האָבן געהאַנדלט לויט זייער מענטשלעך געוויסן און האָבן דערמיט מכפּר געווען די פאַרברעכנס פון די רשעים. איז דאָך גאָט געווען גרייט נישט אומברענגען די גאַנצע שטאָט סדום פול מיט רשעים, אויב אין איר וועלן זיך געפינען כאָטש צען אָרנטלעכע מענטשן.

ריכטער: ווער האָט אײַך געלערנט די דאָזיקע נײַע פילאָזאָפיע?

אַרי: דאָס איז מײַן פּריוואַטע זאַך. אָבער פאַר אַלץ, וואָס איז געשען בײַ מיר אין הויז, בין איך פאַראַנטוואָרטלעך און מער קיינער.

ריכטער: איך באַדויערט נישט אײַער האַנדלונג?

אַרי: מאַכט נישט פון אַן ערנסטן ענין קיין קאָמעדיע. דאָס, וואָס איז געשען, בײַ מיר אין הויז, איז געווען דער נצחון פון אַ גרויסער מאָראַלישער מענטשלעכער קראַפט. זאָל איך זי באַדויערן? אַ ניין! איך בין געוואָרן אַ פרײַער מענטש.

ריכטער: צי זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט זיך פאַרבונדן מיט די שונאים פון אונזער מדינה און פון אונזער פאָלק?

אַרי: הערט אויף צו פּראָווען לצנות. איך האָב צוריק אָפּגעפונען דעם בעסטן פרײַנט פון אונזער פאָלק און פון אונזער מלוכה, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט צוזאַמען מיט אונז און איז פאַרבליבן איר גרויסער פרײַנד עד היום.

(עס ווערט פינצטער אין רעכטן צימער. עס ווערט ליכטיק אין לינקן צימער, וווּ עס זיצט מוכאַמעד אַלי אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק).

ריכטער: ווי הייסט איר?

מוכאַמעד: (שטעלט זיך אויף) מוכאַמעד אַלי.

ריכטער: און ווי איז אייער אמתער, אַמאָליקער נאָמען?

מוכאַמעד: יאַן סאָקאָלאָווסקי.

ריכטער: זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט געזוכט פּערזענלעכע שוץ בײַ דעם שונא פון אונזער פּאַלעסטינעזיש פאָלק, בײַם בירגערמײַסטער פון ראשון לים, כנסת-דעפּוטאַט און מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי, וועלכע פאַרפאָלגט און אונטערדריקט אונזער פאָלק?

מוכאַמעד: מיר האָט אַרויסגעוויזן גאַסטפֿרײַנטלעכקייט אַ מענטש, וועלכן איך האָב געראַטעוועט זײַן לעבן, מײַן פֿרײַנט לעאָן איזביצקי.

ריכטער: אָבער בעת איר זענט אַרײַן אין הויז, האָט איר נישט געוווּסט, אַז דאָרטן וווינט לעאָן איזביצקי?

מוכאַמעד: ניין. דערפֿון האָב איך נישט געוווּסט.

ריכטער: אָבער געוווּסט האָט איר, אַז אינעם הויז וווינט אַ ישׂראלי דער בירגערמײַסטער אַרי בן־טוב?

מוכאַמעד: יאָ, דערפֿון האָב איך געוווּסט.

ריכטער: דערמיט זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט באַוווּסטזיניק פֿאַרראַטן די פּאָליטישע גרונט־פּרינציפּן און די מאָראַלישע ווערטן פֿון דער פּאַלעסטינעזישער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג?

מוכאַמעד: ניין, איך האָב קיינעם נישט פֿאַרראַטן. איך האָב געפּרוּווט מזל, פּונקט ווי מיט קנאַפּע 150 יאָר צוריק האָט דער באַקאַנטער פֿון דער געשיכטע פֿון פּוילן דעמאָקראַטישער פֿירער מאָוריצי מאָכנאַצקי געפּרוּווט מזל, ווען אים האָבן איבער די גאַסן פֿון וואַרשע נאָכגעיאָגט זײַנע פּאָליטישע שונאים און אים געוואָלט לינטשן — איז ער אַרײַנגעלאָפֿן אין פּאַלאַץ אויף ביעלאַנסקע־גאַס צו זײַן גרעסטן פּאָליטישן קעגנער, גראַף דרוצקי־לובעצקי, וועלכער האָט אים אָפּגעראַטעוועט פֿון לינטש. ער האָט געהאַט מזל. מײַן אינטויִציע האָט מיך אויך נישט אָפּגענאַרט.

ריכטער: מאַכט אונדז נישט פֿאַר קיין נאַראָנים און פּרוּווט נישט מיטן מעשׂהלע פֿון מאָכנאַצקי און דרוצקי־לובעצקי צו פֿאַרשטעלן אײַערע ביז איצטיקע קאָנטאַקטן מיט דער ישׂראלדיקער פּאָליטישער פּאָליציי! ווער האָט אײַך אין פּוילן װערבירט צו פֿאָרן קיין ישׂראל?

מוכאַמעד: מײַן מענטשלעך געוויסן און דער טראַדיציאָנעלער פּוילישער רוף: „פֿאַר אײַער און אונדזער פֿרײַהייט".

ריכטער: וועלכע דיווערסאַנטישע טעטיקייט האָט איר געזאָלט פֿירן אין אונדזער באַוועגונג?

מוכאַמעד: אויף דער פֿראַגע וועל איך נישט ענטפֿערן. זי איז נידעריקער פֿון מײַן כּבֿוד. איך בין געווען און פֿאַרבליבן אַ טרײַער קעמפֿער פֿאַר דער זאַך פֿון פּאַלעסטינעזישן פֿאָלק. איך בין אַ פּאַלעסטינעזער, מײַן פֿרוי איז אַ פּאַלעסטינעזערין און מײַנע קינדער זענען פּאַלעסטינעזער.

ריכטער: איר זענט דאָך אַ פּאָליאַק?

מוכאַמעד: איך בין נישט קיין ראַסיסט.

ריכטער: ווער שטייט אין שפּיץ פון אײַער דיווערסאַנטישער נעץ?

מוכאַמעד: דאָס איז אַ נידערטרעכטיקע פּראָוואָקאַציע. (עס לעשט זיך אויס דאָס לינקע צימער און עס ווערט באַלויכטן דאָס רעכטע צימער).

ריכטער: אָנגעקלאָגטער אַרי בן־טוב אָדער לעאָן איזביצקי, איר זענט זיך מודה אין פאַרראַט? אײַער לעצט וואָרט?

אַרי: מײַן געוויסן איז ריין. (עס לעשט זיך אויס דאָס צימער, עס ווערט באַלויכטן דאָס צווייטע צימער).

ריכטער: אָנגעקלאָגטער מוכאַמעד אַלי אָדער יאַן סאָקאָלאָווסקי, איר זענט זיך מודה אין דיווערסאַנטישער טעטיקייט? אײַער לעצט וואָרט?

מוכאַמעד: מײַן געוויסן איז ריין. (עס לעשט זיך אויס דאָס צימער, עס ווערט באַלויכטן דאָס אַנדערע צימער. די מאַנעקינען שטייען).

ריכטער: פּסק, אין נאָמען פון מלוכהשן געזעץ, אויפן יסוד פון די באַווײַזן: פאַר באַגיין אַ פאַרראַט לגבי דער מלוכה און דער מאָראַל פון דער פּאָליטישער באַוועגונג — ווערט אַרי בן־טוב באַזייטיקט פון זײַן אַמט אַלס בירגערמײַסטער און אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. עס ווערט פינצטער און ליכטיק אין אַנדערן צימער. די מאַנעקינען שטייען).

ריכטער: פּסק. אין נאָמען פון די גרונט־פּרינציפּן פון דער פּאַלעסטי־נעזישער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג, פון אונזער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. אויפן יסוד פון די באַווײַזן: ווערט מוכאַמעד אַלי פאַר פירן אַ דיווערסאַנטישע טעטיקייט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַלעסטינעזישער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג.

פ א ר ה א נ ג פ א ל ט

דאָס אַכטע בילד

אין אַ צוג־וואַגאָן. עס זיצן פינף פּאַסאַזשירן, צווישן זיי נעלי. לכתחילה איז שטיל.

ערשטער פּאַסאַזשיר: (רײַסט זיך אָפּ פון דער צײַטונג, וועלכע ער האָט געלייענט און ווענדט זיך צו די פּאַסאַזשירן): נו, זאָגט ייִדן, קאָן אונזער

מדינה האָבן אַ קיום ווען אין איר סאַמע שפּיץ, אין די העכסטע פענסטער זיצן פאַרקויפטע נשמות? נאָך ווינציק דאָס וואָס מיר האָבן גנבים, שווינדלער, וועלכע טראַכטן נאָר וועגן דעם, ווי ביַי דער מלוכה אַרויסצוריַיסן פאַר זיך, אָנשטאָפּן זיך מיט מיליאָנען דאָלאַרן, באַגנבענען דאָס פאָלק. אָבער דאָס, וואָס איז געשען אין ראשון לים, שטיַיגט שוין איבער אַלץ.

צווייטער פּאַסאַזשיר: איר מיינט אוודאי די פּרשה אַרי בן־טוב, דעם בירגערמיַיסטער? לאָזט אַ קוק געבן אין דער בלאַט־ציַיטונג. (נעמט די ציַיטונג ביַים ערשטן פּאַסאַזשיר).

ערשטער פּאַסאַזשיר: שקר און בליאַדסטווע האָט זיך געפּאָרט צוזאַמען (אַנטשולדיקט מיר פאַרוויַילן פאַר די מיאוסע רייד מיַינע). נאָר איך געפין נישט קיין אַנדער נאָמען. אַ פּוילישער ייִד, אַ דעפּוטאַט פון דער כנסת, אַ בירגערמיַיסטער, באַהאַלט אויס ביַי זיך איז הויז אַ פּאַלעסטינעזישן טעראָריסט. דערנאָך וויַיזט זיך אַרויס, אַז דער פּאַלעסטינעזער איז גאָרנישט קיין אַראַבער, נאָר אַ פּאָליאַק, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון פּוילן קיין ישראל אַלס שפּיאָן. נו, קאָן די מדינה האָבן אַ קיום? עס שטינקט פון קאָפּ. איך טענה די גאַנצע ציַיט, אַז מע טאָר זיי, איך מיַין די פּוילישע ייִדן, נישט גלייבן. נאָך אַלץ קוצעניו־מוצעניו מיט די פּאָליאַקן. מיט אַ רומענישן ייִדן וואָלט אַזאַ זאַך נישט געשען.

צווייטער פּאַסאַזשיר: אָבער סוף גנב לתליה. מען האָט גאַכאַפּט די גאַנצע באַנדע, איצט וועלן זיי אַלע אַריַינגעזעצט ווערן אין קוטשעמענט.

דריטער פּאַסאַזשיר: איצט זעט מען שוין באַשיַינפּערלעך, ווער עס פירט אָן מיט די טעראָריסטישע אָנפאַלן. פּאָליאַקן, סאָוויעטן, פאַרקאַכט אַ קאַשע. ווי זאָגט פּאָניע גנב: אָן אַ פלעשל וואָדקאַ, ועסטו קיין טאָלק נישט דערגייען...

טוריסט פון האַמבורג: אַנטשולדיקט, איך קען נישט קיין עברית. ייִדיש פאַרשטיי איך אַביסל. איך בין אַ דיַיטש, אַ טוריסט פון האַמבורג. געקומען באַטראַכטן איַיער לאַנד. זאָגט מיר, איך בעט איַיך זייער, וואָס איז דאָ ביַי איַיך געשען? איך זע, איר זענט אַלע אויפגעבראַכט.

ערשטער פּאַס.: אײַך וועט שווער זײַן צו פֿאַרשטיין, איר זענט אַ יע... אַ יאַקנעהוז, איך מײַן אַן אויסלענדער.

צווייטער פּאַס.: עס איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטער ענין, נישט פֿאַר אײַך...

טוריסט: מיך אינטערעסירן שטאַרק ייִדישע פּראָבלעמען. איך בין אַ ייִדן־פֿרײַנט.

דריטער פּאַס.: איצט זענען אַלע דײַטשן געוואָרן ייִדן־פֿרײַנט... ווו זענט איר געווען מיט אײַער פֿרײַנטשאַפֿט, ווען היטלער האָט אין פּוילן געברענט מיליאָנען ייִדן?

טוריסט: איך בין טאַקע געווען אין פּוילן אין 1943, בעתן אומברענגען דאָס וואַרשעווער געטאָ. שוין יאָרן ווי איך זוך אַרום אַ ייִדן, וועלכן איך האָב געראַטעוועט פֿון טויט. איך ווייס נישט, ווי ער הייסט, איך ווייס נישט, וווּ ער געפֿינט זיך, נאָר מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז ער לעבט...

ערשטער פּאַס.: אַז איר ווייסט נישט, ווי ער הייסט און קענט אים אפֿילו נישט, טאָ ווי האָט איר אים געקאָנט ראַטעווען? מאַכט נישט חוזק פֿון אונדז און פּרוּווט אונדז נישט אײַנרעדן אײַער פֿרײַנטשאַפֿט. עס לוינט אײַך, ווײַזט אויס צום מסחר, האָ?

טוריסט: איר זענט גערעכט. דאָס, וואָס איך דערצייל אײַך, זעט באמת אויס צו זײַן משונהדיק און פֿאַרדעכטיק. אָבער עס איז דער אמת אַליין. איך האָב געראַטעוועט אַ ייִדן אַן אַנטלאָפֿענעם פֿון וואַרשעווער געטאָ. אפֿשר קענט איר ייִדן פֿון וואַרשע?

נעלי: מײַן פֿאָטער שטאַמט פֿון וואַרשע.

טוריסט: צי וואָלט איך זיך געקאָנט טרעפֿן מיט אים?

נעלי: איך קאָן אײַך פֿירן צו אונדז אין הויז, אויב איר זענט גרייט צו גיין. איך הייס נעלי.

טוריסט: מײַנע בעסטע דאַנקען פֿאַר אײַך, פֿרוילײַן נעלי. איך הייס האַנס שילער. (עס הערט זיך אַ פֿייף פֿון לאָקאָמאָטיוו. דער צוג שטעלט זיך אָפּ. נעלי און האַנס שילער פֿאַרלאָזן דעם וואַגאָן).

צווייטער פּאַס.: איר האָט געזען, ייִדן, ווי די יפה־פיה האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן יעקע. אַ גדולה, אַ שמחה אויף איר קאָפּ. וואָס ווייסן זיי, די סברהס פון דעם, וואָס די דײַטשן האָבן געטון מיט די ייִדן אין אַשוויענצים, באַבי־יאַר, פּאָנאַר... וואָס ווייסן זיי...

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס נײַנטע בילד

אין הויז פון אַרי בן־טוב. מוכאַמעד אַלי זיצט, אַרי שפּאַצירט אַרום איבערן צימער. לכתחילה איז שטיל.

אַרי: זענען מיר, הייסט עס, ביידע אויסגעשפּילטע. אָפּגעקלאָפּטע הושענות... אַ פערטל יאָרהונדערט געדינט טרײַ מײַן פאָלק, דער מדינה. געקעמפט אין פּוילן מיט דער ביקס אין האַנט, געקעמפט אין ישראל מיט דער ביקס אין האַנט — און גאָרנישט. מיט אײַן פּיר מיט דער פּען און דער פּסק פון מאַנעקין איז פאַרטיק — פאַררעטער...

מוכאַמעד: וואָס זשע זאָל איך שוין זאָגן: מיך האָט שטענדיק געלאָקט דער רוף פון מיצקיעוויטשן „פאַר אײַער און אונזער פרײַהייט". פאַר אונזער, פּוילישער פרײַהייט האָב איך נישט באַוויזן צו קעמפן מיט דער ביקס אין האַנט, כאָטש אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער פאָלק קעגן די דײַטשן אין 1944 בין איך שוין אַלס שנעק געווען אַ פאַרבינדלער אין דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" צווישן זשאָליבאָזש און אַלט־שטאָט. שפּעטער מיט דער ביקס אין האַנט געקעמפט דאָ אין 1948 פאַר מדינת ישראל, און צום סוף פאַר דער פרײַהייט פון מײַן פאַלעסטינעזיש פאָלק. פאַר אַלץ אַוועקגעגעבן מײַן גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן. און וואָס? אַן אויס־געשפּילטער... אָבער נישט בלויז אידעיִש־פּאָליטיש. מײַן גורל איז אַ געחתמעטער... דער אורטייל איז געווען בלויז אַ פאָרמאַליטעט. מיך וואַרט די קויל אין קאָפּ פון אַ פינצטערן ווינקל... איך בין נישט דער ערשטער און הלוואי זאָל איך זײַן דער לעצטער. אָבער ווי לאַנג איך וועל לעבן וועל איך קעמפן פאַר מײַן ריינעם, נישט באַפלעקטן נאָמען.
(עס עפנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך נעלי מיטן דײַטשן טוריסט פון האַמבורג, האַנס שיעלע. אַרי און מוכאַמעד קוקן מיט נײַגעריקייט אויפן אורח).

נעלי: אין וואַגאָן האָב איך זיך געטראָפן מיטן הער האַנס שיעלע פון האַמבורג. זײַט באַקאַנט: דאָס איז מײַן פאָטער, אַרי בן־טוב, אונזער פרײַנט מוכאַמד אַלי. זעצט אײַך.

טוריסט: אַדאַנק אײַך, פרווילײַן נעלי (זעצט זיך).

נעלי: דער הער האַנס שיעלע קומט אָפּט קיין ישראל אַלס טוריסט. ער קען שוין גוט אונזער לאַנד. אָבער זײַן אמתן ציל פון זײַנע באַזוכן האָט ער נאָך נישט דערגרייכט. ער זוכט אַ ייִדן פון פוילן. נאָר צו וואָס דערצייל איך דאָס אײַך. דער הער האַנס שיעלע וועט דאָס אַליין בעסער מאַכן.

טוריסט: איידער איך וועל אײַך אויסלייגן, וואָס איך וויל פון אײַך, וועל איך זיך פאָרשטעלן ווער איך בין. איך וווין אין האַמבורג און פיר אַ מעכאַנישן וואַרשטאַט. עס גייט מיר נישט שלעכט. איך האָב אַ פרוי מיט דרײַ דערוואַקסענע קינדער. אָבער איך האָב צרות פון מײַנע שכנים. נישט פון די יונגע, נאָר גראַד פון עלטערן דור. אין דער ביר־האַלע האָב איך אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי איך האָב אין פוילן בעת דער מלחמה געהאָלפן אַ ייִדן, פון יענער צײַט אָן רופן זיי מיך „ייִדישער משרת" און דערגייען מיר די יאָר. אַנטלויף איך פון זיי, איך פאָר צו אײַך, קיין ישראל. אָבער בײַ אײַך איז מיר אויך נישט גוט. מען חוזקט פון מיר. ווי נאָר איך זאָג, אַז איך האָב בעת דער מלחמה געהאָלפן אַ ייִדן, הער איך ווי זיי זאָגן: „יעקע נאַר, וויל אונז פירן אין באָד אַרײַן", זיי מיינען, אַז איך פאַרשטיי נישט, וואָס זיי רעדן, און עס הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמתע געלעכטער.

מוכאַמעד: ווי זשע הייסט דער ייִד, וועלכן איר האָט געהאָלפן?

טוריסט: הע, ווען איך וואָלט געוווסט, וואָלט איך אים שוין לאַנג געהאַט אָפּגעפונען. אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס איך ווייס נישט, ווי ער הייסט. הערט, וועט איר פאַרשטיין מײַן סיטואַציע. אין 1943, אין עלטער פון 18 יאָר, האָט מען מיך גערופן צו דער מיליטער־דינסט אין מײַן היים־שטאָט האַמבורג. צוגעטיילט צו דער זשאַנדאַרמעריע און אָפּגעשיקט קיין וואַרשע. געוווען איז דאָס אין יענער צײַט, ווען גענעראַל יורגען סטראָפּפּ האָט אונטערגעצונדן דאָס געטאָ מיט די לעבעדיקע ייִדן.

דאָס האַרץ האָט מיר געשניטן פאַר ווייטיק. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איך האָב נאָר געטראַכט, ווי קאָנען מענטשן, וועלכע האַלטן זיך פאַר קריסטן, טאָן אַזאַ זאַך? ברענען מענטשן ווי שייַטלעך האָלץ? אָבער וווּ איך האָב נאָר געקאָנט, האָב איך די ייִדן געהאָלפן.

מוכאַמעד: למשל, מיט וואָס האָט איר זיי געהאָלפן?

טוריסט: געווען איז דאָס הערבסט־צייַט. דאָס געטאָ איז שוין געליגן אין חורבות. אונזער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג האָט סטאַציאָנירט אויף זשאָליבאָזש. איינמאָל אין דער פרי זאָגט צו מיר מייַן שעף, דער סיערזשאַנט ווילי, איך זאָל גיין מיט אים אויף דער פעלינסקי־גאַס. זייַן שעף, דער לויטנאַנט בעקענדאָרף, האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז אַ ייִד באַהאַלט זיך אויס בייַ אַ פּוילישער פאַמיליע. זענען מיר אַוועק אַהין. מיר האָבן געטראָפן דאָרט אַ פרוי מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 10. ווילי האָט, ווי זייַן שטייגער איז, אָנגעהויבן שרייַען, דראָען מיטן רעוואָלווער דער פרוי און דעם ייִנגעלע. און זיי האָבן אַלץ געטענהט, אַז זיי באַהאַלטן נישט אויס קיין ייִד. האָב איך געמיינט, אַז זיי זאָגן אמת. שפּעטער שיקט מיך ווילי אין קעלער אַרייַן. איז ווי זשע מיינט איר, וואָס האָב איך דערזען אין קעלער מיט מייַן עלעקטריש לעמפּל? צוויי פיס פון אַ ליגנדיקן מענטשן, אייַנגעוויקלט אין זעק פון מעל. מורא האָבנדיק אַז ווילי זאָל נישט אַראָפּגיין אין קעלער, האָב איך אויסגעשאָסן. ער איז געווען אַ גרויסער פּחדן. איך בין אַרויס פון קעלער און אים געמאָלדן, אַז אין קעלער איז קיינער נישטאָ. טאָ פון וואַנען זאָל איך וויסן דעם נאָמען פון דעם ייִדן? האַ? פון וואַנען? אָבער מייַן האַרץ זאָגט מיר אונטער, אַז דער דאָזיקער ייִד לעבט...

אַרי: אפשר געדענקט איר דעם נומער פון הויז?

טוריסט: פאַרוואָס זאָל איך נישט געדענקען? מייַן גאַנץ לעבן זע איך דעם נומער פאַר מייַנע אויגן. געווען איז דאָס פעלינסקי־גאַס 223, צוויי, צוויי, דרייַ. (אַרי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם פאָטעל און געבליבן ליגן אין חלשות... אַלע זענען צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן אים מונטערן...).

נעלי: מאַמע, מאַמע, וווּ זענען די וואַלעריאַנער טראָפּנס?

סטעראַ: (לויפט אַרייַן פון קיך) ווײ איז מיר... ווײ איז מיר, וואָס איז שוין ווידער געשען? (נעמט אַרויס פון קרעדענס אַ פלעשעלע און דערלאַנגט

נעלין. מוכאַמעד, האַנס און נעלי פאַרען זיך אַרום אַרי, וועלכער קומט צו זיך).

אַרי: (גייט צו צו האַנסן, נעמט אים אַרום און קושט אים) דאָס בין איך דער ייִד, וועלכן איר זוכט אַרום. דאָס זענט איר, מײַן פרײַנט, געווען מײַן רעטער און מוכאַמעד אַלי איז דאָס געווען זענע ייִנגעלע, יאַנעק סאָקאָלאָווסקי.

טוריסט: מיט יאָרן צוריק האָב איך אײַך, פרײַנד אַרי בן־טוב, אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן און דערמיט אויך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון דער גאַנצער פאַמיליע סאָקאָלאָווסקי. הײַנט האָט איר אָפּגעראַטעוועט מײַן נשמה. דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מײַן לעבן. אין אַלע צײַטונגען וועל איך עס געבן צו וויסן. און דער עיקר אין האַמבורג. אויף צעפּיקעניש אַלע מײַנע שונאים...

מוכאַמעד: ווער זענען מיר?

אַרי: דרײַ פרײַנט, דרײַ זין פון פיר אַנגערייצטע אויף זיך פעלקער. דרײַ אויסגעשפּילטע מענטשן אויף דער זינדיקער ערד, דרײַ מענטשן נישט פון דער וועלט. ווער דאַרף אונז האָבן?

נעלי: דרײַ פרײַנט — ריכטיק. דרײַ זין פון פיר אַנגערייצטע אויף זיך פעלקער — אויך ריכטיק, אָבער צי דרײַ אויסגעשפּילטע מענטשן אויף דער זינדיקער ערד, מענטשן נישט פון דער וועלט — דערמיט בין איך נישט מסכים. איצט איז געקומען אײַער צײַט און אײַער רייע. אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָט זיך אַנגעהויבן אַ וויסטע קאַמפּאַניע קעגן מײַן פאָטער, אַרי בן־טוב און קעגן מוכאַמעדן. מוכאַמעדס לעבן איז פּשוט אין געפאַר. לאָמיר דעריבער נישט שווײַגן. זאָל דערהערט ווערן דאָס קול פון מענטשן פון שלום און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער. לאָמיר זיך אַנטקעגנשטעלן דער ברודיקער כוואַליע פון ליגנס און צביעות. לאָמיר אויסטרינקען אַ לחיים פאַרן אמתן שלום און אמתער פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער אויף דער וועלט. פאַראַן אַסך צו טאָן. אויב איר וועט טאָן, וועט פון דער אוטאָפּיע פון הײַנט ווערן דיווירקלעכקייט פון מאָרגן.

קיין מאָל נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטשן! דער מענטש וועט תמיד בלײַבן מענטש!

(גיסט אָן פינף גלעזלעך וויַין. אַלע הייבן די גלעזלעך, מוזיק שפּילט בעטהאָווענס „די אָדע צו דער פרייד״).

פאַרהאַנג פאַלט

סוף

קאָפּנהאַגן יוני 1979

דער צווייטער שאָס
און די ווײַטערדיקע...

דראַמע אין 15 בילדער

מיט אַן עפּילאָג

עס נעמען אָנטייל:

אָרדזשאָניקידזע — פאַרשטייער פון צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע

מדיוואַני מאַכאַראַדזע צינצאַדזע אָראַכעלאַשווילי קאַבאַנידזע	}	— מיטגלידער פון צ. ק. פון דער גרוזינישער קאָמפּאַרטיי

לענין — פּאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן

דזיערזשינסקי — פאַרשטייער פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי צו פאָרשן דעם גרוזינישן ענין

קאָמיעניעוו — וויצע־פאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

פּראָפ. פערסטער דר. קערזשענצעוו דר. קראַמער	}	— לענינס דאָקטוירים

קרופּסקאַיאַ — לענינס פרוי

פאָטיעוואַ — קאַנצעליאַריע־שעף

בוכאַרין — מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

טראָצקי — מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

וואָלאָדיטשעוואַ — סטענאָגראַפיסטין

סטאַלין — גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

זינאָוויעוו — מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

ריקאָוו — וויצע־פּאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ

סקריפּניק — דעלעגאַט פון 12־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

ראַקאָווסקי — דעלעגאַט פון 12־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

טוכאַטשעווסקי — קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי

אַ שטים פון הינטער דער סצענע

אַ געשטאַלט אין אַ מאַסקע

סטאַטיסטן

דאָס ערשטע בילד

ארדזשאָניקידזע, מדיוואַני, מאַכאַראַדזע, צינצאַדזע, אָראַכעלאַשווילי, קאַבאַנידזע.

אָרדזשאָניקידזע: (שפּאַצירט איבערן צימער, די רעשט זיצט ביַי צוויי טישלעך. אויף דער וואַנט פּאָרטרעטן פון מאַרקס און לענין). הייסט עס, אַז די מערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון גרוזיע איז נישט מסכים מיט חבר סטאַלינס פּראָיעקט וועגן שאַפן דעם פּאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן. און מיר שיַינט, אַז איצט, אין 1922 יאָר איז שוין די העכסטע ציַיט צו ענדערן די ביז איצטיקע לויזע פּאַרבינדונג פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און גרינדן דעם פּאַרבאַנד, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע ראַטן־לאַנד.

מדיוואַני: חלילה וחס. קיינער פון אונז איז נישט קעגן דעם חבר סטאַלינס פּראָיעקט, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ פּאַרבאַנד פון די אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן אין גאַנצן ראַטן־לאַנד. מיט דער הויפּט־אידעע פון פּראָיעקט זענען מיר אַלע מסכים. מיר מיינען אָבער, אַז גרוזיע, אַזער־ביידזשאַן און אַרמעניע דאַרפן אין דאַזיקן פּאַרבאַנד אַריַינטרעטן דירעקט, ווי אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע ראַטן־רעפּובליקן און נישט ווי אַ פעדעראַציע פון דריַי אויטאָנאָמע רעפּובליקן. דאָס איז אַ פּרינציפּיעלער אונטערשיד. אונזערע דריַי רעפּובליקן דאַרפן זיַין רעפּרעזענטירט אינעם אַלגעמיינעם פּאַרבאַנד ווי גליַיכע מיט גליַיכע, ווי רוסלאַנד, אוקראַינע, וויַיסרוסלאַנד. מיט וואָס זענען אונזערע רעפּובליקן ערגער פון זיי?

מאַכאַראַדזע: קאַווקאַז איז נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף. מיר שטעלן פאָר מיט זיך דריַי לעבעדיקע, אומאָפּהענגיקע פעלקער, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער געקעמפט פאַר זייער נאַציאָנאַלער פריַיהייט און מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט קעגן טערקישן דעספּאָטיזם, קעגן די קאָלאָניאַלע אַספּיראַציעס פון ענגלאַנד און דער פאַרכאַפּערישער פּאָליטיק פון צאַרישן רוסלאַנד, דער תפיסה פון פעלקער. סטאַלינס פּראָיעקט רעכנט זיך אַבסאָלוט נישט דערמיט און ער באַמיט זיך ביַי די דאָזיקע פעלקער צונעמען זייער אויסגעקעמפטע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט. דאָס איז אומגערעכטיקייט.

אָרדזשאָניקידזע: חברים, אמת, איצט בין איך געקומען צו אײַך אַלס פאָרשטייער פון מאָסקווע, אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלרוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באָלשעוויקעס. אָבער מיט דיר, חבר מאַכאַראַדזע, קענען מיר זיך נישט פון הײַנט. איך בין דאָך אַ גרוזין פונקט ווי איר, און דעם קאַמף פון קאַווקאַזער פּראָלעטאַריאַט האָבן מיר, סטאַלין און איך, אויסגעטראָגן אויף אונזערע פּלייצעס נישט ווינציקער פון אײַך, חברים מדיוואַני און מאַכאַראַדזע. פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס זענט איר קעגן אַ פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע פאָרם איז צום בעסטן צוגעפּאַסט צו דער מלוכהשער אַנטוויקלונג פון די קאַווקאַזער פעלקער.

צינצאַדזע: מיט וואָס איז זי צוגעפּאַסט?

אָרדזשאָניקידזע: חבר צינצאַדזע, די פעדעראַציע שטרעבט אָפּצושאַפן די פרעמדקייט, וועלכע איז אַנטשטאַנען צווישן די פעלקער פון קאַווקאַז. מען דאַרף אײַן מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער צעריסנקייט, קריגערײַען, אינערלעכע קאַמפן, קעגנזײַטיקע שחיטות צווישן די מוזולמענער און קריסטן. געדענקען מיר דאָך גוט די שחיטה איבער די אַרמענער, וועלכע עס האָבן געמאַכט די טאָטערן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַלע ביז איצטיקע רעזשימען פון די פעאָדאַלן און פון די פעאָדאַל־בורזשואַזע הערשער האָבן געפירט אַ פּאָליטיק פון „טייל און הערש". מיר, פאַרקערט, ווילן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די דאָזיקע פעלקער פירן אַ פּאָליטיק פון דערנעענטערן די דאָזיקע צעקריגטע פעלקער, פאַרברידערן זיי, אײַנשטעלן צווישן זיי גוט־שכנישע באַציִונגען, שאַפן פאַר זיי געמיינזאַמע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צילן. און גראָד די פעדעראַציע גיט אונז די דאָזיקע מעגלעכקייטן. גראָד זי איז די בעסטע פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע פאָרם פאַר רעאַליזירן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. צי איז נישט אַזוי, חבר אָראַכעלאַשווילי?

אָראַכעלאַשווילי: איך, ווי אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון גרוזיע, בין מסכּים מיט סטאַלינען און אָרדזשאָניקידזען. מיר דאַרפן שאַפן אַזאַ מלוכהשע פאָרם, וועלכע זאָל דערנעענטערן אונזערע פעלקער. די פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער פעדעראַציע פּאַסן ווי צום בעסטן פאַר אונזערע פעלקער. אַחוץ דעם האָט די פעדעראַציע נאָך אײַן מעלה, וועגן וועלכער עס

דערמאָנט דער חבר סטאַלין אין זײַן פּראָיעקט. זי קאָסט ביליקער. די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות וועלן זײַן קלענערע. געוויסע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן וועלן ווערן פאַראייניקט, עס וועט פאַרשווינדן די אַדמי־ניסטראַטיווע דובלירונג. למשל אַנשטאָט דרײַ פינאַנס־קאָמיסאַריאַטן וועט זײַן בלויז איינער. אָזאַ אײַנשפּאָרונג גייט נישט צופוס...

מדיוואַני: די פעדעראַציע איז אַ באַשטימטע פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע פאָרם, וועלכע שאַפט אָפּ די ביז איצט עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט און מלוכהשע באַזונדערקייט פון די גרוזינער, אַזער־ביידזשאַנער און אַרמענער. פילן זיי זיך געטראָפן אין זייער נאַציאָנאַלער ווערדע. איך אָבסערוויר די טאַקטיק פון חבר סטאַלין לגבי די פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן פון קאַווקאַז. איך האָב באַמערקט, אַז ער ענדערט אָפט זײַן שטעלונג. איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז אויך דאָס מאָל עקס־פּערימענטירט דער חבר סטאַלין. און מיר זאָגן, לאָמיר זײַן פאָרזיכטיק מיט עקספּערימענטן אויפן נאַציאָנאַלן געביט. דאָס קאָן אונז טײַער קאָסטן. פאַראַן צווישן אונז אויך אַזעלכע חברים, וועלכע טראַקטירן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם בכלל ווי אַ טאַקטישע פראַגע. דאָס איז אַ פאַלשער אופן פון דענקען. וואָס שײַך די ביליקערע קאָסטן פון דער פעדעראַציע, חבר אָראַכעלאַשווילי, זעסטו נישט די צווייטע זײַט פון מעדאַל: די טײַערערע פּאָליטיש־מאָראַלישע קאָסטן. מע דאַרף געדענקען, אַז דערווײַל האָבן מיר נישט קיין אייגענעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט. די אינטעליגענץ שטייט אין אַ זײַט. אין די באַדינגען פון אַ פעדעראַציע וועט דער אַפּאַראַט נאָך מער ווערן צענטראַליזירט, דאָס הייסט נאָך מער ביוראָקראַטיזירט. טאָ וועלכע מעגלעכקייטן וועט אונז געבן די פעדעראַציע צו דערנענטערן אונזערע נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן פון קאַווקאַז? לויט מײַן מיינונג ווערט די פראַגע געשטעלט אויפן קאָפּ.

מאַכאַראַדזע: בײַ אַ פעדעראַציע וועלן די פעלקער פון קאַווקאַז נישט אָפּפילן די ענדערונגען, וועלכע די ראַטן־מאַכט האָט אַרײַנגעבראַכט אין זייער לעבן נישט סאָציאַל, נישט נאַציאָנאַל. טאָג־טעגלעך טרעפט זיך דער בירגער מיטן אַלטן באַאַמטן. די פעדעראַציע וועט אַזוי אַרום פּראַקטיש קיין שום נײַעס נישט אַרײַנברענגען. וועט שאַפן בלויז אילוזיעס. דערבײַ באַמיסטו זיך אײַנפירן דאָס נײַע מיט גרויס געאײַל. וואָלסט געוואָלט, חבר אָרדזשאָניקידזע, פאַראייניקן אונזערע פעלקער אויף אַ

מיליטערישן אופן, מיט אַ שפּרונג פון אַ פערד. זײַ פאַרזיכטיק מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. יעטוועדע צענטראַליזאַציע אין איצטיקן מאָמענט וועלן די פעלקער פון קאַווקאַז, אַפילו ווי אַ צוריקקער צו די צײַטן פון מאַטושקאַ ראָסייאַ... פון צאַר ניקאָלײַ דעם צווייטן.

אָרדזשאָניקידזע: חברים, וואָס טוט זיך דאָ? איר רעדט דאָך שוין פולשטענדיק מיט דער שפּראַך פון די גרוזינישע נאַציאָנאַליסטן. אײַער שטעלונג איז אַ בולטער נאַציאָנאַליסטישער אָפּנייג, איר זענט געוואָרן סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטן.

צינצאַדזע: איך מײַן, חבר אָרדזשאָניקידזע, אַז מיטן באַצייכענען אונז אַלס נאַציאָנאַליסטן האָסטו אַרײַנגעפירט אין דער דיסקוסיע אַ פרעמדן טאָן. האָסט פאַקטיש איבערגעריסן די פּאַרטייאישע דיסקוסיע און אונז געשטעלט אין דער לאַגע פון באַשולדיקטע אין נאַציאָנאַליזם. האָסט נאָך נישט אײַנגעפירט די פעדעראַציע, אָבער שוין אָוועקגעשטעלט אונז אויסער דער פּאַרטיי, האָסט שוין דערנידעריקט אונזער פּראָלעטאַרישע ווערדע. איך ווייס נישט, ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט דערויף...

קאַבאַנידזע: (שטייט אויף פון אָרט און דערנענטערט זיך צו אָרדזשאָניקידזע) ביז איצט האָב איך געשוויגן און זיך צוגעהערט צו אײַער שמועס. נאָר אַלץ האָט אין מיר געקאָכט. מיט דײַן באַשולדיקן אונז, אַז מיר זענען סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטן, האָסטו אונז טיף באַליידיקט. ווי דו זאָלסט האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען פּאַרטיי־חברים. ווי שנעל דו ביסט אַרײַן אין דער ראָל פון אַ צאַרישן באַאַמטן...

אָרדזשאָניקידזע: וואָס האָסטו געזאָגט?

קאַבאַנידזע: דאָס וואָס דו האָסט געהערט. דאָס זאָגט דיר אַן אַרבעטער פון דור־דורות...

אָרדזשאָניקידזע: ביסט אַ מנוּבל...

קאַבאַנידזע: ביסט אַליין אַ מנוּבל, דו הורן־זון...

(אָרדזשאָניקידזע לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש... קאַבאַנידזע כאַפּט אַ בענקל און הייבט עס אויף אויף אָרדזשאָניקידזע. די חברים האַלטן אים אײַן. עס הערן זיך שטימען): צוליב דעם ביסטו געקומען פון מאָסקווע, כדי צו שלאָגן חברים איבערן פּנים. אַ חרפּה און אַ שאַנדע... (אָרדזשאָניקידזע פאַרלאָזט דאָס צימער).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס צווייטע בילד

לענין, דזיערזשינסקי

לענין: איך האָב געהערט, אַז איר זענט געווען אין טיפליס און געפאָרשט דעם גרוזינישן ענין, וואָס אינטערעסירט מיך, וואָס אינטערעסירט מיך זייער שטאַרק. דעריבער האָב איך אײַך פאַרבעטן צו זיך, כדי אויסצוהערן אײַערע אײַנדרוקן, אײַערע פאָרשלאָגן.

דזיערזשינסקי: אמת, דער חבר סטאַלין האָט מיר אָנפאַרטרויט אַ נישט דאָנקבאַרע מיסיע. איז וואָס־זשע קאָן איך אײַך זאָגן, חבר לענין, מיטן פאָרשלאָג וועגן אײַנפירן אַ פעדעראַציע פאַר די קאַווקאַזער פעלקער און געבן זיי אויטאָנאָמיע אין אירע ראַמען, בין איך פולשטענדיק מסכים מיטן חבר סטאַלין און חבר אָרדזשאָניקידזע. זיי זענען גערעכט. אָבער אָרדזשאָניקדזעס אויפפירונג אין טיפליס האָט אַביסל קאָמפּליצירט דעם ענין. די דיסקוסיע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר אידעיִש־פּאָליטישער פלאַך און אָנגענומען אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. די אָרטיקע גרוזינער פילן זיך באַליידיקט, כאָטש מע דאַרף אויך פאַרשטיין דעם חבר אָרדזשאָניקידזע. אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש. ווען מע וואַרפט פאַר אַן אַלטן באָלשעוויק, אַז ער איז אַ צאַרישער באַאַמטער, ווייס איך נישט, ווי איך וואָלט זיך געהאַלטן...

לענין: דאָס הייסט, אַז איר פאַרטיידיקט אָרדזשאָניקידזע.

דזיערזשינסקי: איך פאַרטיידיק אים נישט, נאָר איך האַלט, אַז מען דאַרף אַמאָל פאַרשטיין אַ מענטשן אין אַ באַשטימטער סיטואַציע. דערבײַ דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם טעמפּעראַמענט פון די גרוזינער.

לענין: איר זענט נישט גערעכט, חבר פעליקס, איןביידע פאַלן. אָבער אין אַלץ איז שולדיק דער חבר סטאַלין, וואָס האָט ער זיך אַזוי געאײַלט מיט דער פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע פאַר די קאַווקאַזער פעלקער. איך האָב אים תיכף געזאָגט, ווי נאָר איך האָב איבערגעלייענט זײַן פּראָיעקט.

דזיערזשינסקי: סטאַלין האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אויך פאַר אַ פעדעראַציע.

לענין: אמת, איך בין אויך געווען פאַר אַ פעדעראַציע, נאָר אונטער דעם באַדינג, אַז זי זאָל קיינעם נישט אָנגעוואָרפן ווערן פון אויבן, פון מאָסקווע. ווען די פעלקער פון קאַווקאַז וואָלטן זי אַליין פאָרגעלייגט,

וואָלט געווען גוט. אָבער פון אויבן און קעגן זייער ווילן, דאָס ניין. מיט אַזאַ פעדעראַציע בין איך אויך נישט מסכים.

דזיערזשינסקי: די אַזערביידזשאַנער און אַרמענער זענען מסכים מיט איר, בלויז די גרויזינער שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

לענין: בלויז לפנים זענען זיי מסכים, אָבער וואָס טראַכטן זיי אין האַרצן, דאָס ווייסט קיינער נישט. גאַנץ פשוט, זיי האָבן נישט די דרייסטקייט פון די גרוזינער.

דזיערזשינסקי: און מיר דאַכט זיך, אַז דערמיט ווייַזן אַרויס די גרוזינער נאַציאָנאַלע גאוה...

לענין: און דאָס זאָגט דער פּאָליאַק, פעליקס דזיערזשינסקי... דאָס האָט איר דאָך צוזאַמען מיט ראָזע לוקסעמבורג און מאַרכלעווסקין, איך מיין דאָ די פּוילישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע, פאַרשפּילט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין פּוילן אין 1918 בלויז דערפאַר, וואָס איר האָט אין משך פון 20 יאָר געשפּייַזט דאָס פּוילישע פאָלק מיטן לאָזונג פון אויטאָנאָמיע, בעת מיר, באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט פאַרן פּוילישן פאָלק דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג ביז אָפּרייַסן זיך פון צאַרישן רוסלאַנד. דאָס האָט דאָך יוזעף פּילסודסקי אויסגענוצט די נאַציאָנאַלע געפילן פון די פּאָליאַקן און מיט דער הילף פון די סאָציאַליסטן־רעפאָרמיסטן פפס און פון די פויערים־פּאַרטייען איינגעשטעלט די בורזשואַזע אָרדענונג איז פּוילן.

דזיערזשינסקי: איר זענט גערעכט, חבר לענין. אין פּוילן איז די אידעע פון אויטאָנאָמיע געווען אַ פאַלשע, ווייַל זי האָט געזאָלט זיך רעאַליזירן אין די ראַמען פון דער צאַרישער אימפעריע, אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אָבער דער פּראָיעקט פון חבר סטאַלין זעט פאָר די אויטאָנאָמיע פאַר די פעלקער פון קאַווקאַז אין די באַדינגונגען פון דער ראַטן־מאַכט. איז וואָס פאַר אַן עוולה קאָן געשען די דאָזיקע פעלקער?

לענין: און ווער גיט אייַך די גאַראַנטיע, אַז די ראַטן־מאַכט קאָן נישט טאָן אַן עוולה די נאַציעס און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אונזער ראַטן־לאַנד? מען קאָן אונז אַפילו פאָרוואַרפן אימפעריאַליסטישע טענדענצן. אונזער מלוכהשער אַפּאַראַט איז דאָך אין תוך גענומען דער אַלטער צאַרישער אַפּאַראַט, בלויז אויבן באַדעקט מיט אַ רויטן לאַקיר. אויסער

דעם גיבן זיך אונטער געוויסע אונזערע חברים פון צענטראַלן אַקטיוו, אומבאוווסט פאַר זיי גופא, די אַדמיניסטראַטיווע שטימונגען און געוויינשאַפטן פון גרויסרוסישן שאָוויניסט, סאַטראַפּ, מנובל, פּאַדליעץ, פאַרגוואַלדיקער און וואָס האַלט אַלעמען פאַרן פּיסק. טאַקע דערפאַר האָבן מורא די גרוזינער, די חברים פון קאַווקאַז, שטאַרק געפּרוווטע אויף דעם געביט...

דזיערזשינסקי: צי האַלט עס טאַקע אַזוי שלעכט מיט געוויסע חברים פון אונזער צענטראַלן אַקטיוו? אויף וואָס שטיצט איר אײַער מיינונג, חבר לענין?

לענין: מײַן מיינונג וועגן די דאָזיקע טוער האָט איר נישט ווי געהעריק פאַרשטאַנען. זייער שטעלונג נעמט זיך נישט פון זייער כאַראַקטער אָדער פון חברן זיך מיט די צאַרישע שאָוויניסטן און סאַטראַפּן, פאַרגוואַלדיקער און וואָס הייסן האַלטן דעם פּיסק. ניין. גאַנץ פּשוט, זיי פאַרשטייען נישט, אין וואָס עס באַשטייט די גלײַכבאַרעכטיקונג פון די פעלקער אין אונזערע איצטיקע באַדינגען. זיי ווײַזט זיך אויס, אַז עס איז גענוג אָנצושרײַבן אין אונזער נײַער קאָנסטיטוציע, אַז אַלע פעלקער זענען גלײַך און אַלץ איז וווּיל און גוט און פון הײַנט אָן וועט אָנהייבן הערשן פרײַהייט און ברידערלעכקייט צווישן די פעלקער אין אונזער ראַטן־לאַנד. אַ ניין, אַזוי איז דאָס נישט!

דזיערזשינסקי: איז וואָס־זשע בלײַבט נאָך צו טאָן, כדי צו רעאַליזירן די נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג אין דער פּראַקטיק? דאָס האָט טאַקע אין זינען דער חבר סטאַלין מיט זײַן פּראָיעקט פון פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע. זיי קאָנען פאַרזיכערן די גלײַכבאַרעכטיקונג.

לענין: דאָס איז נישט אַזוי. כדי עס זאָל אַנטשטיין נישט בלויז די פאַרשריבענע אין דער קאָנסטיטוציע גלײַכבאַרעכטיקונג פון די פעלקער, נאָר אין לעבן, אין דער פּראַקטיק, דאַרף מען שאַפן, אַזוי צו זאָגן, אַ מין אומגלײַכקייט. מען דאַרף אַלע פעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע זענען אין משך פון הונדערטער יאָרן געוועזן געשעטיקט און געדריקט דורכן גרויסמעכטיקן רוסישן פאָלק, די דאָזיקע פעלקער דאַרף מען איצט געבן פּריווילעגיעס אויפן געביט פון עקאָנאָמיע, נאַציאָנאַלע קולטור, שפּראַך, שול, אייגענע מלוכהשקייט אדגל. אאַוו. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר אָנטקעגן קומען זייערע איצטיקע באַדערפענישן און מיר וועלן זיי אויסגלײַכן פאַקטיש און נישט אויפן פּאַפּיר. אין דער דאָזיקער סיטואַציע

איז דער גרויסמעכטיקער רוסישער נאַציאָנאַליזם זייער געפערלעך. אים דאַרף מען אויסראָטן מיט אַלע מיטלען.

דזיערזשינסקי: און דעם נאַציאָנאַליזם פון די קלענערע פעלקער דאַרף מען נישט באַקעמפן?

לענין: אין איצטיקן מאָמענט איז דער נאַציאָנאַליזם פון די קלענערע פעלקער נישט געפערלעך.

דזיערזשינסקי: און מיר דאַכט זיך, אַז יעטוועדער נאַציאָנאַליזם איז געפערלעך, און סטאַלינס טעזע אין זײַן פּראָיעקט, אַז עס דאַרף געפירט ווערן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן, איז אַ ריכטיקע.

לענין: ניין. זי איז נישט קיין ריכטיקע. ערשטנס, ווען מיר וועלן אַ קלאַפּ טאָן און שטיל מאַכן דעם גאָר געפערלעכן גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם, וועלן מיר במילא אָפּשוואַכן דעם נאַציאָנאַליזם פון די קלענערע פעלקער, וועלכער שפּײַזט זיך מיטן גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם. צווייטנס, די פּריווילעגיעס, וועלכע מיר וועלן שענקען די קליינע פעלקער, וועלן אַרונטערריַיסן יעטוועדן יסוד, וואָס באַגינסטיקט די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַליזם פון די קליינע פעלקער.

דזיערזשינסקי: דאָס איז עפּעס אַ מין טאָלסטאָיאַנישע טעאָריע פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם בייזן דורך קאַמף, נאָר מיט גוטס. איך פאַרשטיי עס נישט.

לענין: האָב איך דאָך טאַקע פריִער באַמערקט, אַז די פאַלשע שטעלונג פון געוויסע חברים איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון נישט פאַרשטיין די איצטיקע סיטואַציע. איר קאָנט אָנרופן מײַן אָפּשאַצונג ווי איר ווילט, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. וואָס שייך דער האַלטונג פון אָרדזשאָניקידזע. איר זאָגט, אַז אַ מענטש איז מער נישט ווי מענטש. אויך אין דעם ענין בין איך מיט אײַך נישט מסכים. אָרדזשאָניקידזע איז געקומען צו פאָרן קיין טיפליס נישט אויף אַ חתונה פון זײַנעם אַ גוטן פרײַנט, נאָר ווי אַן אָפיציעלער פאָרשטייער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי... ווי ער זאָל זיך נישט האָבן געפילט געטראָפן, מחמת דער שאַרפער אַרויסטרעטונג פון אַן אָרטיקן חבר, האָט ער זיך נישט געטאָרט דערלויבן אויף שלאָגן. אַחוץ דעם האָט ער זיך געשטעלט אין דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר, שלײַדערנדיק אויף רעכטס און לינקס אַזעלכע עטיקעטן, ווי „סאָציאַל-נאַציאָנאַליזם", בשעת די פּאַרטיי האָט די דאָזיקע

פראַגע נאָך נישט באַטראַכט, און ס'איז נאָך נישט באַשטימט, ווער עס איז באמת דער טרעגער פון אַ נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער פּאַרטיי. זײַן האַלטונג איז געווען אַ קאָמפּראָמיטאַציע אין אַלע הינזיכטן. זי דאַרף ווי צום שאַרפסטן געשטעמפּלט ווערן. זי קאָן נישט געמילדערט ווערן מיט קיין שום פאַרענטפערונגען.

דזיערזשינסקי: איך וועל אַ טראַכט טאָן איבער דעם, וואָס איך האָב געהערט פון אײַך. צום ווידערזען.

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס דריטע בילד

לענין, קאַמיעניעוו

לענין שפּאַצירט נערוועז איבערן צימער מיט אַ באַנדאַזש אויפן קאָפּ. פון צײַט צו צײַט כאַפּט ער זיך פאַר דער באַק.

לענין: אַזוינס זאָל קאָנען געשען בײַ אונז אין דער פּאַרטיי, אומפאַר־שטענדלעך. איך געדענק, אויף דער עמיגראַציע, אין דער שווייץ, אין פּאַריז פלעגן אָפט אויסברעכן קריגערײַען, אַפילו געשלעגן, אָבער אין 1922 אין אונזער פּאַרטיי, אין די באַדינגען פון דער ראַטן־מאַכט, צווישן חברים, אַזאַ אַוואַנטורע? דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל. באמת, עס פעלט אונז אַ גאָגאָל, מיר דאַרפן אים זייער נייטיק האָבן, כדי ער זאָל אונז די נײַע, סאָוועטישע ביוראָקראַטן באַשרײַבן.

קאַמיעניעוו: אָבער צו וואָס דאַרפט איר זיך אויפרעגן? דאָס שאַדט דאָך אײַער געזונט.

לענין: ווי זאָל איך זיך נישט אויפרעגן? נאָכן ענין פון אויסערן־האַנדל, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערליידיקן מיט דער הילף פון די חברים טראָצקי און קראַסין — האָט זיך די גרוזינישע פראַגע אַרויסגערוקט פאַר דער פּאַרטיי ווי איר צענטראַל פּראָבלעם. איבעריקנס איז זי געוואָרן אַן ענין נישט בלויז פאַר גרוזיע. פון איר לייזונג איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער רעוואָלוציע אויפן גאַנצן מזרח, דער

גורל פון די פעלקער פון אַזיע, וועלכע וועקן זיך צום קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייַונג. דער ענין פון גרוזיע לאָזט מיך נישט צו רו.

קאַמיעניעוו: אָבער איצט האָט איר שוין, חבר איליטש, אַ פול בילד פון דער סיטואַציע. בייַ אייַך איז דאָך געווען דער חבר דזיערזשינסקי, ער האָט אייַך געגעבן אַ רעלאַציע.

לענין: יאָ, איך זע, ווי טיף מיר קריכן אין דער בלאָטע. סטאַלין, אָראָזשאָניקידזע, דזיערזשינסקי עט סעטעראַ, זיי, אונזערע רוסיפיצירטע טוער, זענען געוואָרן פּויפּסטלעכער פונעם פּויפּסט. זיי וואַרפן פאַר די גרוזינישע חברים, מדיוואַני, מאַכאַראַדזע, צינצאַדזע אַן אָפּנייג אין דער זייַט פון גרוזינישן נאַציאָנאַליזם, בשעת פאַקטיש זענען זיי גופא די טרעגער און דורכפירער פון אַ נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג. נאָר פון דעם גרויסרוסישן, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר איצט די גרעסטע געפאַר פאַרן ראַטן־לאַנד.
(כאַפּט זיך פאַר דער באַק).

קאַמיעניעוו: איך האָב שוין פריִער געוואָלט פרעגן: וואָס איז מיט אייַער באַק ?

לענין: דאָס איז טאַקע די מעשה. נאָך ווייניק די קאָפּ־ווייטיקן, וואָס איך האָב, זענען לעצטנס צוגעקומען ציין־ווייטיקן. צי ווייסט איר, טייַערער חבר, צוליב וואָס איך האָב אייַך פאַרבעטן צו מיר ?

קאַמיעניעוו: איך ווייס נישט. איך מייַן, איר האָט געוואָלט סתם כאַפּן מיט מיר אַ שמועס.

לענין: אַ ניין. צוליב אַ פּשוטן שמועס וואָלט איך אייַך נישט אָפּגעריסן פון אייַער אַרבעט. איר אַרבעט דאָך איצט אויך פאַר מיר. איך האָב אייַך גערופן צו זיך, כדי אייַך אָנפאַרטרויען דעם גרוזינישן ענין.

קאַמיעניעוו: אָבער דאָס איז נישט מעגלעך. איך האָב אַזוי אויך אַסך נישט דערטוענע אַרבעט. קיינער וועט פאַר מיר מייַן אַרבעט נישט טאָן. דאָס, וואָס איר לייגט פאַר, איז אוממעגלעך.

לענין: איך ווייס דערפון. איר זענט גערעכט. אָבער איך בעט אייַך זייער, טוט דאָס פאַר מייַן רו, פאַר מייַן געזונטסוועגן. טייַערער באָריס דאַווידאָוויטש, קלייַבט אייַך צו נאָך אַ פאָר מיושבדיקע חברים, שטעלט אויף אַ נייַע קאָמיסיע און פאָרשט אויס גרינטלעך און אָביעקטיוו דעם גאַנצן ענין. איך וויל האָבן אַ גוטן מאַטעריאַל. איך וויל באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראַגע אין די באַדינגען פון דער ראַטן־מאַכט אויפן 10טן

צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן און אויפן 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי. און ווען מען וועט מיר אַרויסרײַסן דעם קראַנקן צאָן, וועל איך מיט די רעשט מײַנע ציינער אויפעסן דעם גרויסרוסישן, גרויסמעכטיקן נאַציאָנאַליזם און צוזאַמען מיט אים אויך זײַן ווידער־קול אין אונזער פאַרטיי. און די גרוזינישע חברים גריסט האַרציק פון מיר און זאָגט זיי, אַז איך בין מיט זיי.

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס פערטע בילד

לענין, די דאָקטוירים: פערסטער, קערזשענצעוו, קראַמער און קרופּסקאַיאַ, פאָטיעוואַ

לענין: (דאָס פּנים זײַנס איז בלאַסער, אָפּגעצערט. זיצט אין אַ ווענעלע און פאָרט מיט אים נערוועז איבערן צימער. שטופּנדיק עס מיט דער לינקער האַנט, צײַטנווײַז דרייענדיק דערמיט אַרום זײַן אַקס). חשובע דאָקטוירים, וואָס ווילט איר פון מיר מאַכן? אמת, שרײַבן קאָן איך שוין נישט אַליין (הייבט אויף די אַראָפּפאַלנדיקע רעכטע האַנט), גיין קאָן איך שוין אויך נישט (פּרוּווט באַוועגן זײַן פּאַראַליזירטן רעכטן פוס). אָבער דער קאָפּ אַרבעט נאָך. אויפן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן דעם 18־טן דעצעמבער בין איך שוין נישט געווען, דער פּאַראַליזש איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג. אָבער אויפן פּאָליט־ביוראָ מוז איך רעפערירן צוויי ענינים: דעם גרוזינישן ענין און דאָס פּראָבלעם פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־אינספּעקציע. עס איז אַנטשטאַנען אַ קאָנטראָווערסיע... איך מוז נאָך פאַרעפנטלעכן אַ רייע אַרטיקלען. איך מוז נאָך צוגרייטן אַ קורצע רעדע צום 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי, וואָס וועט פאָרקומען דעם 23־טן מערץ 1923, בקיצור, איך מוז און מוז — און איר, טײַערע פרײַנט, דאָקטוירים, לייגט מיר פאָר אַבסאָלוטע רו, איך זאָל זיך אַריבערציִען פון מאָסקווע אין די גאָרקעס, איך זאָל נישט אויפנעמען קיין חברים, דאָס הייסט איר רעקאָמענדירט מיר איך זאָל ווערן גאָרנישט. ניין, דערויף וועל איך מײַן הסכּמה נישט געבן, טײַערע פרײַנט, ניין, איך וועל נישט געבן.

פראָפ. פּערסטער: און דאָס זאָגט לעניִן, די פאַרקערפּערונג פון רעאַליזם? איצט, נאָכן אטאַק, וואָס האָט אײַך פּאַראַליזירט, מוזט איר, טײַערער פרײַנט, זיך אָפּזאָגן פון אַלע אײַערע פּלענער. איר מוזט אַרויס־פאָרן פון מאָסקווע און בלויז רוען און רוען. קיין שום אַרבעט, נישט קיין פּאָליטישע, נישט קיין ליטעראַרישע.

לעניִן: דאָס איז נישט מעגלעך, דאָס איז אויסגעשלאָסן. כּל־זמן מײַן קאָפּ אַרבעט נאָך, וועל איך קיין מומיע נישט ווערן. דאָס מוזט איר פאַרשטיין, טײַערע פרײַנט.

דר. קערזשענצעוו: לאָזט אײַך דינען, חבר לעניִן. אַלץ, וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן, איז פאַר אײַער געזונטסוועגן. מיר ווילן אײַך העלפן אין רעאַליזירן אײַערע פּלענער, ליטעראַרישע און פּאָליטישע, אָבער אויף אַ געוויסע צײַט מוזט איר זיך איזאָלירן פון אַלץ. אָבער די פאַרהנחה פון אַזאַ היילונג מוז זײַן די אַבסאָלוטע רו. איר שרײַבט דאָך אַליין וועגן נעפּ, חבר לעניִן, אַז כּדי אַמאָל צו געבן אַ שפּרונג פאָרויס, מוז מען זיך אַביסל צוריקציִען, איצט לעבט איר איבער אַזאַ פּעריאָד, איר מוזט זיך צוריקציִען אויף אַ געוויסע צײַט.

לעניִן: איך דאַנק אײַך זייער פאַר דעם אויפמערקזאַם לייענען מײַנע אַרטיקלען וועגן נעפּ. נאָר מיר שײַנט, אַז דער פאַרגלײַך איז דאָ אַביסל אָנגעצויגן. דאָס צוריקציִען זיך פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און מיליטעריש איז אַ באַשטימטע פאָרם פון האַנדלונג, פון טעטיקייט. וואָס פאַראַ פאָרם פון טעטיקייט לייגט איר מיר פאָר, מײַנע טײַערע פרײַנט? קיין שום. איך בין מסכּים צו באַגרענעצן דעם פאַרנעם און די צײַט פון מײַן, מ׳שטייענס געזאָגט, טעטיקייט, אָבער לחלוטין פון איר זיך אָפּזאָגן, דאָס נישט! דאָס איז אויסגעשלאָסן! אַ שאָד אײַערע רייד און צײַט.

דר. קראַמער: מיר האָבן באַטראַכט פאַרשידענע וואַריאַנטן פון היילן אײַך און קיין בעסערן האָבן מיר נישט געפונען אויף אויפצוהאַלטן דעם פּאַראַליזש. אײַער קאָנקרעטער צושטאַנד פון דער קראַנקהייט האָט אונז דיקטירט אונזער איינשטימיקן באַשלוס. אין דער מעדיצין ווערט אויך פּראַקטיצירט די דיאַלעקטיק. דאָס איז זיכער פאַר אײַך קלאָר. איר זענט דאָך איר מײַסטער.

לעניִן: אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, נאָר איך קאָן, לײַדער, נישט אָפּדאַנקען מיט אַ קאָנטרקאָמפּלימענט. ניין, איך בין נישט מסכּים. איך

וועל קיינמאָל נישט מסכּים זײַן, איך זאָל זיך אַליין פאַרמשפּטן אויף אַ גײַסטיקן פּאַראַליזש. סײַדן... עמיצער איז אין דעם פאַראינטערעסירט. ניין, איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טאָן. איך קען נישט... איך וויל נישט... (הייבט אָן נערוועז פאָרן מיטן וועגעלע איבערן צימער) דערהרגעט מיך שוין איצט, דערהרגעט מיך... דערהרגעט מיך... (שרײַט אַלץ העכער, היסטעריש. ווערט אָפּגעשוואַכט פון מידקייט).

קרופּסקאַיאַ: וואָלאָדיאַ, טײַערער וואָלאָדיאַ, באַרויִק זיך (דערלאַנגט אים אַ טאַבלעטקע מיט וואַסער. ביסלעכווייז באַרויִקט ער זיך).

פּראָפ. פערסטער: אַלזאָ מאָרגן פאָרט איר אַרויס אין די גאָרקעס אויף אַן אַבסאָלוטער אָפּרו.

לענין: אין די גאָרקעס קאָן איך פאָרן, אָבער נישט אויף אַבסאָלוטער רו. ניין, און טויזנט מאָל ניין. איצט וועל איך אײַך שטעלן באַדינגען: 30—40 מינוט טעגלעך דיקטיר איך טעקסטן. יעדן צווייטן טאָג נעם איך אויף געסט אויף 10 מינוט. בוכאַרינען אויף 20 מינוט.

פּראָפ. פערסטער: ניין, מיר קאָנען די דאָזיקע באַדינגען נישט אָננעמען. זיי זענען אין סתירה מיט וועלכער עס איז מעדיצינישער לאָגיק.

לענין: אויב אַזוי דערקלער איך אַ שטרײַק. איך רעזיגניר פון וועלכער עס איז קוראַציע, און איך בעט מער נישט קומען צו מיר, מײַנע טײַערע פרײַנט. איך באַפרײַ אײַך פון וועלכע עס איז פליכטן לגבי מיר. איך דאַנק אײַך פאַר דער ביז איצטיקער זאָרג וועגן מיר. (אַן אַלגעמיינע קאָנסטערנאַציע. עס ווערט אומהיימלעך שטיל. אין אַ פּאָר רגעס אַרום הייבן אָן די דאָקטוירים צו פליסטערן צווישן זיך).

דר. קערזשענצעוו: דערלויבט אונז אָפּצוהאַלטן אַ קאָנסיליום (גייען אַוועק אין אַ זײַט). מיר נעמען אָן אײַערע באַדינגען, אָבער אָן וועלכע עס איז איבערשרײַטונגען פון אײַער זײַט.

לענין: אָפּמאַך איז אָפּמאַך (אַן אויפגעלעבטער דרייט ער דאָס וועגעלע אַרום זײַן אַקס). איך דאַנק אײַך זייער, טײַערע פרײַנט. און כּדי איר זאָלט שוין זײַן פולשטענדיק זיכער, באַשטימט מײַן נאַדיעזשדאַ אַלס פעלד־מאַרשאַל. זי וועט מיך שוין צוהיטן. מסכּים נאַדיעגקאַ? (לאַכט הויך, און אין אַ רגע אַרום שוין ערנסט): חברטע פּאַטיעוואַ!

פּאַטיעוואַ: (דערנעענטערט זיך צו אים): איך הער אײַך, חבר לענין.

לענין: מאַכט אַ ליסטע פון דעזשורן פון די מיטאַרבעטער פון אונזער ביוראָ. צווישן זיי דאַרף זײַן אומבאַדינגט די חברטע וואָלאָדיטשעוואַ.
מען וועט דאַרפן סטענאָגראַפּירן. (עס ווערט שטיל. אַלע שטייען איף זייערע ערטער ווי פאַרשטיינערטע).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס פינפטע בילד

לענין, בוכאַרין

לענין: (אַרומפאַרנדיק מיטן וועגעלע איבער אַ נײַ צימער. קיין פאַרטרעטן נישט פאַראַן. בוכאַרין גייט נאָך נאָכן וועגעלע). איך פאַרשטיי נישט די לאָגיק פון די דאָקטוירים. זיי קאָנען מיך צווינגען צו פאַרקלענערן די צײַט פון לייענען צײַטונגען, צו פאַרקירצן די צאָל געסט, וועלכע ווילן מיך באַזוכן, צו רעדוצירן דעם פאַרנעם פון טעקסטן, באַשטימטע צום דרוקן, און דאָס אַלץ מיטן ציל, איך זאָל וואָס מער רוען. דאָס אַלץ איז נייטיק פאַר מײַן געזונט... (לאַכט). אָבער ווי קאָנען זיי צווינגען מײַן מוח, ער זאָל אויפהערן צו דענקען? אויף וועלכן אופן? צי האָבן זיי אויסגעפונען אַ מיטל אויפצוהאַלטן דאָס מענטשלעכע דענקען? סײַדן דורך נאַרקאָזע. אָבער אָן איר? זיי פאַרשטייען נישט אַזאַ קלייניקייט, אַז וואָס שטאַרקער עס זענען די באַגרענעצונגען, אַלץ מער לעב איך איבער און אין רעזולטאַט דערגרייכן זיי פונקט אַ פאַרקערטן ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט. עס טרעפט, אַז צײַטנווײַז דערלאָז איך אַ ווילדן געדאַנק, אַז די דאָקטוירים זענען געוואָרן אַ געצײַג אין עמיצנס הענט... אָבער גענוג מיטן באַרעדן די דאָקטוירים. פשוט, זיי זענען קנעכט פון זייער פּראָפעסיע. זיי זענען נישט בלויז דאָקטוירים, נאָר דאָקטרינערן... (לאַכט). צי ווייסט איר צוליב וואָס איך האָב אײַך פאַרבעטן צו מיר?

בוכאַרין: גענוי ווייס איך נישט, נאָר איך בין זיך משער. איר ווילט מסתמא איך זאָל עפּעס טאָן פאַר אײַך, נישט אמת?

לענין: קודם וויל איך זאָגן, אַז איך האָב אײַך ליב. איך האָב אַ גרויס פאַרגעניגן, ווען איך שמועס מיט אײַך. אײַער אָנוועזנהייט איז די בעסטע

רפואה פאַר מיר. צווייטנס זענט איר טאַלענטירט אויפֿן געביט פֿון טעאָריע. אָט איז אַ בײַשפּיל: נעפּ. אַלע פאַרשטייען אים לויט זײַן נאָמען: נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דאָס הייסט, אַז הײַנט קאָן זײַן אײן עקאָנאָמישע פּאָליטיק, מאָרגן — אַ צווייטע, איבערמאָרגן — גאָר אַן אַנדערע. קומט איר און גיט אַ זאָג: „נעפּ איז אַ נײַע עקאָנאָמישע סטראַטעגיע, אויס־גערעכנט אויף אַ לאַנגן צײַט־פּעריאָד". וואָס פֿאַראַ פּרעכטיקע פֿאָרמולירונג דאָס איז. אײַך קומט אַ מעדאַל פֿאַר דער דאָזיקער סינטעטישער אויפֿפֿאַסונג.

בוכאַרין: צי האָב איך געקאָנט אַנדערש פֿאָרמולירן? איר שרײַבט דאָך אַליין: „אויף לאַנג און ערנסט געמיינט". הייסט עס, אַז עס איז נישט קיין טאַקטיק, נאָר אַ סטראַטעגיע. דאָס איז זייער פּשוט.

לענין: פֿאַר אײַך איז דאָס פּשוט, און אַנדערע קריכט עס נישט אין קאָפּ אַרײַן. אָבער אײַער טאַלענט היט אײַך נישט אויס פֿון פּאָליטישע פֿעלערן. צײַטנווײַז זענט איר ווערט שמיץ. ווי למשל אײַער אונטערהאַלטן סטאַלינס פֿאָרשלאַג וועגן אָפּשאַפֿן דעם מאָנאָפּאָל אויפֿן אויסערן־האַנדל. צום גליק האָט איר נאָך אײַן מעלה. איר זענט נישט קיין דאָקטרינער, איר פֿאַרריכט שנעל אײַערן אַ פֿעלער. מיך באַאומרויִקט לעצטנס דער גרוזינישער ענין. איר האָט דאָך מסתּמא געהערט וועגן אים.

בוכאַרין: געהערט, געהערט, אַזש אין קאָפּ שווינדלט מיר פֿון אים. איך בין פֿולשטענדיק מסכּים מיט אײַך. גערעכט זענען מדיוואַני און זײַנע חברים.

לענין: איז זייער גוט, וואָס איר זענט אויף מײַן זײַט. וואָס שײַך דזיערזשינסקין, האָט ער זיך אײַנגעשפּאַנט אין רײַטוואָגן פֿון סטאַלינען. האָב איך געבעטן דעם חבר קאַמיעניעוו, ער זאָל זיך שטעלן אין שפּיץ פֿון אַ נײַער קאָמיסיע, אַראָפּפֿאָרן קיין טיפֿליס און געניו אויספֿאָרשן דעם ענין אויף אָן אָרט. איז ער אַוועקגעפֿאָרן... און ווי אין וואַסער אַרײַן... בין איך ווידער אומרויִק צוליבן גורל פֿון דעם ענין. אפֿשר האָט סטאַלין אויך אים שוין איבערגעצויגן אויף זײַן זײַט. איך געדענק, ווי אין 1917, ביז מײַן קומען קיין רוסלאַנד פֿון דער שווייץ, האָט קאַמיעניעוו געשטיצט די פֿאַלשע שטעלונג פֿון סטאַלינען צו קיערענסקיס רעגירונג. דעריבער וואָלט איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט זיך אונטנאָרום דערוויסן, מיט וואָס איז קאַמיעניעוו געקומען פֿון טיפֿליס, איך מײַן זײַן שטעלונג

צום גרוזינישן ענין. איך קאָנספּירירט מיט אײַך (לאַכט). איר האָט פאַר־שטאַנען ?...

בוכאַרין: אַז קאָנספּיראַציע, איז קאָנספּיראַציע... (ביידע לאַכן).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס זעקסטע בילד

לענין, טראָצקי

לענין: (מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ). איך פריי זיך, וואָס איר זענט געקומען, חבר טראָצקי. איך וויל אויסדריקן אײַך מײַן האַרציקן דאַנק פאַר דער הילף, וואָס איר האָט מיר אַרויסגעוויזן אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אין דער פראַגע פון אײַנהאַלטן אונזער מאָנאָפּאָל אינעם אויסערן־האַנדל. אָן אײַך וואָלט זיך נישט אײַנגעגעבן צו ענדערן דעם פריִערדיקן פאַלשן באַשלוס פון פּאָליט־ביוראָ.

טראָצקי: ניין, חבר לענין. איר שאַצט איבער מײַן ראָל אין בטל מאַכן דעם פריִערדיקן פאַלשן באַשלוס פון פּאָליט־ביוראָ. די מערהייט פון ביוראָ האָט אויך פריִער גוט געוווסט מײַן נעגאַטיווע שטעלונג צו איר פאָרשלאָג. פונדעסטוועגן האָט די מערהייט חברים זיך נישט צוגעהערט צו מײַנע וואָרענישן. מיט סטאַלינען איז אַזוי, אַז אויב איך פאָרנעם למשל אין אַ באַשטימטער פראַגע אַ געוויסע שטעלונג, וועט ער מיך נישט שטיצן, ווען ער איז אַפילו איבערצײַגט, אַז איך בין גערעכט. ער פילט זיך, ווי ער וואָלט געווען דערנידעריקט. פאַרוואָס ? איך ווייס נישט. אַזאַ נאַטור איז בײַ אים. ווײַזט אויס, אַז זײַן אייגנליבע דערלויבט אים נישט עמיצן אָפּצוגעבן גערעכט. אַזוי איז אויך געווען אין דער פראַגע פון אויסערן־האַנדל. אָבער ווען די מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ האָבן זיך דערוווסט וועגן אײַער שטעלונג, וועלכע האָט זיך געדעקט מיט מײַנער, האָבן זיי אָנגעהויבן שטופּנווייז אַרויסצוציִען זיך פון דער פאַלשער שטעלונג. און סטאַלין האָט זיך פאַראייניקט מיט אײַך, און אין מיר האָט מען לחלוטין פאַרגעסן. און עס האָט זיך באַקומען, אַז אויך איך שטים פאַר אײַער פאָרשלאָג. אַזאַ סיטואַציע איז אַנטשטאַנען, ליידער,

אין פּאָליט-ביוראָ אין אײַער אָפּוועזנהייט. איך פֿיל זי אָפּ זייער שטאַרק. איך בין דאָך נישט קיין אַלטער באָלשעוויק. איך בין נאָך אַלץ אַ פרעמדער... אָן אָנשפּאַר האָב איך ביז איצט געהאַט בלויז אין אײַך. איר האָט שטענדיק אָפּגעשאַצט אַ געדאַנק לויט דער ווערט פון זײַן אָביעקטיוון אינהאַלט און נישט לויט דער פּערזאָן פון זײַן מחבר.

לענין: אָבער גאָט מײַנער, אײַער אַרגומענטאַציע איז געווען זײַער אַ טרעפלעכע און אָריגינעלע. איך מיין, אַז שוין צופיל סוביעקטיוו טראַקטירט איר סטאַלינס באַציִונג צו אײַך. דאָס איז געווען פּשוט אַ פאַלשע שטעלונג פון גאַנצן פּאָליט-ביוראָ, אײַנשליסלעך סטאַלינען. נעמט למשל די גרוזינישע פּראַגע. איר האָט מסתמא געהערט וועגן איר ?

טראָצקי: אײַער שטעלונג איז אַ ריכטיקע.

לענין: דאָס הייסט, אַז איר ווייסט, אַז סטאַלין פאַרנעמט אין דער דאָזיקער פּראַגע גאָר אַן אַנדער שטעלונג. דאָס הייסט, אַז עס איז נישט אַזוי, ווי איר שטעלט פעסט, אַז ער טוט בלויז אײַך אויף צולהכעיס. איך שליס נישט אויס די מעגלעכקייט, אַז ער האָט אײַך נישט ליב. דאָס האָט נישט צו דער זאַך. אויך אין דער גרוזינישער פּראַגע, ווי פריִער אין דער פּראַגע פון אויסערן-האַנדל, פאַרנעמט ער פּונקט אַ פאַרקערטע שטעלונג ווי איך. זײַן אויפפאַסונג איז אַן אַנדערע, פאַרשטייט זיך, אַ פאַלשע. דערבײַ קלײַבט ער זיך צו אָנהענגער אַזעלכע, ווי אָרדזשאָניקידזע, דזיערזשינסקי, מאָלאָטאָוו, אָראַכעלאַשווילי, אָרונדאָוו.

טראָצקי: דערלויבט צו באַמערקן, חבר לענין, אַז אויך אין דער גרוזינישער פּראַגע איז סטאַלין שטאַרק סוביעקטיוו. ער באַטראַכט זיך ווי אַ בקי אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. פּלוצים האָט ער זיך באַגעגנט מיט אײַערן אַ ווידערשטאַנד. האָט ער זיך דערפילט געטראָפן, בפרט אַז איר שטיצט מדיוואַני, מאַכאַראַדזע, צינצאַדזע, מיט וועלכע ער האָט אַלטע פּאָליטישע און פּערזענלעכע חשבונות. איבעריקנס, האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז אין רעזולטאַט פון אײַער קראַנקהייט, דאָס הייסט, אײַער אָפּוועזנהייט אין דער אַרבעט פון פּאָליט-ביוראָ און אין ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, באַמיט זיך סטאַלין אַרויסהייבן די פונקציע פון גענעראַל-סעקרעטאַר צום ראַנג פון אַן אויבער-פאַקטאָר, צײַטנווייז אַפילו לגבי אײַך... אַנטשולדיקט מיר מײַן אויפריכטיקייט... וולאַדימיר איליטש.

לענין: חברים פלעגן אָפט דיסקוטירן מיט מיר, נישט מסכים זײַן מיט מיר. אויך סטאַלין.

טראָצקי: דאָס איז נישט דאָס. דאָס איז עפּעס נײַעס, וואָס איז נישט געווען קיינמאָל אין אונזער פּאַרטיי.

לענין: לאָזט צו רו, לעוו דאַווידאָוויטש. לאָמיר זיך בעסער אומקערן צום גרוזינישן ענין. זעענדיק, אַז דזיערזשינסקי האָט אים פּאַרטאַכ־לעוועט, האָב איך געבעטן קאַמיעניעוו, ער זאָל פאָרן קיין טיפליס און פאָרשן די סיטואַציע. אָבער ביז איצט האָב איך פון אים נישט באַקומען קיין שום ראַפּאָרט. בין איך ווידער אומרויִק. אײַער באַמערקונג וועגן אַלטע פּאָליטישע און פּערזענלעכע חשבונות צווישן די גרוזינער האָט פאַרשטאַרקט אין מיר מײַן אומרו. און גרוזיע איז בלויז אַ סיגנאַל פון אַ טיפערן ענין. מען דאַרף דעריבער לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע פּרינ־ציפּיעל, אַנאַליזירן איר כאַראַקטער אויפן איצטיקן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ פון אונזער לאַנד אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הינזיכט. דעריבער האָב איך זיך דערלויבט אײַנצולאַדן אײַך צו מיר און פאָרלייגן אײַך, חבר טראָצקי, איר זאָלט איבערנעמען דעם גאַנצן גרוזינישן ענין און אים אַוועקשטעלן אויפן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט. מײַן גאַנצע האָפענונג איצט זענט איר בלויז. איר זענט דער איינציקער מענטש, וואָס איז אימשטאַנד אָנצופירן מיטן דאָזיקן ענין.

טראָצקי: טײַערער חבר איליטש. איך דאַנק אײַך האַרציק פאַרן צוטרוי, אָבער בײַ מײַן בעסטן ווילן אַנטקעגן צו קומען אײַער בקשה, קאָן איך דאָס, ליידער, נישט טאָן. אויב עס וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן שטיצן אײַער שטעלונג אויפן פאָרום פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועל איך דאָס גערן טאָן. אָבער איבערנעמען דעם גאַנצן ענין אין מײַנע הענט אַרײַן, לײַדער, דאָס קען איך נישט. צוליב צוויי מאָטיוון. ערשטנס וואָלט סטאַלין באַטראַכט מײַן הסכמה אַלס פאַרשווערונג אויף זײַן פּאָסטן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט. צווייטנס בין איך קראַנק. מײַן געזונט־צושטאַנד דערלויבט מיר נישט אונטערצונעמען לאַנגע רײַזעס, וואָס דער ענין פאַרלאַנגט. ער וואָלט מיך שטאַרק אויסגעמאַטערט. לײַדער, איך באַדויער, אָבער, לײַדער.

לענין: לעוו דאַווידאָוויטש, טײַערער חבר, טוט דאָס צוליב מיר, איך

וועל זײַן פולשטענדיק רויִק, ווען איך וועל האָבן דעם באַוווסטזײַן, אַז דער ענין ליגט אין אײַערע הענט. איך בעט אײַך, טוט דאָס מיר צוליב...

טראָצקי: איך שאַץ אָפּ הויך אײַער צוטרוי צו מיר, חבר איליטש, נאָר צום באַדויערן, איך קאָן נישט. איך פיל, אַז דער ענין קאָן זיך פּאַטאַל אָפּרופן אויף מײַן געזונט. גלייבט מיר, איך קאָן נישט.

לענין: טאָ וואָס זאָל איך איצט טאָן?... מענטשן, מענטשן, העלפט מיר, העלפט מיר! אויף דער וואָגשאָל הענגט דער גורל פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס זיבעטע בילד

לענין, וואָלאָדיטשעוואַ

נאָך מער מאָגערער געוואָרן. אויפן קאָפּ אַ קאָמפּרעס. זיצט אין זײַן ווענעלע רויִק, אַפּאַטיש.

לענין: עס איז מיר שווער צו רעדן. אויב עס וועט זײַן עפּעס נישט קלאָר, פרעגט איבער. שרײַבט:

צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

חברים דעלעגאַטן!

דער חבר סטאַלין, איבערנעמענדיק דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָט קאָנצענטרירט אין זײַנע הענט אַן אומגעהייערע מאַכט, און איך האָב ניט די זיכערקייט, צי ער וועט אימשטאַנד זײַן תמיד פאָרזיכטיק צו באַגיין זיך מיט דער דאָזיקער מאַכט.

סטאַלין איז גראָביאַניש. און דער חסרון, וואָס קאָן טאָלערירט ווערן אין אונזער ענגער סביבה, צווישן זיך, קאָן נישט טאָלערירט ווערן אויפן אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר. דעריבער לייג איך פאָר די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר, איר זאָלט זיך פאַרטראַכטן, אויף וועלכן אופן אַראָפּנעמען דעם חבר סטאַלין פון דעם אַמט און באַשטימען אויף זײַן אָרט אַ צווייטן מענטשן, וועלכער זאָל זיך אונטערשיידן פון חבר סטאַלין בלויז מיט איין

מעלה, נעמלעך ער זאָל זײַן מער טאָלעראַנט, מער לאָיאַל, מער דעליקאַט. ער זאָל מער אויפמערקזאַמקייט אַרויסווײַזן די חברים. ער זאָל זײַן ווינציקער קאַפּריזנע א.א.וו. די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן קאָנען זיך עמיצן אויס־ווײַזן אַלס אַ קליינעקייט. נאָר איך מיין, אַז כּדי אָפּהיטן די פּאַרטיי פון אַ שפּאַלטונג איז דאָס נישט קיין קליינעקייט, אָדער עס איז אַזאַ קליינעקייט, וואָס קאָן האָבן אַן אַנטשיידענעם באַדײַט.

לענין, דעם 4־טן יאַנואַר 1923

חברטע וואָלאָדיטשעווא, זאָגט דער חברטע פאָטיעוואַ, אַז מײַן בריוו דאַרף בלויז איבערגעלייענט ווערן פאַר די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאַר, אָבער נישט קאָלפּאָרטירט ווערן אין קאָפּיעס. (אַ מידער איז ער געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך קוקנדיק גלײַך פאַר זיך).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס אַכטע בילד

לענין, פאָטיעוואַ

לענין: (פאַרט אַרום אויפגעלעבט איבערן צימער) און צו וואָס איז בייטיק דער גאַנצער מעדיצינישער רעזשים? און גיי רעד דאָ מיט די דאָקטוירים, באַזונדערס מיטן פּראָפעסאָר פערסטער. לויט מײַן מיינונג קאָן איך דרײַסט זיך אומקערן קיין מאָסקווע. איך פיל זיך אויסגעצייכנט, איך בין פולשטענדיק אויסגערוט און געזונט. נעכטן האָט מיך נאַדיאַ אַרויסגעפירט אויף דער פרישער לופט. בין איך געזעסן און זיך געשפּילט מיט מײַן הינטל איידאַ, וואָס איז אַ זי. זי איז געשפּרונגען אַרום מיר אַ פאַרשײַטע. איך האָב איר מקנא געווען. איך האָב געטראַכט, הלוואי וואָלט איך געקאָנט אַזוי שפּרינגען און טאַנצן. איך האָב זיך דערמאָנט מײַנע ייִנגלשע יאָרן. וואָס פאַראַ קונדס בין איך דעמלט געווען. צי ווייסט איר, לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַז איך בין געווען דער בעסטער שווימער אין שול. קיינער פון מײַנע מיטשילער האָט מיך נישט געקאָנט איבעריאָגן. יאָ, אַזעלכע זענען דעמלט געווען די צײַטן. ווי שרײַבט לערמאָנטאָוו אין זײַן פּאָעמע „באָראָדינאָ״:

„דאָ, בילי לודי וו נאָשע וורעמיאָ,
ניע טאָ, שטאָ ניניעשניעיע פּלעמיאָ,
באָגאַטירי, ניע ווי...״

איבערזעצונג אין דער זײַט אויף אַן עקראַן:

יאָ, געווען זענען מענטשן אין אונזער צײַט,
נישט דאָס, וואָס אונזער דור,
גבורים, נישט איר...

מיטן וואָרט „נישט איר״ האָט ער אין זינען געהאַט מיך, דעם לא יצלח, וועלכן מען דאַרף ווי אַ פּיצל קינד אַרומפירן אין אַ וועגעלע (בּרעכט אויס אין אַ געלעכטער). און וואָס האָב איך זיך דאָ הײַנט אַזוי צערעדט וועגן נאַרישקייטן. איר האָט דאָך זיכער צו מיר אַן ענין?

פּאַטיעוואַ: די אַלטערטימלעכע גריכן פלעגן זאָגן, אַז אין אַ געזונטן קערפּער איז פאַראַן אַ געזונטער גײַסט... און וואָס שײַך לויפיקע ענינים. בין איך אײַך געקומען אָנזאָגן חבר לענין, אַ גוטע בשורה. דער חבר קאַמיעניעוו איז שוין געקומען פון טיפליס און געבראַכט מיט זיך מאַטעריאַלן וועגן גרוזינישן ענין. ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם חבר סטאַלין.

לענין: איך האָב הײַנט באמת אַ גוטן טאָג. קיין קאָפּ־שמערצן, קיין מידקייט און איצט די ידיעה. איך וואָלט אײַך געדאַרפט אויסקושן דערפאַר. נאָר מען טאָר נישט. מיר רוסן זענען פּוריטאַנער, דערצויגענע אין קאָנסערוואַטיוון גײַסט פון „דאָמאָסטרוי״. רוסלאַנד איז נישט פראַנקרײַך אָדער אַמעריקע... אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז מען קומט צו גאַסט, דערלאַנגט מען דעם מאַן די האַנט און זײַן פרוי קושט מען (לאַכט הויך). און וואָס האָב איך זיך הײַנט אַזוי צערעדט...

פּאַטיעוואַ: איך בין ממש גליקלעך, ווען איך זע אײַך, חבר לענין, אין אַזאַ גוטער שטימונג. אָבער וואָס האָב איך איצט צו טאָן?

לענין: ווירקלעך, איך האָב זיך אַזוי פאַרטאָן אין מײַנע זכרונות, אַז איך האָב פאַרגעסן די רעאַלע ענינים. איר דאַרפט פערזענלעך גיין צו סטאַלינען און נעמען בײַ אים סײַ דזיערזשינסקיס, סײַ קאַמיעניעווס מאַטעריאַלן. אַוודאי, די דאָקטוירים וועלן מיר נישט דערלויבן, אַז איך אַליין זאָל לייענען די מאַטעריאַלן, זיי קאָנען מיר חלילה דענערווירן און פאַרשאַטן

צו מײַן געזונט (וואָס פּאַראַ נאַרישע פּראָזעאָלאָגיע). כאָטש צוריק געשמועסט, דאַרף איך טאַקע נישט לייענען קיין רויען מאַטעריאַל. ער קאָן באמת פאַרמאַטערן מײַן אָרעמען קאָפּ. דעריבער בעט איך אײַך, אַז איר זאָלט תיכף נאָכן באַקומען פון סטאַלינען דעם מאַטעריאַל, צונויפרופן דעם קאָלעקטיוו פון אײַערע מיטאַרבעטער, וואָלאָדיטשעווען, גלאַזער, גאַרבונאָוון, מאַנוטשאַריאַנץ, שושאַניקן און מאַכן אַ קאָנספּעקט פאַר מיר. איך מײַן, אַז אין משך פון אַ דרײַ וואָכן צײַט וועט איר זיך מיט אים אָן עצה געבן. וויפל צײַט איז אונז נאָך פאַרבליבן ביזן 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי?

פּאָטיעוואַ: זיבן וואָכן.

לענין: אָ, אויב אַזוי, מײַן איך, אַז ווען אַפילו איך זאָל אים שפּעטער דאַרפן דערגענצן, האָב איך גענוג צײַט, איך זאָל אויף זײַן יסוד קאָנען מאַכן די הויפּט־טעזן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און אין דער גרוזינישער בפרט. אָבער איר דאַרפט אַרבעטן לויט אַ געוויסן פּלאַן.

פּאָטיעוואַ: גוט. איך וועל מאַכן אַזאַ פּלאַן. צום ווידערזען, חבר לענין.

לענין: צום ווידערזען, לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, צום ווידערזען, אַ דאַנק.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס נײַנטע בילד

סטאַלין, פּאָטיעוואַ

סטאַלין זיצט בײַ אַ טיש אין דער פאָרם פון אַ לאַטײַנישן „טע", פאַרטיפט אין לייענען. מען הערט אַ קלאַפּ אין טיר.

סטאַלין: אַרײַנגיין! (עס קומט אַרײַן פּאָטיעוואַ).

פּאָטיעוואַ: אַ גוט מאָרגן, חבר סטאַלין.

סטאַלין: אַ גוט מאָרגן, חבטע פּאָטיעוואַ, זעצט אײַך. שוין לאַנג אײַך נישט געזען, איך הער בלויז אײַער שטימע דורכן טעלעפאָן. וואָס מאַכט דער חבר לענין? ווי פילט ער זיך לעצטנס?

פּאָטיעוואַ: אין דעם באַשטייט טאַקע די שוועריקייט, וואָס מען קאָן קיין מאָל נישט פעסטשטעלן אויף זיכער. פאַראַן טעג, ווען ער האָט

גרויסע קאַפּווייטיקן, קאָן זיך נישט באַגיין אָן אַ קאָמפּרעס אויפֿן קאָפּ, איז מיד, עס איז אים שווער צו דיקטירן די טעקסטן, מאַכט אָפּטע איבעררײַסן. פֿאַראַן אָבער טעג, ווען ער איז פֿריש, הײַטער, פֿולשטענדיק געזונט, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט קראַנק געווען. הגם די האַנט און דער פֿוס זענען פּאַראַליזירט, אַרבעט ער, האָט אַ גוטע שטימונג, וויצלט זיך כּסדר. חזרט איבער קרילאָווס משלים. דעמלט איז די מיטאַרבעט מיט אים אַ נחת. אָבער אויף צומאָרגנס פֿאַלט ער ווידער אַרײַן אין אַ דעפּרעסיע, באַקומט קאָפּווייטיקן, ווידער קאָמפּרעסן. און אַזוי דרייט זיך דאָס מילעכל. איך ווייס קיין מאָל נישט, אין וועלכן צושטאַנד איך וועל אים געפֿינען. עס איז שווער צו אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגען.

סטאַלין: אָבער איר זענט דאָך נישט אַליין.

פּאָטיעוואַ: לויט דער רייע אַרבעטן מיט נאָך וואָלאָדיטשעוואַ, גלאַזער, מאַנוטשאַריאַנץ, גאַרבונאָוו און אַנדערע. אָבער איך בין צום מײַנסטן פֿאַראַנטוואָרטלעך אַלס דער שעף פֿון דער קאַנצעלאַריע.

סטאַלין: וולאַדימיר איליטש ווייסט וואָס ער טוט. דאָ גייט נישט בלויז אין אײַער אָפֿיציעלן אַמט. אין שפּיל קומט דאָ אײַער שטעלונג אַלס מענטש מיט אַן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלענט. דאָס, וואָס איר טוט פֿאַרן חבר לענין, וואָלט אַן אַנדערער נישט באַוויזן. און איר טוט גוט, וואָס איר רינגלט אים אַרום מיט אַזאַ זאָרג. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן פֿאַרשרײַבן די דיקטירטע דורך אים אַרטיקלען און בריוו. עס גייט וועגן דער אַלגעמיינער קענטשאַפֿט צו פֿירן די ענינים. וועגן זייער ראַציאָנעלער סעלעקציע. וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף אַמאָל נישט טאָן, כּדי נישט צו פֿאַרטיפֿן זײַן קראַנקהייט. איר שטייט דאָך אויף דער וואַך פֿון זײַן געזונט. איר דאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז דער מעדיצינישער רעזשים זאָל פּינקטלעך אָפּגעהיט ווערן, אַז לענין זאָל נישט אינפֿאָרמירט ווערן וועגן די לויפֿיקע פּאָליטישע ענינים. דאָס איז אַן איבעריקער באַלאַסט פֿאַר זײַן מוח. צי כאַפּט איר זיך אַמאָל נישט אַרויס פֿאַר אים מיט אַן איבעריק וואָרט. ווײַל צײַטנווײַז ווונדער איך זיך פּשוט, פֿון וואַנעט האָט דער חבר לענין אינפֿאָרמאַציעס וועגן געוויסע פּרטים פֿון דער לויפֿיקער פּאָליטיק. איך אינפֿאָרמיר אים לויט אַ באַשטימטער סעלעקציע.

פּאָטיעוואַ: איך אינפֿאָרמיר אים נישט און איך האָב נישט קיין

גרונט צו טראַכטן, אַז עמיצער פון אונזערע סעקרעטאַרן זאָלן אים אינפאָרמירן.

סטאַלין: טאָ ווער־זשע האָט אים אינפאָרמירט און דאָס מיט פּרטים וועגן אינצידענט מיט אָרדזשאָניקידזען אין טיפליס? דער דאָזיקער ענין האָט אים זייער שטאַרק אויפגערעגט און שלעכט זיך אָפּגערופן אויף זיין געזונט־צושטאַנד. ווער האָט דאָס געדאַרפט האָבן?

פּאָטיעוואַ: אויב אַזוי פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט, וואָס דאָ קומט פאָר. דער חבר דזיערזשינסקי איז תיכף נאָך זיין קומען פון טיפליס געווען ביי לענינען און אים געגנוי דערציילט וועגן פאַרלויף פון גרוזינישן ענין און וועגן אינצידענט מיט אָרדזשאָניקידזען. איך בין געווען זיכער, אַז ער האָט דאָס געטון מיט אייער דערלויבעניש.

סטאַלין: מיט מיין דערלויבעניש? איך האָב אים נישט געגעבן קיין שום אינסטרוקציעס, ווי ער זאָל רעדן מיטן חבר לענין... צוליב וואָס אייגנטלעך זענט איר געקומען צו מיר?

פּאָטיעוואַ: דער חבר לענין האָט מיר געשיקט צו אייך, חבר סטאַלין, איך זאָל באַקומען ביי אייך די מאַטעריאַלן פון ביידע קאָמיסיעס וועגן גרוזינישן ענין.

סטאַלין: וועגן דעם זענט איר געקומען צו מיר?

פּאָטיעוואַ: איך דערפיל אַן אָמטלעכע אינסטרוקציע פונם חבר לענין.

סטאַלין: דאָס איז אַ שווערער ענין. ביי מיין בעסטן ווילן קאָן איך דאָס נישט טאָן, ערשטנס איז די דאָזיקע לעקטור גאָר נישט צוגעפּאַסט פאַרן חבר לענין. זי וועט אים אויפרעגן און שאַדן זיין געזונט. צווייטנס קאָן איך דאָס נישט טאָן אָן דעם וויסן פון די דאָקטוירים און אָן דעם הסכם פון פּאָליט־ביוראָ.

פּאָטיעוואַ: חבר סטאַלין. דער חבר לענין לעבט לעצטנס מיטן גרוזינישן ענין פונקט אַזוי, ווי ער האָט פריִער געלעבט מיטן פּרווו אָפּצושאַפן דעם מאָנאָפּאָל אויפן אויסלענדישן האנדל. ערשט ווען דער פּעלער איז פאַרריכט געוואָרן, איז זיין שטימונג געוואָרן אַנדערש, ער איז אויפגעלעבט געוואָרן און האָט זיך פולשטענדיק באַרויִקט. דאָס איז געווען די בעסטע רפואה פאַר אים. איצט האָב איך באַקומען פון אים די פּערזענלעכע דינסטלעכע אינסטרוקציע צו נעמען ביי אייך די

טעקע מיט די מאַטעריאַלן. זיי זענען אים נייטיק, כדי צוגרייטן טעזן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרן 12־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאַר.

סטאַלין: איך באַדויער זייער, אָבער דאָס איז נישט מעגלעך.

פאָטיעוואַ: איר שטעלט מיך אין אַ לאַגע, איך זאָל ברעכן מײַן דינסטלעכע פליכט. אָבער דאָס וואָלט איך שוין גענומען אויף מײַן פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער בײַם איצטיקן געזונט־צושטאַנד פון חבר לענין? צי שטעלט איר זיך פאָר, ווי דאָס וועט ווירקן אויפן חבר לענין? דאָס איז פשוט נישט מעגלעך, איך זאָל קומען צו וולאַדימיר איליטש אָן די מאַטעריאַלן אין דעם גרוזינישן ענין.

סטאַלין: איך פאַרשטיי און פיל אײַך מיט, אָבער איך וועל די דאָזיקע מאַטעריאַלן אָן דעם וויסן פון די דאָקטוירים און הסכמה פון די חברים פון פאָליט־ביוראָ נישט אַרויסגעבן.

פאָטיעוואַ: איר דערלאַנגט דעם חבר לענין אַ טויט־קלאַפּ, חבר סטאַלין. דער חבר לענין לעבט מיטן געדאַנק און מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אַרויסטרעטן אויפן 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, באַזונדערס אין דעם גרוזינישן ענין, אין וועלכן עס איז אַנטשטאַנען לויט זײַן מיינונג אַ גאַנצער פלאָנטער.

סטאַלין: אָן דער דערלויבעניש פון פאָליט־ביוראָ און פון די דאָקטוירים וועל איך די מאַטעריאַלן נישט אַרויסגעבן. איך בעט וועגן דעם מודיע זײַן דעם חבר לענין.

פאָטיעוואַ: דאָס איז גרויזאַם. איך וועל אין זיך נישט געפינען נישט קיין פיזישן און נישט קיין מאָראַלישן כּוח, כדי אים דאָס צו זאָגן. (ווישט אָפּ אַ טרער פון אויג מיט אַ טיכעלע).

סטאַלין: אַ פרוי בלײַבט שטענדיק אַ פרוי. וואָס זי קאָן נישט דערגרייכן מיט אַ וואָרט, פּרוּווט זי אַרויסבאַקומען מיט אַ טרער.

פאָטיעוואַ: מײַנע טרערן זענען נישט געווענדט צו אײַך. איך וויין איבערן פינצטערן מזל פונעם פאַראַליזירטן לענין און וועך ווייסט, אויב נישט איבער אונזער אַלעמענס מזל...

סטאַלין: מיר איז טײַער יעדער אָטעם־צוג פון מײַן גרויסן לערער וולאַדימיר איליטש. טאָקע דערפאַר מוז איך שטיין אויף דער וואַך פון זײַן פאַרטיי אַלס איר גענעראַל־סעקרעטאַר.

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס צענטע בילד

לענין, פּאָטיעוואַ, שפּעטער קרופּסקאַיאַ און פּראָפ. פּערסטער

לענין: (זעט אויס גוט) וואָס פּאַרא פריידעאיז צו זען אײַך חברטע פּאָטיעוואַ (קונדסיש אַרומפאַרנדיק איבערן צימער מיטן וועגעלע און דרייענדיק עס אַרום זײַן אַקס). איצט ווייסט איר שוין מסתמא די גרייס פון דזיער־זשינסקיס און קאַמיעניעווס ראַפּאָרטן. איר קאָנט שוין אַזוי אַרום געגוי אויסרעכענען ווי לאַנג וועט דויערן די אַרבעט איבערן קאָנספּעקט. אויב איך וועל אַפילו נישט קאָנען זײַן אָנוועזנד אויפן 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וועל איך אָבער קאָנען איבערשיקן אַ בריוו צו די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר און זיי אויפקלערן מײַן שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן איצטיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן אַנטוויק־לונגס־עטאַפּ פון אונזער לאַנד ביים שאַפן דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן. איר האָט די טעקע מיט זיך געבראַכט, לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, מע קאָן אַ קוק טאָן?

פּאָטיעוואַ: איך האָב זי נישט. איך האָב זי נישט באַקומען פון סטאַלינען.

לענין: ער איז נישטאָ אין מאָסקווע?

פּאָטיעוואַ: פאַראַן. איך האָב מיט אים גערעדט. אָבער די טעקע מיט די מאַטעריאַלן האָט ער מיר נישט געגעבן.

לענין: פאַרוואָס?

פּאָטיעוואַ: ער האָט מיר דערקלערט, אַז אָן דער דערלויבעניש פון פּאָליט־ביוראָ און פון די דאָקטוירים קאָן ער די מאַטעריאַלן נישט אַרויסגעבן.

לענין: דערויף דאַרף ער האָבן אַ דערלויבעניש פון פּאָליט־ביוראָ און די דאָקטוירים? איך פאַרשטיי נישט.

פּאָטיעוואַ: אַזוי האָט ער מיר דערקלערט.

לענין: איר האָט דאָך אים געקאָנט זאָגן, ווי נייטיק עס זענען מיר די דאָזיקע מאַטעריאַלן גראָד איצט, כדי איך זאָל קאָנען צוגרייטן מײַנע טעזן אין דער גרוזינישער פראַגע און אין דער נאַציאָנאַלער בכלל. זי דאַרף דאָך זײַן דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון 12־טן צוזאַמענפאָר.

פּאָטיעוואַ: מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אים אויפגעקלערט

און געבעטן אים, ער זאָל זיי מיר געבן, אָבער ער איז געווען קאַלט ווי אײַז.

לענין: „קאַלט ווי אײַז", זאָגט איר. אויך לגבי מיר? און אפשר קודם כל לגבי מיר? ער איז שוין אויך אַ דאָקטער? צי איז שוין פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פּאָליט־ביוראָ וועגן דער דאָזיקער פראַגע?

פּאָטיעוואַ: איך ווייס נישט. איך האָב נישט קיין רעכט צו רעדן וועגן דעם.

לענין: צי איז אײַך פאַרווערט צו רעדן וועגן דעם ענין?

פּאָטיעוואַ: ניין, נישט בלויז וועגן דעם ענין. איך האָב בכלל נישט קיין רעכט צו רעדן מיט אײַך וועגן לויפיקע פּאָליטישע ענינים.

לענין: הייסט עס, אַז דאָס איז אַ לויפיקער ענין?

פּאָטיעוואַ: דאָס ווייס איך נישט. איך האָב נישט קיין רעכט וועגן דעם צו רעדן.

לענין: פאַרוואָס?

פּאָטיעוואַ: סטאַלין האַלט, אַז אײַך דאַרף מען נישט באַאומרויִקן מיט קליינע פּאָליטישע ענינים.

לענין: אָה, ווי זיי אַלע זאָרגן זיך אַזוי וועגן מײַן רו, וועגן מײַן געזונט, דערעיקרשט דער חבר סטאַלין... ער קאָן ממש נישט שלאָפן בײַנאַכט צוליב מיר... (לאַכט הויך). אַלע נאַרן מיך אָפּ. איר אויך...

פּאָטיעוואַ: חבר לענין, רעדט נישט וועגן מיר אַזוי. איך האָב זיך דאָס נישט פאַרדינט...

לענין: זײַט מיר מוחל. איך האָב צו אײַך דעם גרעסטן צוטרוי. אָבער מען וואַרפט אײַך אָן אַ ראָלע קעגן אײַער ווילן (פּאָטיעוואַ שווײַגט). און איך וואָלט געוואָלט אַזוי וויסן, וואָסער שטעלונג האָט דאָס פּאָליט־ביוראָ פאַרנומען אין גרוזינישן ענין. אפשר איז אויך אין דעם ענין אַנטשטאַנען אַ פּלאָנטער...

פּאָטיעוואַ: אויף מײַן נאמנות, איך ווייס נישט, גלייבט מיר, חבר לענין.

לענין: איך ווייס, אַז וועגן דעם ענין ווייסט איר גאָרנישט, לידיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. (אין צימער קומען אַרײַן פּראָפ. פערסטער און קרופּסקאַיאַ).

פּראָפ. פערסטער: גוט מאָרגן, וולאַדימיר איליטש, איך בין פון אײַך צופרידן, אונזער קוראַציע גיט גוטע רעזולטאַטן. איר זעט שוין אויס גאָר

אַנדערש. איצט קאָן מען שוין עטוואָס ליבעראַלער מאַכן דעם רעזשים. מיר טרעטן צו צו מאַכן גימנאַסטיק. אַלע טאָג וועלן מיר גימנאַסטיקירן די האַנט און דעם פוס, כדי אָפּצושוואַכן דעם פּאַראַליזש און מיט דער צײַט אים פולשטענדיק ליקווידירן. דערמיט וועט זיך פאַרנעמען אַ דאָקטער, אַ ספּעציאַליסט, וועלכער וועט קומען צו אײַך טאָג־טעגלעך. איצט קאָן מען שוין אַפילו פאַרלענגערן די צײַט פון דיקטירן אויף 10—20 מינוט טעגלעך.

לענין: ווי גוט, ווי אויסגעצייכנט דאָס איז. (הייבט אָן קונדסיש צו דרייען מיטן ווערעלע, כאַפּט פערסטערס האַנט און טרייסלט זי שטאַרק). נעמט צו פון מיר מײַן גרעסטן דאַנק. איר הערט, חברטע פאָטיעוואַ, פאַרגרעסערט דאָס דיקטירן טעקסטן אויף 10—20 מינוט טעגלעך. איר וועט דאָס מעלדן אַלע סעקרעטאַרן. הײַנט איז אַ יום־טובדיקער טאָג בײַ מיר, אַ טאָג פון פאַרגרעסערן מײַן פרײַהייט. איך האָב צו אײַך אַ בקשה, אַ גרויסע בקשה, פּראָפעסאָר. אויב איר האָט פאַרגרעסערט מײַן פרײַהייט אויפן מעדיצינישן אָפּשניט, טאָ באַמיט זיך, פּראָפעסאָר, צו פאַרגרעסערן מײַן פרײַהייט אויך אויפן פּאָליטישן אָפּשניט. זאָל דער חבר סטאַלין ליבעראַלער מאַכן אויך זײַן רעזשים. לײַדער, ער האַנדלט פונקט פאַרקערט. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן פאַר מיר די טעקע מיט די מאַטעריאַלן וועגן גרוזינישן ענין. ער טענהט, אַז דערויף מוז ער האָבן אַ דערלויבעניש פון פּאָליט־ביוראָ. (לאַכט). נאָר איר, פּראָפעסאָר, שטייט דאָך איבערן פּאָליט־ביוראָ (לאַכט נאָך שטאַרקער). זאָגט, פּראָפעסאָר, דעם חבר סטאַלין, אַז ער זאָל וואָס שנעלער איבערשיקן מיר די טעקע מיט די מאַטעריאַלן וועגן גרוזינישן ענין.

פּראָפ. פערסטער: אָבער דאָס איז דאָך אַ לויפיקער פּאָליטישער ענין. ער קאָן אויף אײַך ווירקן שלעכט, וולאַדימיר איליטש.

לענין: בײַ מיר איז דער גרוזינישער ענין עלעהיי אַ בעלעטריסטישער ראָמאַן (לאַכט האַרציק).

פּראָפ. פערסטער: אָבער דער גרוזינישער ענין קאָן באמת שטערן אײַער רו.

לענין: צי קענט איר, פּראָפעסאָר, דעם אינהאַלט פון דעם גרוזינישן ענין?

פערסטער: אַליין, דירעקט, האָב איך דעם דאָקומענט נישט געלייענט.

לענין: און אומדירעקט ?

פראָפ. פערסטער: סטאַלין האָט מיך אינפאָרמירט וועגן אים.

לענין: (ברעכט אויס אין אַ שטורמישן געלעכטער) אויב אַזוי, טײַערער פּראָפעסאָר, האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז נישט די דאָקטוירים באַשטימען דעם מעדיצינישן רעזשים, נאָר פאַרקערט, אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט אינסטרויִרט די דאָקטוירים. סטאַלין לייזט פּאָליטישע וויכוחים אין דער פּאַרטיי מיט דער הילף פון די דאָקטוירים. באמת, אַ גאָגאָל איז אונז נייטיק. (לאַכט).

פראָפ. פערסטער: (שווייגט, צעטומלט, קוקט זיך אַרום. אַלע קוקן אויף אים).

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס עלפטע בילד

סטאַלין, קאַמיעניעוו, זינאָוויעוו, טראָצקי, בוכאַרין, ריקאָוו

קאַמיעניעוו: איך פאַרטרעט דעם חבר לענין און עפן די זיצונג פון פּאָליט־ביוראָ. אויף דער טאָג־אָרדענונג שטייט בלויז איין פּראָבלעם: די מאַטעריאַלן וועגן דער גרוזינישער פראַגע. אַ וואָרט האָט דער חבר סטאַלין.

סטאַלין: דער ענין איז נישט קיין פּשוטער. צו מיר האָט זיך געווענדט די חברטע פאָטיעוואַ מיט אַ דינסטלעכער פאַראָרדענונג פון חבר לענין ארויסצוגעבן אים די מאַטעריאַלן פוןביידע קאָמיסיעס וועגן גרוזינישן ענין. איך האָב איר דערקלערט, אַז אָן דער דערלויבעניש פון פּאָליט־ביוראָ האָב איך נישט קיין רעכט דאָס צו טאָן.

זינאָוויעוו: איך פאַרשטיי נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. דער חבר לענין דאַרף האָבן אונזער דערלויבעניש צו לייענען אַ פּאַרטייאישן דאָקומענט ? און צוליב דעם האָסטו אונז אָפּגעריסן פון אונזער לויפיקער אַרבעט ? איך טראָג אַרײַן אַ פאָרמעלן פאָרשלאָג, נישט אָנהייבן קיין שום דיסקוסיע און תיכף איבערשיקן לענינען די מאַטעריאַלן.

סטאַלין: חבר זינאָוויעוו, רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלטסט נישט געוווּסט, אַז וולאַדימיר איליטש איז קראַנק, אַז די דאָקטוירים האָבן איַינגעשטעלט אַ שטרענגן מעדיצינישן רעזשים און האָבן פאַראָרדנט אויסצושליסן דעם חבר לענין פון וועלכער עס איז לויפיקער פּאַרטייאישער און מלוכהשער טעטיקייט. דו ביסט אַזוי פאַרטאָן מיט דייַנע קאָמינטערנישע ענינים, אַז דו ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך דאָ ביַי אונז, אין צענטראַל-קאָמיטעט. הגם איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן פון פּאָליט-ביוראָ צו האָבן די השגחה איבער לענינס געזונט-צושטאַנד, האָב איך אין דעם קאָנקרעטן פאַל נישט געוואָלט נעמען אויסשליסלעך אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַרויסגעבן אָדער נישט אַרויסגעבן די דאָזיקע מאַטעריאַלן. אַלזאָ, עס איז נישט אַזוי פּשוט, ווי דיר ווייַזט זיך אויס, טייַערער חבר זינאָוויעוו.

קאַמיענייעוו: איר זענט גערעכט. חבר סטאַלין, אַז איר טאָרט נישט האַנדלען קעגן איַינגעשטעלטן דורך די דאָקטוירים מעדיצינישן רעזשים. איַיער שטעלונג וואָלט אָבער געווען בלויז דאַן אַ ריכטיקע, ווען וולאַדימיר איליטש וואָלט בכלל נישט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ ענין. אָבער אַזוי איז דאָך דאָס נישט. ערשטנס איז דזיערזשינסקי תיכף נאָך זייַן קומען פון קאַווקאַז אַוועקגעלאָפן צום חבר לענין, ווי מען זאָגט מיט איַיער דערלויבעניש, און אים אָפּגעגעבן אַ מינדלעכן ראַפּאָרט און אַזוי ווי דזיערזשינסקי קען, מיט טעמפּעראַמענט און קאָלאָריזירט...

סטאַלין: איך האָב געשיקט דזיערזשינסקין, כדי דער חבר לענין זאָל באַקומען אינפאָרמאַציעס פון ערשטן קוואַל און נישט שעפּן זיי פון די פּליאָטקעס, וועלכע קורסירן איבער מאָסקווע, אַז די אויערן ווערן געשוואָלן פון זיי.

קאַמיענייעוו: צווייטנס האָט דער חבר לענין, אומצופרידן פון דזיערזשינסקיס שטעלונג צו דער האַלטונג פון די גרוזינישע חברים, מיך געבעטן אויפסנייַ אויסצופאָרשן דעם דאָזיקן ענין. דער חבר לענין האָט אין דעם גרוזינישן ענין גאָר אַן אַנדער שטעלונג, ווי איר, חבר סטאַלין. טאַקע צוליב דעם וויל ער אַרויסטרעטן אויפן 12־טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר און זיך שטיצן צווישן אַנדערן אויף די מאַטעריאַלן פון ביידע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן געפאָרשט דעם ענין. טאָ וועלכער כּוח איז איצט אימשטאַנד אָפּצוריַיסן דעם חבר לענין פון דעם גרוזינישן ענין? טאָ וואָס פאַראַ זין

האָט איצט צו דיסקוטירן די פראַגע. אַרויסצוגעבן די מאַטעריאַלן צי נישט. דאָס איז דאָך אַבסורדאַל. ווער בעט אַ וואָרט?

בוכאַרין: איך בעט אַ וואָרט. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געהאַט אַ שמועס מיטן חבר לענין. מיט הומאָר און איראָניע רעדט ער וועגן דעם מעדיציניש רעזשים. אמת. וולאַדימיר איליטש איז ערנסט קראַנק, און מיר דאַרפן אים שוינען. אָבער אַפילו איצט זײַענדיק קראַנק, איז ער נאָך שטאַרקער אין זײַן דענקען ווי נישט איינער פון אונז געזונטע. ער יאָגט אונז שטענדיק אַריבער מיט זײַן געדאַנק. דאָס זעלבע געשעט איצט מיטן גרוזינישן ענין. לענין איז גערעכט. איך האָב געענדערט מײַן שטעלונג אין דער פראַגע וועגן פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע. איך ווייס, אַז אַזעלכע קענער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ווי די חברים סקריפּניק און ראַקאָווסקי האָבן פיל באַוואָרענישן צו דײַן קאָנצעפּציע, חבר סטאַלין. מיט קראַפט פאַרטיידיקסטו דײַן שטעלונג וועגן פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע. עס איז דײַן רעכט. נאָר אין דער עקשנות דײַנער שטעקט עפּעס אַ נישט געזונטע אַמביציע. עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי דו, דער גוטער קענער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָלסט זיך געפילט געטראָפן דערמיט, וואָס דער חבר לענין וואָרפט אָפּ דײַן קאָנצעפּציע אַלס אַ פאַלשע. איך וועל דיר זאָגן הויך און אויפריכטיק, אַז דײַן אַרגומענטאַציע נישט אַרויסצוגעבן דער חברטע פאָטיעוואַ די מאַטעריאַלן פון די קאָמיסיעס האָט מיך אַבסאָלוט נישט איבערצײַגט. מער. דיר האָט אויסגעפעלט איידלקייט לגבי דעם חבר לענין. האָסט אים פאַרשאַפט אומזיסטע עגמת נפש און דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז די דאָקטוירים וועלן נישט קענען ליקווידירן זײַנע פאָלגן. און אַזוי זעט אויס דײַן השגחה איבער לענינען... שוין איינמאָל אַ השגחה...

סטאַלין: מוחל אַזאַ אויפריכטיקייט... לענין איז געווען און פאַרבליבן מײַן גרויסער לערער. מיר אונטערררוקן סוביעקטיוויזם לגבי לענינען איז אומווירדיק פון דײַן זײַט, חבר בוכאַרין. איך לייג דעם מאַנדאַט פון דער אויפזיכט איבער דעם חבר לענין.

קאַמיעניעוו: דער ענין שטייט נישט אויף דער טאָג־אָרדענונג.

סטאַלין: שטעל איך אים אויף דער טאָג־אָרדענונג.

קאַמיעניעוו: אָבער אין דער רייע, נאָכן דערלידיקן דעם ענין פון אַרויסגעבן די מאַטעריאַלן.

סטאַלין: גוט.

בוכאַרין: אָבער איך האָב נאָך נישט געענדיקט.

קאַמיעניעוו: רעד ווייַטער.

בוכאַרין: איך האָב דעם אייַנדרוק, אַז דייַן עקשנות אין שייכות מיט דעם גרוזינישן ענין פאַרבלענדט דיך אַזוי ווייַט, אַז דו וואָלטסט געוואָלט אויסשליסן די מעגלעכקייט פון אַן אַנדער אויפפאַסונג פון גרוזינישן ענין. דו דעקלאַרירסט דאָ הייליק, אַז דו ביסט אַ טרייַער שילער פון לענינען, אָבער אין דער פּראַקטיק איגנאָרירסטו אים פולשטענדיק. דער חבר לענין האָט דיך געוואָרנט, אַז זאָלסט זיך נישט אייַלן מיט אייַנפירן די פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע, אָבער דו אייַלסט זיך, פירסט אייַן. לעצטנס האָסטו געהאַט צוויי עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען: אַן אינטערוויו מיט אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „פּראַוודאַ" און אַ רעפעראַט אין דעצעמבער 1922 אויפן 10־טן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן וועגן שאַפן דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפובליקן און האָסט אַפילו נישט דערמאָנט, אַז דער חבר לענין האָט אַן אַנדער שטעלונג אין דער דאָזיקער פראַגע. דער חבר לענין האָט צו דיר אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט באַמערקט, אַז אויב ער וועט נישט קאָנען מחמת דער קרענק זייַנער אַרויסטרעטן אויפן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, זאָלסטו באַשטימען עמיצן אַנדערש צו רעפערירן זייַן שטאַנדפּונקט. און וואָס האָסטו געטאָן? האָסט אַליין רעפערירט אין הסכם מיט דייַן שטעלונג איגנאָרירנדיק דעם חבר לענינס שטעלונג. וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייַטן? דו מיסברויכסט פּשוט מיט דעם חבר לענינס קראַנקהייט כדי דורכצופירן דייַן שטעלונג...

סטאַלין: ווי אַזוי האָב איך געקאָנט רעדן וועגן דעם חבר לענינס קאָנצעפּציע אַז דאָס פּאָליט־ביוראָ צוזאַמען מיט דיר האָט באַשטעטיקט מייַן פּראָיעקט?

בוכאַרין: אָבער דאָס איז נאָך פאַרגעקומען איידער נאַפּאָלעאָן איז געגאַנגען אויף מאָסקווע. (אָלע לאַכן). איצט איז אַנטשטאַנען אַ נייַע סיטואַציע. לענין איז קעגן אַ פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע. דער חבר טראָצקי, ווי איך האָב געהערט, איז אויך קעגן, איך אויך. אויב נאָך איינער פון אונז דאָ אַנוועזנדיקע וועט צושטיין צו לענינען, וועט פון דייַן פּראָיעקט פאַרבלייַבן בלויז דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן ער איז געשריבן געוואָרן. אָט צו וואָס עס האָט דערפירט דייַן אייַלעניש. און בכלל האָסטו

געשאַפן אַ סיטואַציע אָן אַ פּרעצעדענס אין דער געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי. דאָס פּאָליט־ביוראָ שטייט פאַר אַ רעוויזיע פון זיַין פריִערדיקן באַשלוס וועגן דיַין פּראָיעקט. דאָס פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט ווייסט וועגן גאָרנישט. אין צווישנציַיט קומט פאָר דער 10־טער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, אַן אומפּאַרטייאישער פאָרום, און נעמט אָן דיַין פּראָיעקט. אָבער די פּאַרטיי־מיטגלידער, דעלעגאַטן פון דעם צוזאַמענפאָר, וועלכע זענען מסכּים מיטן חבר לענין אין דער גרוזינישער פראַגע האָבן געהאַט געבונדענע הענט, מחמת דעם באַשלוס פון פּאָליט־ביוראָ פון נאָפּאָלעאָנס ציַיטן. אָט צו וואָס עס האָט דערפירט דיַין איַילעניש. און ערשט איצט, אויפן 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין מערץ 1923 דאַרף דער ענין פּרינציפּיעל געלייזט ווערן. און דער חבר לענין דאַרף אַרויסטרעטן אויפן צוזאַמענפאָר מיט זיַין קוק אויפן ענין אין אַ ברייטערן פאַרנעם. און אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָלטסטו איַין די מאַטעריאַלן פוןביידע קאָמיסיעס און גיסט נישט קיין מעגלעכקייט דעם חבר לענין צו באַקענען זיך מיט זיי, וויסנדיק אַז לענין דאַרף האָבן אויף צוגרייטן זיך מער ציַיט ווי געוויינטלעך. וואָס־זשע זאָל דאָס אַלץ באַדיַיטן ? אַ דועל מיטן פּאַראַליזירטן לענין ? און אפשר ווילסטו אויפן 12־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אויך רעפערירן דיַין פּראָיעקט ?

סטאַלין: איך פּראָטעסטיר קעגן די דאָזיקע אינסינואַציעס.

בוכאַרין: איך אינסינויִר נישט. איך וויַיז בלויז אָן אויף די פאַקטן, וועלכע דו האָסט געשאַפן. אויב זיי רעדן קעגן דיר, איז נישט מיַין שולד. האָב טענות צו זיך, צו דיַין איַילעניש, פאַר וועלכער דער חבר לענין האָט דיך געוואָרנט. איך האָב געענדיקט. (עס הערשט אַ שטילקייט).

קאַמיענעוו: ווער בעט נאָך אַ וואָרט ? (קיינער ווענדט זיך נישט) אויב אַזוי, וועל איך שטימען: ווער איז דערפאַר, אַז די מאַטעריאַלן פון ביידע קאָמיסיעס זאָלן תּיכּף איבערגעשיקט ווערן דעם חבר לענין, בעט איך אויפהייבן אַ האַנט ? (אַלע הייבן אויף זייערע הענט). מיר גייען אַריבער צום ענין, וואָס דער חבר סטאַלין האָט אָוועקגעשטעלט. ווער בעט אַ וואָרט ?

ריקאָוו: איך בעט אַ וואָרט פאָרמעל.

קאַמיענעוו: רעדט.

ריקאָוו: איך אַפּעליר צום חבר סטאַלין, ער זאָל זיַין פאָרשלאָג צוריקציִען.

ענדערן די פערזאָן, וואָס האָט די אויפזיכט איבערן חבר לענין אין איצטיקן מאָמענט, איז נישט געוואונטשן צוליב פאַרשידענע מאָטיוון. עס וועט אויפשווימען אַ כוואַליע מיט פּליאָטקעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אַבסאָלוט נישט גינציקע פאַר אונזער פּאַרטיי.

סטאַלין: איך צי נישט צוריק.

בוכאַרין: און ווידער שטעלסטו דײַן אייגנליבע העכער פון די פּאַרטיי־אינטערעסן. דאָס איז צביעות. אין בעסטן פאַל שפּילסטו זיך מיט אונז ווייסנדיק, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערן קאַנדידאַט אויף דער פונקציע.

סטאַלין: דו איסינויִרסט ווידער.

קאַמיעניעוו: לאָזט צו רו, חברים, אַזוי קאָן מען נישט. דער חבר ריקאָוו איז גערעכט. דעריבער שטעל איך פאָרמעל דעם ווײַט גײיענדיקסטן פאָרשלאָג: אָראָפּנעמען דעם ענין פון דער טאָג־אָרדענונג. איך שטים: ווער איז פאַר דעם פאָרשלאָג? (די הענט הייבן אויף: ריקאָוו, טראָצקי, קאַמיעניעו, זינאָוויעוו). ווער איז קעגן דעם פאָרשלאָג? (די האַנט הייבט אויף סטאַלין). ווער האָט זיך אָפּגעהאַלטן? (בוכאַרין הייבט אויף די האַנט). דערויף שליס איך...

ריקאָוו: ניין, ניין, שליסט נאָך נישט. איך וויל אָפּגעבן אַ פּערזענלעכע דערקלערונג.

קאַמיעניעוו: רעדט.

ריקאָוו: נאָך אַ באַשטימטן ישוב הדעת און באַזונדערס נאָכן אויפקלערן דעם גרוזינישן ענין דורך בוכאַרינען אין לענינס גײַסט, דערקלער איך, אַז איך צי אַרויס מײַן שטיצע פאַר סטאַלינס פּראָיעקט און שטיץ די שטעלונג פון לענינען.

בוכאַרין: דאָס הייסט, אַז די מערהייט פון פּאָליט־ביוראָ איז שוין פאַר לענינען. דײַן קאָנצעפּציע איז זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל, חבר סטאַלין. וואָס זאָגסטו דערצו?

קאַמיעניעוו: מיר נעמען צו קענטעניש אײַער דערקלערונג, חבר ריקאָוו, אָבער צום גרוזינישן ענין וועלן מיר זיך אומקערן מעריטאָריש אויף דער קומענדיקער זיצונג פון פּאָליט־ביוראָ. דערויף דערקלער איך די זיצונג פאַר געשלאָסן.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס צוועלפטע בילד

סטאַלין, קרופסקאַיאַ

סטאַלין: (אין זײַן צימער). איך האָב אײַך גערופן, מיר זאָלן קאָאָרדינירן אונזער אויפזיכט איבער וולאַדימיר איליטשן. ווי איר ווייסט מסתמא, האָט מיר דאָס פּאָליט־ביוראָ אָנפאַרטרויט די בכּבודיקע און פאַראַנט־וואָרטלעכע אויפגאַבע צו היטן זײַן געזונט; איר, חברטע קרופּסקאַיאַ, זענט דאָך כּסדר מיט וולאַדימיר איליטשן. דעריבער דאַרפן מיר אַכט געבן, אַז אונזער אויפזיכט זאָל זײַן דורכגעטראַכט און סינכראָניזירט. די דאָקטוירים אינפאָרמירן מיר, אַז דער געזונט־צושטאַנד פונם חבר לענין איז נישט סטאַביליזירט: אײַן מאָל איז גוט, אַ צווייט מאָל איז שלעכט. דעריבער דאַרפן מיר זײַן פאָרזיכטיק אין אונזער האַנדלונג לגבי אים. דער קלענסטער פעלער פון אונזער זײַט קאָן פאַרערגערן זײַן צושטאַנד. אָבער נישט שטענדיק איז אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך דאָס געוווּנטשן. אַפילו בײַ אונזער בעסטן ווילן.

קרופּסקאַיאַ: רעדט קלאָרער, חבר סטאַלין. וואָס הייסט, אַז „נישט שטענדיק איז אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך דאָס געוווּנטשן?"

סטאַלין: איר ווייסט דאָך פּונקט ווי איך, אַז די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן צו באַפרײַען דעם חבר לענין פון אַלע לויפיקע פּאָליטישע ענינים און פּראָבלעמען. נישט שאַפן קיין שום סבות פאַר אומרו, דענערווירונגען, וועלכע קאָנען בלויז פאַרטיפן די קראַנקהייט. דער דאָזיקער מעדיצינישער רעזשים מוז אָפּגעהיט ווערן מיט דער גאַנצער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט.

קרופּסקאַיאַ: איך מיין, אַז דער מעדיצינישער רעזשים ווערט פּינקטלעך אָפּגעהיט. איך האָב ביז איצט נישט געהערט וועלכע ס'איז אָנקלאַגעס מצד די דאָקטוירים אָדער אַנדערע, אַז עמיצער זאָל האָבן געבראָכן זייערע פאַראָרדענונגען.

סטאַלין: צו דיקטירן די אַרטיקלען און בריוו איז פאַראַן אַ באַזונדער קאָלעקטיוו פון סעקרעטאַרן אונטער דער לייטונג פון חברטע פאָטיעוואַ, נישט אמת?

קרופּסקאַיאַ: אמת, אַזוי איז עס. און דאָס ווערט פּינקטלעך רעאַליזירט

אין הסכם מיטן אַפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן איליטשן און די דאָקטוירים.

סטאַלין: איר, חברטע קרופּסקאַיאַ, געהערט נישט צום דאָזיקן קאָלעקטיוו, אמת?

קרופּסקאַיאַ: ניין, איך געהער נישט צום דאָזיקן קאָלעקטיוו.

סטאַלין: טאָ פאַרוואָס האָט איר זיך, חברטע, דערלויבט אָנצושרײַבן אַ בריוו אונטער דער דיקטאַנדע פון חבר לענין? די פונקציע געהער דאָך נישט צו אײַך. דערמיט, מײַן איך, האָט איר געבראָכן דעם אײַנגעשטעלטן מעדיצינישן רעזשים.

קרופּסקאַיאַ: ניין, איך האָב אַבסאָלוט נישט געבראָכן דעם מעדיצינישן רעזשים.

סטאַלין: איר האָט געשריבן, צי נישט געשריבן?

קרופּסקאַיאַ: איך האָב געשריבן.

סטאַלין: דערמיט האָט איר געבראָכן דעם מעדיצינישן רעזשים.

קרופּסקאַיאַ: ניין. איך האָב נישט געבראָכן דעם מעדיצינישן רעזשים.

סטאַלין: וואָס באַדייט אײַער „ניין”? איר פּלאָנטערט דאָך בפירוש. ווו איז אײַער לאָגיק? פאַרוואָס ווילט איר נישט באַצייכענען אײַער האַנדלונג מיטן אמתן נאָמען, בשעת איר זענט זיך מודה צום פאַקט גופא פון שרײַבן?

קרופּסקאַיאַ: ערשטנס וואָלט איך אײַך געוואָלט בעטן, חבר סטאַלין, איך זאָלט צו מיר נישט רעדן מיט דער שפּראַך פון אַן אויספאָרש־ריכטער. צווייטנס פּלאָנטער איך נישט. איידער איך בין צוגעטראָטן צום שרײַבן דעם בריוו, וואָס וואָלאָדיאַ האָט מיך געבעטן, האָב איך אָנגעקלונגען צום פּראָפ. פערסטער און געבעטן זײַן דערלויבעניש, וועלכע איך האָב תיכף באַקומען. אַזוי אַרום בין איך נישט באַגאַנגען קיין שום ברוך פון אײַנגעשטעלטן מעדיצינישן רעזשים.

סטאַלין: דער פּראָפ. פערסטער האָט מיר וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

קרופּסקאַיאַ: דערפאַר בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך. איבעריקנס קאָנט איר אים פרעגן, אויב איר האָט נישט צו מיר קיין צוטרוי.

סטאַלין: איך וועל נישט לויפן צום פּראָפ. פערסטער מיט יעדער קליינינקייט.

קרופּסקאַיאַ: אויב דאָס איז אַ קליינינקייט, צו וואָס האָט איר מיך

אַרויסגערופן צו זיך, אַוועקגעשטעלט מיך אין דער ראָל פון אַ באַשול־דיקטער, וועלכע ברעכט כלומרשט דעם מעדיציניש רעזשים? צו וואָס? זײַט פּאָרזיכטיק, חבר סטאַלין, מיט אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען. פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַחוץ אַלעמען קרופּסקאַיאַ, חבטע קרופּסקאַיאַ. איך בין אויך די פרוי פון וולאַדימיר איליטש לענין...

סטאַלין: אמת, איר זענט זײַן פרוי, אָבער דער חבר לענין איז נישט אײַער אייגנטום. ער געהער צו אונז אַלעמען, און די זאָרג פאַר זײַן לעבן גייט אונז אָן נישט ווינציקער ווי אײַך.

קרופּסקאַיאַ: דאָך אַ געוויסער קלײנער אונטערשיד איז פאַראַן, מײַן איך. וואָלאָדיאַ האָט זיך זײַן פערזענלעך לעבן וואָס מיר טיילן צוזאַמען...

סטאַלין: ווי איך זע, דערגייען נישט מײַנע רייד צו אײַער באַוווסטזיין. דעריבער וועל איך זײַן געצוווּנגען איבערגעבן אײַער ענין צו דער צענטראַלער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

קרופּסקאַיאַ: איך מײַן, חבר סטאַלין, אַז איך קאָן זיך ווינשטן אַ מער העפלעכע באַציִונג צו מיר.

סטאַלין: אונזער שמועס האָלט איך פאַר געענדיקט.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס דרײַצנטע בילד

זינאָוויעוו, קרופּסקאַיאַ

קרופּסקאַיאַ זיצט אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן טיש אונטערהאַלטנדיק דעם קאָפּ מיט אירע הענט. עס קומט אַרײַן זינאָוויעוו.

זינאָוויעוו: גוט מאָרגן, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ. וואָס איז געשען? די חברטע פאָטיעוואַ האָט צו מיר געקלונגען, אַז איך זאָל תיכף קומען צו אײַך. איך מײַן, אַז בעסער וואָלט געווען, ווען איר וואָלט אָנגעקלונגען צום חבר סטאַלין. ער האָט די פולמאַכטן פון פּאָליט־ביוראָ. צי איז עפּעס געשען מיט וולאַדימיר איליטשן? אפשר וואָלט מען געדאַרפט רופן אַ קאָנסיליום?

קרופסקאַיאַ: איר זענט גערעכט, חבר זינאָוויעוו, מען דאַרף טאַקע רופן די דאָקטוירים, אָבער נישט צו וואָלאָדיאַ, נאָר צו מיר. איך בין קראַנק, זייער קראַנק.

זינאָוויעוו: וואָס איז מיט אײַך, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, רעדט, אָבער אָן מעטאַפאָרן.

קרופּסקאַיאַ: (שווייגט. הייבט אָן שטיל צו וויינען).

זינאָוויעוו: באַרויִקט אײַך, חברטע קרופּסקאַיאַ, זאָגט שוין, וואָס איז געשען? צי האַלט עס טאַקע אַזוי שלעכט מיטן חבר לענין?

קרופּסקאַיאַ: טייערער חבר זינאָוויעוו. (באַמיט זיך צו באַרויִקן). ער האָט מיך אַזוי דערנידעריקט. ער דראָט מיר מיט סאַנקציעס פון דער צענטראַלער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע. פינעף און צוואַנציק יאָר בין איך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און קיינער האָט מיך ביז איצט נישט באַליידיקט. און ער האָט זיך דערלויבט אויף אַזאַ גראָבקייט...

זינאָוויעוו: וועגן וועמען רעדט איר דאָס אַזוי? איך פאַרשטיי גאָרנישט.

קרופּסקיאַ: באמת, אַנטשולדיקט. איך בין אַזוי צעמישט, אַז עס איז מיר שווער צו קאָנצענטרירן זיך. נעכטן האָט דער חבר סטאַלין מיך אַרויסגערופן צו זיך. אין אָנהייב האָט ער מיט מיר געשפּילט אין דיפּלאָמאַטיע. שפּעטער אָבער האָט ער געוויזן וואָס ער קען. ער האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך ברעך דעם אײַנגעשטעלטן דורך די דאָקטוירים רעזשים, אַז איך האָב נישט געטאָרט אָנשרײַבן דעם בריוו, וואָס וואָלאָדיאַ האָט מיר דיקטירט. איך האָב אים אויפגעקלערט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען, אַז אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. אָבער ער לאָזט נישט רעדן צו זיך. נעמט נישט אין אַכט מײַן דערקלערונג. ער האָט, אויף וויפל מיר שײַנט, עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענעם ציל. איך פיל, אַז ער האָט בדעה צו איזאָלירן מיך פון וואָלאָדיאַ, פאַרוואָס, ווייס איך נישט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן מיט וואָלאָדיאַן. צו וואָס דאַרף ער זיך אויפרעגן? אָבער געווען איז אַנדערש. וואָלאָדיאַ איז זייער גיך געוווּיר געוואָרן וועגן דעם אינצידענט. ווי אַזוי, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. ווער עס האָט אים דאָס דערציילט, וויל ער נישט זאָגן. אויף מיר מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי סטאַלין אַליין וואָלט געווען פאַראינטערעסירט, אַז וואָלאָדיאַ זאָל זיך ווי צום שנעלסטן דערוויסן וועגן

דעם אינצידענט... וואָלאָדיאַ איז אויפגעבראַכט, און אים האָט אַלץ אויפגעקאָכט. ער וויל שרייבן אַ בריוו צו סטאַלינען. איך רעד אים אָפּ, ער זאָל דאָס נישט טאָן. דאָס רעגט אים דאָך אויף. אָבער מיינע רייד העלפן נישט. דעריבער וויל איך איר זאָלט מיר העלפן. רעדט איבער מיט וואָלאָדיאַ, אַז עס לוינט נישט. די באַציִונגען צווישן וואָלאָדיאַ און סטאַלינען זענען אַזוי אויך געשפּאַנטע צוליבן גרוזינישן ענין.

זינאָוויעוו: גוט, אַ געלעגנהייט האָט זיך גראָד געמאַכט. איך האָב געקלונגען צו פּאָטיעוואַן און באַשטעלט אַ וויזיט ביי וולאַדימיר איליטשן, איך קום צו אים מיט אַ פראַגע. גלייכצייטיק וועל איך באַרירן אויך אייער ענין.

פּאָרהאַנג פּאַלט

דאָס פּערזענטע בילד

לענין, זינאָוויעוו, קרופּסקאַיאַ, וואָלאָדיטשעוואַ

זיצט ביים ראַדיאָ און הערט טשייקאָווסקיס אַ וואַלס. אונטערן טאַקט פון דער מוזיק באַוועגט ער עלאַסטיש מיט דער לינקער האַנט. עס קומען אַריין קרופּסקאַיאַ און זינאָוויעוו. לענין שליסט אויס דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

זינאָוויעוו: אַ גוטן אָוונט אייך, חבר לענין.

לענין: אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט, וואָס פאַראַ גאַסט, וואָס פאַראַ גאַסט. שוין לאַנג אייך נישט געזען, חבר זינאָוויעוו. צי וואָלט איר אפשר געקאָנט לויט דער ליניע פון קאָמינטערן אינטערווענירן ביי מיינע דאָקטוירים, זיי זאָלן מיך אַרויסלאָזן אויף דער פריי. איך פיל, אַז איך וואָלט שוין געקאָנט זיך אומקערן צוריק צו מיין אַרבעט. על כל פנים אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן. אָבער גיי רעד מיט די דאָקטוירים, זיי זענען פאַרליבט אין זייער פאַך. דער פּאַציענט איז מער נישט אַ צוגאָב צו זייערע עקספּערימענטן. האָב איך זיך דאָס אַביסל צערעדט, און די צייט לויפט. איר האָט דאָך זיכער צו מיר אַ געוויסן ענין. איר זענט דאָך נישט געקומען צו מיר סתם אַזוי זיך אויף אַ מאָטל. דאָס זענען

דאָך נישט יענע צײַטן פֿון דער שוויץ, ווען מיר האָבן געקאָנט אַזוי שעהנוויַיז זיצן און „באַלאַקאַטי", ווי עס זאָגן די אוקראַינער.

זינאָוויעוו: אַזוי איז דאָס נישט, חבר לענין. קודם כּל האָב איך זיך געוואָלט מיט אײַך זען, איך האָב געהערט, אַז אײַער געזונט־צושטאַנד פֿאַרבעסערט זיך, האָב איך זיך אָנגענומען מיט דרײַסטקייט, כּדי זיך מיט אײַך צו באַראַטן.

לענין: וועגן קאָמינטערנישע ענינים מסתמא?

זינאָוויעוו: נאָר ווי דען?... ווי אַן אַלטע שקאַפֿע צי איך דעם וואָגן... לעצטנס לאָזן מיר די ענגלענדער נישט צו רו. יעדע פֿון די צוויי עקזיסטירנדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען שלאָגט זיך אין קאָמינטערן דערפֿאַר, מען זאָל איר אָנערקענען די בכורה אין רעפּרעזענטירן דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט. פֿאַרבלענדט פֿון אַ מעגאַלאָמאַניע זעען זיי נישט, אַז דערווײַל, לײַדער, רעפּרעזענטירט דעם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס די לייבאָר־פּאַרטיי... ביידע קאָמוניסטישע פּאַרטייען צוזאַמען האָבן אַ נישטיקע צאָל מיטגלידער. אָבער אַמביציע פֿאַרמאָגן זיי פֿאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו זייערע פּאָליטישע אײַנפֿלוסן. זיי זענען טיפּישע סעקטאַנטן...

לענין: אַמאָל איז אַזאַ פּאָזיציע אויך גוט. איך האָב געהערט, אַז דער גרויסער פּוילישער פּאָעט אַדאַם מיצקיעוויטש האָט אַמאָל אָנגעשריבן: „מעסט דײַנע כּוחות לויט דער השגה און נישט די השגה לויט די כּוחות".

קרופּסקאַיאַ: זייער שיין אָנגעשריבן...

זינאָוויעוו: באמת, פּרעכטיק אָנגעשריבן. אָבער דערווײַל האָט עס נישט קיין שייכות צו די ענגלישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. בײַ זיי איז עס בלויז מעגאַלאָמאַניע.

לענין: נו און אַז קאַרל ליבקנעכט, זייענדיק אין 1916 אין דײַטשן פּאַרלאַמענט דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער דעפּוטאַט, קאָנסעקווענטער אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט אַליין בלויז געשטימט קעגן דעם מלחמה־ביודזשעט פֿון קייזער ווילהעלם דעם צווייטן — צי האָט ער נישט געהאַנדלט אין גײַסט פֿון אַדאַם מיצקיעוויטשעס רעוואָלוציאָנערן געדאַנק?

זינאָוויעוו: אָבער ווי זאָל איך זיך דערווײַל אַן עצה געבן מיט מײַנע צעקריגטע צווישן זיך ענגלישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען?

לענין: אין דעם פֿאַל וואָלט איך געראָטן נישט צו אײַלן זיך. אונזער

ציל איז צו דערפירן צו זייער פּאַראַייניקונג. דערווייל זאָלן זיי דיסקוטירן צווישן זיך ביז זיי וועלן קומען צו אַ הסכם.

זינאָוויעוו: איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. איך האָב געוואָלט בלויז איבערצײַגן זיך אין דער ריכטיקייט פון מײַן שטעלונג. אָבער דער חבר סטאַלין האָט נישט מײַנע דאגות; ער קאָן זיך דערלויבן, ווי יעדער גרוזין, אויף וויצן, ווי למשל זײַנע טענות צו אײַער נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, הלמאי זי איז געוואָרן איינע פון אײַערע סעקרעטאַרינס.

לענין: נאַדיאַ איז קיין מאָל נישט געוועזן מײַנע אַ סעקרעטאַרין. די דאָזיקע פונקציע פירט אויס די חברטע פאָטיעוואַ מיט איר קאָלעקטיוו. אַ שיינער וויץ. די גרוזינער האָבן בעסערע וויצן. (הייבט אָן נערוועז אַרומצופאָרן מיטן ווענעלע איבערן צימער).

זינאָוויעוו: ער האָט צו איר טענות, הלמאי זי האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ בריוול אונטער אײַער דיקטאַנדע.

לענין: איך האָב געהערט וועגן דער דאָזיקער חכמה... אויף אָנצושרײַבן אַ פּריוואַט בריוול האָט זי געדאַרפט באַקומען זײַן דערלויבעניש... אַ פערד וואָלט זיך צעלאַכט... (ווערט אַלץ מער צערייצט).

זינאָוויעוו: סטאַלין האַלט, אַז מיט איר האַנדלונג האָט זי געבראָכן דעם מעדיצינישן רעזשים.

לענין: אַז איך בעט נאַדיען אָנצושרײַבן מיר עפּעס. טאָ וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס מיטן מעדיצינישן רעזשים? אויך מיר אַ לאָגיק... איך האָב איר אַפילו נישט דיקטירט, זי האָט אַליין געוווסט וואָס זי דאַרף שרײַבן.

זינאָוויעוו: סטאַלין האַלט, אַז וועגן אַלץ דאַרפן וויסן די דאָקטוירים און אַז ער דאַרף אויך וועגן אַלץ וויסן, ווײַל ער איז פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פּאָליט-ביוראָ פאַר אײַער געזונט-צושטאַנד.

לענין: ניין, אַלץ האָט זײַנע גרענעצן (הייבט ווידער אָן נערוועז אַרומצופאָרן מיטן ווענעלע איבערן צימער). איך קאָן וועגן דעם נישט אַריבערגיין צו דער טאָג-אָרדענונג. איך קאָן נישט דערלויבן קיינעם אַרײַנצומישן זיך אין מײַנע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן. איך בעט איבערגעבן די מיטגלידער פון פּאָליט-ביוראָ, אַז איך ווינטש זיך נישט אַזאַ זאָרג פאַר מיר...

קרופּסקאַיאַ: נעם זיך דאָס נישט אַזוי צום האַרצן, וואָלאָדיאַ. וואָס עס איז געווען, איז געוועזן, איך האָב אים דאָס שוין מוחל געווען.

לענין: וואָס הייסט „וואָס עס איז געווען, איז געווען?" איך וועל אים דאָס נישט שענקען. איך וועל צו אים אָנשרײַבן אַ בריוו.

זינאָוויעוו: צי לוינט עס צוליב דעם זיך אויפרעגן? איר דאַרפט האָבן רו. איך מיין, אַז נאַדיאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ איז גערעכט.

לענין: ניין, איר זענטביידע נישט גערעכט. גראָבקייט דאַרף געשטעמפּלט ווערן אַלס גראָבקייט. איך וועל דעם דאָזיקן ענין נישט פאַרשווײַגן, בפרט אַז ער איז שוין געוואָרן באַקאַנט און דעריבער באַקומען אַ געזעלשאַפט־לעכן כאַראַקטער. נאַדיאַ, פאַרבעט אַהער די חברטע וואָלאָדיטשעוואַ, איך האָב זי אויף הײַנט באַשטעלט צו מיר, זי וואַרט שוין מן הסתם אין אַנדערן צימער. (קרופּסקאַיאַ גייט אַרויס און קומט צוריק מיט וואָלאָדיטשעוואַ).

וואָלאָדיטשעוואַ: אַ גוטן אָוונט אײַך, חבר לענין? ווי פילט איר זיך, חבר לענין?

לענין: ווי אַ לעבעדיקע הון אויף אַן אָנגעגליטן בראָט־אײַזן...

זינאָוויעוו: אויב אַזוי, וועל איך שוין גיין.

לענין: ניין, פאַרבלײַבט. איך וויל איר זאָלט הערן, וואָס איך וועל אָנשרײַבן צו סטאַלינען. דאָס איז זייער וויכטיק...

זינאָוויעוו: פונדעסטוועגן, גיט אַ טראַכט, צי עס לוינט זיך באמת?

לענין: איך האָב שוין באַשלאָסן. (צו וואָלאָדיטשעוואַ). נעמט פּאַפּיר און שרײַבט:

צום חבר סטאַלין

אײַער האַנדלונג לגבי מײַן פרוי איז געווען ברוטאַל. איר האָט זי אַרויסגערופן צו זיך און זי אויסגעזידלט. הגם זי איז גרייט אײַך מוחל צו זײַן, אָבער וועגן דעם פאַקט ווייסן שוין זינאָוויעוו און קאַמיעניעוו, און איך האָב נישט בדעה אַזוי לײַכט דאָס צו פאַרגעסן. ס'איז קלאָר, מיטן באַליידיקן מײַן פרוי האָט איר באַליידיקט אויך מיך. דעריבער בעט איך אײַך, אַז איר זאָלט זיך באַטראַכטן, צי זענט איר גרייט צוריקציִען די געזאָגטע מײַן פרוי ווערטער אָדער איר ווילט בעסער איבעררײַסן מיט מיר אַלע באַציִונגען? **לענין.**

דעם 6־טן מערץ 1923.

(שווײַגט אַ געווויסע צײַט, טראַכט. ווענדט זיך צו וואָלאָדיטשעוואַ):

נעמט אַן אַנדער בויגן פּאַפּיר און שרײַבט.

וואָלאָדיטשעווא: איך הער אײַך, חבר לענין.

לענין: צו די חברים מדיוואַני, מאַכאַראַדזע און אַנדערע

חשובע חברים,

מיט דער גאַנצער נשמה פאָלג איך נאָך דעם פאַרלויף פון אײַער ענין. איך בין אויפגעבראַכט צוליב דער גרוביאַנישער אויפפירונג פון אָרדזשאָ־ניקידזען און צוליבן אָנשפּאַר, וועלכן ער באַקומט בײַ סטאַלינען און דזיערזשינסקין. איך גרייט פאַר אײַך נאָטיצן און אַ רעדע אויפן צוזאַמענפאָר.

מיט דרך־ארץ — לענין

דעם 6־טן מערץ 1923.

(הייבט אָן נערוועז צו פאָרן איבערן צימער. אַלע פאָלגן נאָך זײַנע באַוועגונגען. דאָס וועגעלע בלײַבט פּלוצים שטיין. לענין פאַלט אַרויס פון דעם. מען הייבט אים אויף, אַרײַנזעצנדיק אים אויפסנײַ אינעם וועגעלע. קרופּסקאַיאַ דריקט אָן אַ קנעפּל אויפן טיש. עס קומט אַרײַן דער דאָקטער קראַמער. לענין באַוועגט מיט דער האַנט אַרויסגעבנדיק נישט אַרטיקולירטע קלאַנגען...)

דר. קראַמער: אַ נייער אַטאַק פון פּאַראַליזש. לענין האָט פאַרלוירן דאָס לשון.

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס פּופּצנטע בילד

סטאַלין, בוכאַרין, ראַקאָווסקי, סקריפּניק און מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון 12־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — סטאַטיסטן.

סטאַלין: אַלס רעפערענט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע עפן איך די זיצונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון 12־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. איך באַדויער זייער, וואָס צווישן אונז איז נישטאָ פאַראַן אונזער גרויסער לערער וולאַדימיר איליטש לענין, וואָס מיר קאָנען נישט אויסהערן זײַן וואָגיק וואָרט וועגן דעם פּראָבלעם. אין נאָמען פון אונז אַלעמען, דאָ

פאַרזאַמלטע שיק איך אים איבער אונזער פּלאַמיקן גרוס (אַפּלאַדיסמענטן).
מײַן שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אײַך גוט באַקאַנט. איך וויל בלויז דערמאָנען איר גרונט־געדאַנק. בײַם שאַפן דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן טרעטן אַרויס צוויי טענדענצן: אַ קאָנסטרוקטיווע און אַ דעסטרוקטיווע. די קאָנסטרוקטיווע טענדענץ איז די נאַטירלעכע שטרעבונג פון אַלע נאַציעס און נאַציאָנאַליטעטן פון אונזער גרויסן ראַטן־לאַנד צו פאַראייניקן זיך עקאָנאָמיש, מיליטעריש, אויפן געביט פון דער אויסערן־פּאָליטיק, אויסערן־האַנדל, פּאָסטוועזן אַדגל. די דעסטרוקטיווע טענדענץ געפינט איר אויסדרוק: פון איין זײַט אינעם וווקס פון גרויסרוסישן שאָוויניזם, פון דער צווייטער זײַט אינעם וווקס פון נאַציאָנאַליזם פון די קליינע פעלקער. אמת איז, אַז דער געפערלעכסטער נאַציאָנאַליזם איז דער רוסישער, דער גרויסמעכטיקער. אָבער אונזער לאָזונג דאַרף זײַן: קאַמף אויף צוויי פראָנטן. מיר הייבן אָן די דיסקוסיע. ווער בעט אַ וואָרט?

בוכאַרין: איך בעט אַ וואָרט.

סטאַלין: רעד.

בוכאַרין: דאָס מזל האָט דיר צוגעשפּילט, ביסט ווידער דער רעפערענט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער פאַרוואָס האָט דיר אויסגעפעלט ערלעכקייט צו רעפערירן פאַר אונז אויך דעם חבר לענינס שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און אין דער גרוזינישער בפרט?

סטאַלין: ווײַל עס איז נישט אַרײַנגעפאַלן צו דער קאָמיסיע קיין שום אָפיציעלער דאָקומענט פונם חבר לענין.

בוכאַרין: אָבער דער רעפערענט ווייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין אָפיציעלער דאָקומענט בלויז דערפאַר, ווײַל דער פאַראַליזש איז פאַרלאָפן דעם וועג פון אָנשרײַבן אַזאַ דאָקומענט.

סטאַלין: צום באַדויערן, אַזוי איז עס, נאָר דער אומשטאַנד ענדערט נישט די פאַקטישע לאַגע, אַז קיין אָפיציעלער דאָקומענט פון חבר לענין אין דער פראַגע איז נישט פאַראַן.

בוכאַרין: און די אַרטיקלען און בריוו פונעם חבר לענין אין דער פראַגע זענען פאַרן רעפערענט נישט מאַסגעביק?

סטאַלין: דער חבר לעניִן האָט קיינמאָל נישט טראַקטירט זײַנע אַרטיקלען און בריוו ווי גלײַכוועריטיקע צו פּאַרטייאישע דאָקומענטן. איבעריקנס האָט דער חבר לעניִן שטענדיק באַטראַכט זײַנע געדאַנקען און אידעען אַלס דיסקוטאַבלע.

בוכאַרין: מיט אַנדערע ווערטער, דעם חבר לעניִנס אָנשווייזונגען דאַרפן טראַקטירט ווערן אַלס דיסקוטאַבלע, אָבער די אָנשווייזונגען פון חבר סטאַלין דאַרף מען באַטראַכטן אַלס פּאַרטייאישע דאָקומענטן... פון ווען אָן ?... און צו וואָס איז נייטיק דײַן דעקלאַמאַציע וועגן די „וואָגיקע ווערטער" פון חבר לעניִן ? דאָס איז בלויז צביעות. האָסט דאָך געקאָנט על כל פנים רעפערירן לעניִנס שטעלונג אַלס דיסקוטאַבלע ?

סטאַלין: איך בין געווען געבונדן מיט דעם באַשלוס פונעם פּאָליט-ביוראָ. איבעריקנס איז שוין פאַראַן די רעזאָלוציע פון 10טן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, וועלכע האָט אַקצעפּטירט מײַן פּראָיעקט.

בוכאַרין: און ווו איז די אָנפירנדיקע ראָלע פון דער פּאַרטיי ?

סטאַלין: דער 12־טער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי — דאָס איז זי די אָנפירנדיקע קראַפט. דער צוזאַמענפאָר, ער וועט אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן מײַן פּראָיעקט, וואָס וועט שפּעטער זײַן חל פאַר אַלעמען פאַרן פּאָליט-ביוראָ און פאַרן אויבערראַט פון די סאָוועטן. אַלץ געשעט לויט דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע.

בוכאַרין: הויכע ווערטער, באַפליגלטע ווערטער, אָבער וואָס באַהאַלט זיך הינטער זיי ? הינטער זיי באַהאַלט זיך דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון צענטראַל-קאָמיטעט, וועלכער האָט באַשטימט דעם צוזאַמענשטעל פון דער נאַציאָנאַליטעטן-קאָמיסיע, ווי ער האָט באַשטימט די פּערזאָן פון רעפערענט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע... וואָרנט דאָך דער חבר לעניִן אין זײַן בריוו צו די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר צו זײַן פאָרזיכטיק לגבי דײַן אומ־לאָיאַלקייט אין באַגיין זיך מיט דער ריזיקער מאַכט, וואָס דו האָסט אין דײַן האַנט...

סטאַלין: קאָנסט אַרײַנטראָגן אַ פאָרשלאָג אַראָפּצונעמען מיך אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר, אויב דו האָסט נישט קיין צוטרוי צו מיר.

בוכאַרין: דאָס האָט שוין לענין געטאָן פריִער פאַר מיר אין זײַן בריוו צום איצטיקן צוזאַמענפאַר.

סטאַלין: חברים דעלעגאַטן, דער חבר בוכאַרין האָט אַזוי צעבלאָזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַז ער האָט פאַרגעסן לענינס לערע, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז בײַ אונז באַלשעוויקעס שטענדיק געווען אונטערגעאָרדנט דעם פּראָבלעם פון קלאַסן־קאַמף, דעם פּראָבלעם פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פון דער מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַוועקשטעלן דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ יורידיש־מאָראַלישער סיטואַציע פון אומגלײַכקייט לגבי די אַמאָל אונטערדריקטע פעלקער פון רוסלאַנד — הייסט באַגיין מער ווי אַ נאַרישקייט. דאָס וואָס בײַ לענינען איז געווען בלויז אַ באַשטימטע רעדנס־אַרט, אַ מין בילדלעכע אויסדרוקס־פאָרם, האָט בוכאַרין דערהויבן צום ראַנג פון אַ פּאָליטישן לאָזונג.

בוכאַרין: ניין. נישט קיין באַשטימטע רעדנס־אַרט איז דאָס געווען בײַ לענינען. לענין האָט אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם עלעמענט אין אויפפאַסן די נאַציאָנאַלע פראַגע, אין אָנווענדן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. לענין וואַרפט זיך נישט סתם מיט ווערטער, ער פאַרנעמט זיך נישט מיט שיין־רעדערײַ. ער האָט דאָס מיר אויפגעקלערט אין אַ שמועס מיט מיר. איבעריקנס האָט ער וועגן דעם געשריבן עפּנטלעך. דאָס איז אַ נײַע אידעע.

סטאַלין: דו אינטערפּרעטירסט פאַלש לענינען.

בוכאַרין: ניין. דו פאַרקריפּלסט לענינען. דו ניצסט אויס זײַן אָפּוועזנהייט. וואָלט דאָ לענין איצט געווען, וואָלט ער דיר געמאַכט אַזאַ באַד. אַז דו און דײַנע חברים וואָלטן דאָס פאַרגעדענקט אויף אַ צענדליק יאָר...

סטאַלין: אָבער לענינס ביז איצטיקע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק באַווײַזט פונקט דאָס פאַרקערטע. ווי האָט לענין געהאַנדלט אין יאָר 1920, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך געפונען הינטער וואַרשע? ער האָט דעמלט אונטערגעאָרדנט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּוילן דער אידעע פון נצחון פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע.

בוכאַרין: אָבער לענין האָט תיכף אָפּגעשאַצט דעם פעלער און כסדר

איבערגעחזרט, אַז די רויטע אַרמיי האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה ביי וואַרשע.

סטאַלין: ווייל טוכאַטשעווסקי האָט שטאַרק צעצויגן דעם צפון־מערבדיקן פראָנט און זיך אָפּגעריסן פון בודיאָנניס פּרעכטיקער קאַוואַלעריע אויפן דרום־פראָנט.

בוכאַרין: נישט דאָס האָט לענין אין זינען געהאַט. די מיליטערישע מפּלה איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פּאָליטישער מפּלה.

סטאַלין: דאָס אינטערפּרעטירסטו אַזוי און דערביי פאַלש.

בוכאַרין: ניין, דאָס איז נישט מיין אינטערפּרעטאַציע און נישט קיין פאַלשע, נאָר לענינס — און אַ ריכטיקע. נישט צופעליק האָט דער חבר לענין אויף דער 9־טער קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי איבערדערציילט די דערקלערונג פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, וועלכע איז אין מערץ 1921 געקומען צו אונז צו שליסן מיט אונז אַ שלום. די דעלעגאַציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז נישט די מיליטערישע און פינאַנסיעלע הילף פון דער אַנטאַנט האָט גורם געווען דעם נצחון פון פּוילישן מיליטער אין 1920 אונטער וואַרשע, נאָר דער פּאַטריאָטיזם פון פּוילישן פאָלק. אייניקע פּוילישע קאָמוניסטן האָבן לענינען פאָרגעלייגט דעמלט צו פאַרהאַלטן דעם מאַרש פון דער רויטער אַרמיי ביים בוג, אויף דער אַזוי גערופענער קערזאָן־ליניע. דערמיט וואָלטן מיר געוויזן דעם פּוילישן פאָלק, אַז מיר רעספּעקטירן די אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט פון דער פּוילישער מלוכה. דער פּוילישער אַרבעטער און פּויער האָבן נישט באַטראַכט די רויטע אַרמיי אַלס אַ באַפרייערין, נאָר ווי דעם אַלטן רוסישן אָקופּאַנט, וועלכער האָט געשטיקט און געדריקט פּוילן אין משך פון 150 יאָר. קומסטו איצט, סטאַלין, און ווילסט איבערחזרן אונזער פּאָליטישן פעלער פון הינטער וואַרשע, נישט אין אַכט נעמען די גלייכווערטיקע ראָלע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז פּאָליטישע דאָקטרינערישקייט און סעקטאַנטישקייט און נישט לענינס שעפערישע פּאָליטיק.

סטאַלין: איך מיין, אַז אונזערע שטעלונגען זענען גענוג קלאָר.

ראַקאָווסקי: איך און די חברים בוכאַרין, סקריפּניק און יאַקאָוולעוו לייגן פאָר צו באַזייטיקן פון חבר סטאַלינס רעזאָלוציע־פּראָיעקט דעם

פונקט, אין וועלכן עס ווערט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון א קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם פון די קליינע פעלקער אין אונזער לאַנד צוגלייך מיטן קאַמף קעגן גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם.

סטאַלין: איך שטים: ווער איז פאַרן פאָרשלאַג פון חבר ראַקאָווסקי בעט איך אויפהייבן אַ האַנט. (ציילט) 8 שטימען. ווער איז קעגן דעם פאָרשלאַג פונם חבר ראַקאָווסקי? (ציילט) 14 שטימען. ווער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען? (ציילט) 3 שטימען האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. דער פאָרשלאַג פון חבר ראַקאָווסקי און חברים איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען.

ווער איז פאַרן פּראָיעקט פון סטאַלינען? (ציילט) — 17 שטימען. ווער קעגן? (ציילט) — 8 שטימען. ווער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען? קיינער. דער פּראָיעקט פון סטאַלינען איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ דערדריקנדיקער מערהייט שטימען.

בוכאַרין: דער באַשלוס וועט אונז קאָסטן טייערער ווי די מפּלה הינטער וואַרשע.

ראַקאָווסקי: נאָכן שאָס פון פאַניע קאַפּלאַן אין 1918 איז דאָס דער צווייטער שאָס אין לענינען. אַ פאַרשווערונג קעגן לענינען.

שטימען אויפן זאַל: וואָס באַדייט דאָס? וואָס פאַרא שאָס? וואָס פאַרא פאַרשווערונג? זאָל לעבן דער חבר סטאַלין, הוראַ, הוראַ, הוראַ. (אויפן זאַל איז אַ טומל. ווען עס ווערט שטיל, זאָגט סטאַלין).

סטאַלין: דערמיט דערקלער איך די זיצונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיע פון 12־טן צוזאַמענפאָר פון דער אַלרוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) פאַר געשלאָסן. זאָל לעבן דער פירער פון אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, דער חבר לענין, הוראַ.

סקריפּניק: ביסט אַ ציניקער.

(אַלע שטייען אויף פון די ערטער און סעקונדירן): הוראַ, הוראַ, הוראַ. (סטאַלין הייבט אָן צו זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. די פאַרזאַמלטע כאַפּן אונטער. בוכאַרין, ראַקאָווסקי, סקריפּניק, יאַקאָוולעוו און זייערע אָנהענגער שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זינגען נישט).

פאָרהאַנג פאַלט

עפּילאָג

איבער דער סצענע הענגט אַ טראַנספּאַרענט: 1936—1940. אויף דער סצענע, אויף דער וואַנט אַנטקעגנאיבער דעם זאַל הענגט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון סטאַלינען.

אַ שטים פון הינטער דער סצענע: לויטן פּסק פון מיליטערישן געריכט זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן די שפּיאָנען בוכאַרין, ריקאָוו, זינאָוויעוו, קאַמיענעוו. (פון דער לינקער זײַט גייען אַרויף אויף דער סצענע די אויסגערעכנטע אין תפיסה־מלבושים און מיט אָפּגעשוירענע קעפּ, געשמידטע אין אײַן קייט אויף אַ שטח פון אַ האַלבן מעטער. לאַנגזאַם רוקן זיי זיך איבער דער סצענע. ווען זיי פאַרלאָזן זי, הערט מען אַ זאַלפּ פון 4 שאָסן).

אַ שטים פון הינטער דער סצענע: לויטן פּסק פון מיליטערישן געריכט זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן די שפּיאָנען ראַקאָווסקי, סקריפּניק, יאַקאָוולעוו. (די סצענעריע חזרט זיך איבער. אַ זאַלפּ פון דרײַ שאָסן).

אַ שטים פון הינטער דער סצענע: לויטן פּסק פון מיליטערישן געריכט זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן די שפּיאָנען מדיוואַני, מאַכאַראַדזע, ציכצאַדזע. (די סצענעריע חזרט זיך איבער. אַ זאַלפּ פון דרײַ שאָסן).

אַ שטים פון הינטער דער סצענע: לויט אַ ספּעציעלן מיליטערישן געריכט איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן דער שפּיאָן, דער אַגענט פון היטלערן — טוכאַטשעווסקי. (ווען ער פאַרלאָזט די סצענע, הערט מען אײַן שאָס).

אַ שטים פון הינטער דער סצענע: לויט אַ פּסק פון אַ מיליטערישן געריכט איז אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט: טראָצקי

(אויף דער סצענע באַווײַזט זיך ציוויל געקליידט, נישט אָפּגעשוירן, טראָצקי. לאַנגזאַם רוקט ער זיך איבער דער סצענע. ווען טראָצקי געפינט זיך אין דער מיט פון דער סצענע, אין פּוס־טראַט נאָך אים באַווײַזט זיך אַ געשטאַלט אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, אין אַ מאַסקע פון אַ טויטן שאַרבן, מיט אַן אויפגעהויבענער האַק. לאַנגזאַם גייט ער נאָך טראָצקין. ווען זיי פאַרלאָזן די סצענע, הערט מען אַ גרויזאַמען קרעכץ).

אַן אומהיימלעבע שטילקייט: מוזיק. עס הערן זיך טאַקטן פון דער

טרויער־מעלאָדיע פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן: מי זשערטוואָיו פאלי
וו באָרביע ראָקאָוואָי... מיר, געפאַלענע קרבנות אין גורלדיקן קאַמף...

פאָרהאַנג פאַלט

סוף

קאָפּנהאַגן דעם 23־טן מאַי 1985

ליבשאַפט און שטראָף

דראַמע אין 11 בילדער מיט אַ פּראָלאָג

לויט שמעון פרוגס באַלאַדע
„דעם שמשס טאָכטער"

אונזערע פריינט
שרה און אַלפרעד ווײַס
מיט ליבשאַפט

עס נעמען אָנטייל:

גמליאל — רב פון שטעטל 60 יאָר אַלט

דאָבע — זײַן װײַב

חיים — שמש

גיטל — זײַן װײַב

אסתרקע — זייער טאָכטער 8 יאָר אַלט און 18 יאָר אַלט

דוד — מלמד

לייבעלע — ארענדאַר

באַשע — זײַן װײַב

אהרקע — זייער זון סטודענט מעדיצין 20 יאָר אַלט

באַסקין — דאָקטער

מנחם — גבאי

שלמה — צװײטער שמש

דניאל — דריטער שמש

מלאך המוות

אשמדאי

ברחן

ייִדן אין בית מדרש

כלי־זמרים, מיידלעך

פאַר יעדן בילד — מוזיק אָדער געזאַנג

פּראָלאָג

גמליאל, דאָבע, דוד, אסתרקע

פון הינטער דער סצענע, ביי אן אראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג הערט זיך מוזיק: „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל", געשפּילט אויף אַ פידל. דאָס דויערט אַ מינוט צוויי. ווען די סצענע עפנט זיך, שפּילט זיך אסתרקע אין שפּרינגערקעס, וואַרפנדיק אַ שטריקל איבערן קאָפּ. פּלוצים גיט זי זיך אַלאַז צו גמליאלן און טוליעט זיך צו אים. ער קושט זי אין קעפּל.

אסתרקע: (אָפּרייסנדיק זיך פון גמליאלן) און איצט, רבי גמליאל, זעט ווי איך שפּיל אין קלאַס. (ווייזט איר שפּיל, אַלע קוקן). און איצט וועלן מיר וואַרפן גורל, ווער זאָל דער ערשטער לויפן צו דער מעטע. (הייבט אָן ציילן):

„ענע בענע רע,
הינטע בינטע זשע
ענע בענע ראָבע,
הינטע בינטע זשאָבע" (די זשאָבע פאַלט אויס אויף דוד מלמד).

דוד: בין איך, הייסט עס, שוין געוואָרן ביי אסתרקען אַ זשאָבע. אויס מלמד. (אַלע לאַכן). ניין רבי גמליאל, איך וועל דעם מוזיק נישט נעמען צו מיר אין חדר אַריין. ערשטנס, ווי קאָן מען אַ מיידל אַריינזעצן צווישן 12 יינגלעך, עס פּאַסט נישט פאַר לייטן. וואָס וועלן זאָגן די עלטערן. צווייטנס, וועט מיר אסתרקע צעטראָגן דעם גאַנצן חדר. איר זעט דאָך, דאָס איז דאָך קוועקזילבער, דריטנס, איז אסתרקע פאַרטאָן אין אירע שפּילערייען און איר וועט אין קאָפּ אַריין נישט קריכן דער אלף־בית. זי איז דאָך פאַרשייט.

גמליאל: איך האָט אַ טעות, רב דוד. אסתרקע טויג זיך צו אַלץ, זי האָט נישט בלויז פלינקע הענטלעך און פיסלעך, נאָר אויך אַ שאַרף קעפּל. (אסתרקע לויפט צו צו גמליאלן און קושט זיינע הענט. זי זעצט זיך אויף זיינע קני און הערט זיך אויפמערקזאַם צו צום שמועס).

דאָבע: איך מיין, רב דוד, אַז איר דאַרפט מסכים זיין מיט גמליאלן און צונעמען אסתרקען צו זיך אין חדר אַריין. גמליאל איז דאָך פאַריאָגט. ער האָט נישט קיין צייט צו לערנען מיט אסתרקען. פון פרי ביז אָוונט פאַרמאַכט זיך נישט די טיר ביי אונז: „רבי דאָס, רבי יענץ".

דאָס אַ שאלה, דאָס אַן עצה, דאָס אַ דין־תורה. און פֿאַר אײַך איז נישט קיין גרויסע טרחה. האָט איר 12 תלמידים, וועט איר האָבן אַ 13־טע תלמידה. עקשנט אײַך נישט.

דוד: און וואָס איז מכּוח שכר־לימוד? צי איז חיים אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך אַ נײַע הוצאה? עס רינט אים נישט איבער די ליפּן.

גמליאל: אַ, וואָס שײַך פֿאַרגיטיקן אײַער צײַט, זײַט אויסגעזאָרגט. חיים וועט באַקומען בײַ מיר אַ הוספה, ספּעציעל פֿאַר אסתרקען. נו און איצט, אסתרקע, זעץ זיך אַנידער און זאָג מיר נאָך וואָס אין חומש שטייט געשריבן.

אסתרקע: איך דאַרף נישט נאָכזאָגן, רבי גמליאל, איך קען דאָס שוין אויף אויסנווייניק: בראשית ברא אלוהים את השמיים ואת הארץ. אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד. והארץ היתה תוהו ובוהו. און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק. וחשך על פּני תהום, און אַ פֿינצטערניש איז געווען אויפֿן געזיכט פֿון תהום. ורוח אלוהים מרחפת על פּני המים. און גאָטס גײַסט האָט אַרומגעשוועבט אויפֿן געזיכט פֿון די וואַסערן. ויאמר אלוהים יהי אור ויהי אור. האָט גאָט געזאָגט, זאָל ווערן ליכט, און עס איז געוואָרן ליכט.

גמליאל: נו, וואָס זאָגט איר צו דער תלמידה?

דוד: מסכּים רבי. אין חדר וועט ליכטיק ווערן אין אַלע ווינקעלעך. מסכּים רבי, מסכּים. (דערלאַנגט אים די האַנט).

פֿאָרהאַנג פֿאַלט

דאָס ערשטע בילד

אין 10 יאָר אַרום. געזאַנג — „נחומקע, מײַן זון”... פֿאָלקס־ליד

לייבעלע, אהרקע, באַשע

אהרקע זיצט בײַם טיש און שרײַבט. מיט אַ געפּילדער פֿאַלט אַרײַן אין שטוב לייבעלע. לויפֿנדיק איבערן צימער שרײַט ער:

לייבעלע: גײַסט מיך אומגליקלעך מאַכן, צעטרענצלען מײַן פֿאַרמעגן. איך וועל דערצו נישט דערלאָזן. דו וועסט איבער מיר נישט קאָמאַנדעווען, דערווײַל לעב איך נאָך, און די דעה האָב איך, נישט דו.

אהרקע: וואָס איז געשען, טאַטע. איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין קיין וואָרט וואָס דו רעדסט. וואָס פאַרא צעטרענצלען פאַרמעגן, ווער קאָמאַנדעוועט, ווער גייט ביי דיר צונעמען דיין דעה? אַ וואָרט איך זאָל פאַרשטיין וואָס דו רעדסט, טאַטע...

לייבעלע: נו און דעם שידוך, וואָס דו גייסט טאָן אָן מיין וויסן מיט נישט ציילן. אַ נעבעך, וואָס פאַרקויפט מיין פאַרמעגן הינטער די אויגן.

באַשע: (לויפט אַריין אין צימער. ווישנדיק די הענט אין פאַרטעך) וואָס איז דאָ פאַרא טומל, וואָס פאַרא ליאַרעם?

אהרקע: אָבער טאַטע, טאַטעשי. איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך ווייס נישט וועגן וואָס דו רעדסט און פאַרשטיי נישט דיין טענה וואָס דו האָסט צו מיר.

לייבעלע: נו און דעם שידוך, וואָס די גייסט טאָן אָן מיין וויסן מיט חיים שמשס טאָכטער אסתרקע, וועגן דעם ווייסטו אויך גאָרנישט, האַ?

אהרקע: דאָס האָסטו אין זינען? דאָס מיינסטו טאַטע? (צעלאַכט זיך הויך).

לייבעלע: זע נאָר ווי דאָס לאַכט... פון מיר טריפט דאָס בלוט, און ער פאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער. (אהרקע לאַכט נאָך שטאַרקער).

באַשע: וואָס אַרט דיר אַז אַהרקע לאַכט? זאָל אים זיין צום געזונט.

לייבעלע: וואָס מישסטו זיך אַריין. דאָרט ווו צוויי מאַנספערשוינען האָבן אַ וויכוח, זאָל זיך אַן אישה נישט מישן.

באַשע: וואָס בין איך קיין מאַמע נישט? ער איז מיין זון ווי דיינער, און ער שוין אויף מיט די געשרייען און ליאַרעמען, אַז נישט וועלן אַלע שכנים זיך צונויפלויפן אויפן בייז ווונדער...

אהרקע: פון וואַנען ווייסטו, טאַטע, אַז איך גיי מאַכן אַ שידוך אָן דיין וויסן? ווער האָט עס דיר געזאָגט?

לייבעלע: מענטשן האָבן אויגן און אויערן. מען דערציילט מיר, אַז דו גייסט צו חיים שמש אין שטוב אַריין, ביסט מיט אסתרקען קוצעניו־מוצעניו, איז דאָס ווינציק פאַר מיר? דאַרף מען מיר לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין? האַ? און וואָס האָסטו אין איר אַזוינס דערזען?

אהרקע: דערזען און דערהערט. ערשטנס איז זי שיין ווי די וועלט. צווייטנס איז דאָ וועמען צו הערן. זי קען אַלע גמרות אויף אויסנווייניק.

וואָלט אַ פּרויעקציעמער געמעגט זײַן אַ רב בײַ ייִדן, וואָלט אסתרקע געקאָנט זײַן אַ רב נישט נאָר אין אונזער שטעטל, נאָר אַפילו אין לובלין. דער רב גמליאל פירט מיט איר אַזעלכע שמועסן, אַז איך, דער סטודענט, פאַרשטיי זיי נישט. איך קען דאָך נישט די ייִדישע קליינע אותיעלעך, בלויז די פּוילישע און לאַטייַנישע. האָסט דאָך געוואָלט האָבן אַ זון אַ דאָקטער... דעריבער קום איך איצט צו דיר, טאַטע, און צו דיר, מאַמע, און בעט אײַער הסכּמה און ברכה אויפן שידוך מיט אסתרקען, און זאָל זײַן אָן געשריי און אָן ליאַרעמען.

לייבעלע: נו און נדן? וועלכן נדן פאַרמאָגט חיים שמש צו געבן אסתרקען? זײַן צעריסענע קאַפּאָטע? דעם צעבראָכענעם דאַך פון הײַזל, ווו עס רינט אַרײַן צעבערוויַיז בעת אַ רעגן? האַ? ניין אַהרקע, שלאָג זיך דאָס אַרויס פון קאָפּ. איך גיב דיר נישט מײַן הסכּמה. ניין, איך גיב נישט מײַן הסכּמה. נישט צוליב דעם בין איך אויסגעריסן געוואָרן, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן. געווען טרעגער, בעל־עגלה, געשלעפּט די פּעסער בראָנפן, ביז זיך דערשלאָגן צו אַ פאַרמעגן, געוואָרן אַן אַרײַנגייער צום גראַף פּאָטאָצקי, האַנדל מיט ווייץ און וועלדער — און דאָס אַלץ צוליב דיר, דעם בן־יחיד, כּדי דו זאָלסט זײַן אַ מענטש, אַ דאָקטער. ניין, אַהרקע, איך גיב נישט מײַן הסכּמה, איך וועל דערצו נישט דערלאָזן. איך האָב פאַר דיר אַן אַנדערן שדוך, אַ בעסערן. די טאָכטער פון שמוליע באַרדאַך. ער איז אַ ייִד אַ סוחר, אַ זון פון אַ רב. זײַן טאָכטער, זאָפיע הייסט זי דאַכט זיך, קען פּויליש און דײַטש. אמת, באַרדאַכס געשעפטן שטייען לעצטנס נישט אַזוי גוט, אָבער אַ נדן קאָן ער געבן אַ לײַטישן, קאָן אָפּשרײַבן אַ שטיק ירושה. דו קאָנסט זיך זײַן דאָקטער און ווערן אַ שותּף צו זײַן פאַרמעגן. איך וועל צוגעבן אַ פּאָר טויזנט קערבלעך, כּדי צו פאַרבעסערן זײַן מערכה. און דו קאָנסט זיך צונעמען אַ נאָמען אויף צו פירן דײַנע געשעפטן. מיט דער צײַט, אַז מיר וועלן צומאַכן די אויגן, וועסטו בלײַבן דער יורש פון צוויי מאַיאָנטקעס. זאָפיע איז דאָך בײַ שמוליע באַרדאַך אויך אַ בת־יחידה. נו און דער יחוס — שמוליע באַרדאַך, אַ קליינינקייט! נו, איז מײַן שדוך ניש בעסער? האַ? זאָג אַליין? פאַרלאָז זיך אויף מיר, אַהרקע, פאַרלאָז זיך.

אַהרקע: ניין, טאַטע, נישט פאַר מיר. איך האָב זיך שוין אַליין אויסגעקליבן מײַן באַשערטע, אסתרקען.

לייבעלע: און איך האָב שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן? ביסט אַ סאַמאָוואָליעץ, גייסט קאָמאַנדעווען איבער מיר?

אהרקע: איך גיי נישט קאָמאַנדעווען איבער קיינעם. איך גיי פאַרזאָרגן זיך אַליין:

לייבעלע: וואָס הייסט אַליין? אָן מיר? ביסט אַ חוצפּהניק, אַ שייגעץ.

באַשע: פאַרוואָס זידלסטו אהרקען, ער איז אַ וווּיל קינד, אַ גוטער זון.

אהרקע: איך בין נישט קיין חוצפּהניק. נאָר אויב דו האַלטסט, אַז איך רעד מיט חוצפּה, האָב איך זי פון עמיצן געירשנט, פון דער מאַמע זיכער נישט.

לייבעלע: אַזוי רעדט אַ זון צו אַ טאַטן? אָט כאַפּסטו מיטן שטעקן איבערן קאָפּ (כאַפּט דעם שטעקן פון ווינקל און לאָזט זיך מיט אויפגעהויבענע הענט אויף אהרקען. אהרקע נעמט אים אָן פאַר זײַנע אויפגעהויבענע הענט און בייגט זיי אַראָפּ מיט אַן איבערוועגנדיקער קראַפט).

אהרקע: מיט כּוח וועסטו בײַ מיר, טאַטע, גאָרנישט פּועלן. אויב דו וועסט נישט געבן דײַן הסכּמה, וואַרף איך תּיכּף די לערע פון דאָקטערײַ, פאָר נישט צוריק קיין איטאַליע, נאָר פאָר קיין וואַרשע און הייב אָן פון דעם, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן, איך ווער אַ טרעגער, אַ בעל־עגלה.

לייבעלע: איך וועל צו דיר אויף דער חופּה נישט קומען...

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס צווייטע בילד

אסתּרקע, אהרקע

מוזיק — „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", י. גאָלדפאַדען.
זיצן אויף אַ לענגלעך בענקל אין אסתּרקעס אָרעם שטיבל.

אהרקע: פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? ביסט ברוגז אויף מיר?

אסתּרקע: איך בין נישט ברוגז.

אהרקע: טאָ גיב אַ שמייכל. ער צעוואַרעמט מיר אַלע מײַנע אבֿרים.

אסתּרקע: אַזאַ בין איך שוין.

אהרקע: טאַ זײַ אַנדערש. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען דו וואָלסט שטודירט מעדיצין, ווי איך. מיר וואָלטן שטענדיק געווען צוזאַמען.

אסתרקע: נישט פאַר מיר איז צו פאַרען זיך מיט מתים פון פּראָסעקטאָריום און נישט פאַר מײַן טאַטן דעם קבצן.

אהרקע: און איך מיין, אַז דאָס איז גראָד פאַר דיר אַ פאַך: העלפן מענטשן, היילן מענטשן. און פאַר דײַן שטודירן וואָלט איך געצאָלט.

אסתרקע: דו טראַכטסט בלויז וועגן מענטשנס גוף. און טראַכטן דאַרף מען וועגן מענטשנס נשמה. די נשמות פון מענטשן דאַרף מען היילן.

אהרקע: ווי קאָן מען היילן מענטשלעכע נשמות?

אסתרקע: מיט גוטסקייט, מיט שיינקייט, מיט פּאָעזיע. איך שרײַב שירים און לייען זיי פאַרן רב גמליאל. זיי געפעלן אים.

אהרקע: תמיד רעדסטו וועגן רב גמליאל, ווי ער וואָלט געווען דײַן חתן און נישט איך? (פּרווּוט זי אַרומנעמען. זי מאַכט אַ דעליקאַטן זשעסט צו באַפרײַען זיך פון זײַן האַנט) איך בין נאָך נישט דײַן ווײַב...

אהרקע: האָסט מיך פײַנט?

אסתרקע: איך האָב קיינעם נישט פײַנט. אָבער ליב האָב איך פּאָעזיע און די נשמה פונם רב גמליאל.

אהרקע: טאָ האָב חתונה פאַרן רב גמליאל.

אסתרקע: רעד נישט קיין איבעריקע און פּוסטע רייד. דאָס איז אַ זינד. דעם רב גמליאלס נשמה איז ווי פּאָעזיע, און פאַר פּאָעזיע בין איך גרייט צו שטאַרבן.

אהרקע: טאָ ווי שטעלסטו זיך פאָר אונזער לעבן נאָך דער חתונה?

אסתרקע: איך טראַכט נישט וועגן דעם. פאַראַן נאָך גענוג צײַט.

אהרקע: טאָ וועגן וואָס טראַכטסטו איצט?

אסתרקע: איך טראַכט וועגן דער נשמה פון רב גמליאל, וואָס שפּרייט וואַרעמקייט, ליבשאַפט און גוטסקייט צווישן מענטשן.

אהרקע: איז ווער־זשע בין איך פאַר דיר?

אסתרקע: דו ביסט מײַן חתן. אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף חתונה האָבן. אַזוי זאָגט די תורה. על כן תעזב את אביך ואת אמך. פאַרלאָז טאַטע־מאַמע און גיי מיט דײַן באַשערטן. אַזוי זאָגט אויך דער רב גמליאל.

אהרקע: שוין ווידער דער רב גמליאל?

אסתרקע: רעד נישט מיט שנאה וועגן רב גמליאל. ער איז אַן איש תמים בדורותיו.

אהרקע: פאַרטײַטש מיר דאָס. ווייסט דאָך, אַז איך קען נישט די קליינע אותיעלעך. איך בין דאָך מער נישט ווי אַ זון פון אַן אָרענדאַר...

אסתרקע: איש תמים בדורותיו — הייסט דער ערלעכסטער, דער ריינסטער, דער שלימותדיקער מענטש פון זײַן דור. און דאָס איז דער רב גמליאל. אַז אים האָט אונזער דור נישט קיין קיום.

אהרקע: דאָס איז פאַר מיר אומקלאָר.

אסתרקע: דו ביסט טאַקע אַ סטודענט, נאָר אַסך זאַכן פאַרשטייסטו נישט.

אהרקע: איז אפשר זענען מיר נישט קיין פּאָר, ווײַל מיר זענען אַזוי פאַרשידן?

אסתרקע: ניין. ווײַל מיר זענען אַזוי פאַרשידן, זענען מיר גראָד אַ פּאָר. דער יסוד און דער סוד פון פאָרן זיך איז די פאַרשיידנקייט.

אהרקע: בין איך גליקלעך. (הייבט זיך אויף פון בענקל. אסתרקע הייבט זיך אויך אויף) די גוטע בשורה האָב איך שוין געהערט, קאָן איך שוין גיין. (גיט איר גנביש אַ קוש).

אסתרקע: ביסט אַ נאַשער (אַ שמייכל באַווײַזט זיך אויף איר פּנים).

פ אָ ר ה אַ נ ג   פ אַ ל ט

דאָס דריטע בילד

אסתרקע, גיטל, חיים

פון הינטער דער סצענע הערט זיך אַ געזאַנג — „אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא...״.

אסתרקע: (זיצט בײַ אַ גמרא און שאָקלט זיך) שור שנגח את הפרה, אַן אָקס, וואָס האָט געשטויסן אַ קו, מאַכט רשי...

גיטל: זאָג נאָר מיר, טאָכטער מײַנע, ווי לאַנג קלערסטו נאָך צו זיצן איבער דער גמרא? קלײַבסט זיך צו ווערן רב אין שטעטל, האָ?

שוין צײַט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית. ביסט שוין פֿאַלנע חי, גאַנצע אַכצן יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק. אַ חתן האָסטו שוין אויך. דאַרף מען שטעלן אַ חופּה. דאַרפֿסט ווערן אַ ווײַבל גלײַך מיט אַלע ווײַבלעך. לאָז די גמרא פֿאַר די ישיבה־בחורים.

אסתרקע: מאַמע טײַערע (גייט צו צו איר, נעמט זי אַרום און קושט זי) צי בין איך דען קעגן אַ חתונה? ווען איר, טאַטע־מאַמע, וועט באַשליסן, וועל איך גיין צו דער חופּה. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט דער גמרא? אין דער תורה שטייט נישט געשריבן, אַז אַן אישה טאָר נישט לערנען. מיר ווייסן פֿון תנ״ך, אַז מרים, משה רבנוס שוועסטער האָט געזונגען שירים, דבורה איז געווען אַ נביאטע, און די מלכה שבא, אמת נישט קיין ייִדישע טאָכטער, אָבער אַן אישה, האָט געקיניגט איבער אַ גרויס לאַנד, און שלמה המלך איז געפֿאָרן צו איר צוגאַסט.

גיטל: איך זע, אַז איך האָב זיך אָנגעפּרעגט מפּטיר. איך האָב זיך אָנגערופֿן מיט אַ וואָרט, האָסטו מיר אַרויסגעלייגט די גאַנצע תורה אויפֿן טיש. איז מיר טאַקע ווויל און גוט, וואָס איך האָב אַ טאָכטער אַ ווילערנערין, אָבער מען דאַרף טראַכטן, ווו וועסטו וווינען נאָך דער חתונה?

אסתרקע: ווו איר וועט באַשטימען, דאָרטן וועל איך וווינען.

גיטל: איך מיין, אַז ביז אהרקע וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווערן דאָקטער, אָנהייבן אַליין צו פֿאַרדינען, דאַרפֿסטו אַריבערפֿאָרן צו לייבעלע אַרענדאַר און ביידע זײַן אויף קעסט בײַ שווער־און־שוויגער. עס וועט אים גאָרנישט אָפּקומען פֿון זײַן פֿאַרמעגן, הלוואי אויף אונז געזאָגט געוואָרן, מיר פֿאַרמאָגן נישט זײַן מיסט. זאָל ער אויסהאַלטן אַ שנור, אַ ווילערנערין. זאָל זיך אים דאַכטן, אַז ער האָט אַן איידעם אויף קעסט. צי האַלטסטו, אַז איך בין נישט גערעכט?

אסתרקע: רעדסט, מאַמע טײַערע, פֿון אַזעלכע ווײַטע זאַכן, זיי קריכן מיר נישט און קאָפּ אַרײַן.

חיים: (לויפֿט אַרײַן אַ פֿאַרסאָפּעטער אין שטוב אַרײַן). אַן אומגליק האָט אונז געטראָפֿן. דער רב גמליאל איז פּלוצים פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן און גייט אויס ווי אַ ליכט. נישטאָ קיין ראַטינעק... מאין יבוא עזרו? (לויפֿט אַרום

איבערן צימער און ברעכט די פינגער) פון וואַנעט וועט קומען די הילף? זיצט דער דאָקטער באַסקין ביי זיין בעט און קאָן גאָרנישט העלפן.

אסתּרקע: (פאַרמאַכט שנעל די גמרא און לויפט אַרויס פון שטוב).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס פערטע בילד

מוזיק — שאָפּענס „פּרעליודיע 20"

דאָקטער באַסקין, מנחם גבאי, אסתּרקע

אין פירהויז פון רב גמליאל

אסתּרקע: הער דאָקטער באַסקין, דער רב גמליאל מוז לעבן. ער טאָר נישט שטאַרבן. ער האָט נאָך נישט אַלץ מקיים געווען אויף דער וועלט.

דאָקטער: איך האָב אַלץ געטון, וואָס איז געווען אין מיין רשות. אַלע מיטלען פון דער מעדיצין אָנגעווענדט. קיין זאַך העלפט נישט. דעם רבס טעג זענען געציילטע.

מנחם: איך האָב אויך אַלץ געטון. אין בית־מדרש אַ מנין ייִדן אָוועקגעזעצט תהילים זאָגן. אַ ליכט פון וואַקס, אַ גרויסע, די מאָס פונם קראַנקן, אויסגעגאָסן. אָנגעטון דאָס ליכט אין תכריכים און עס באַגראָבן אין אַ קבר ווי אַ בר־מינן. אַ פאָדעם פון רבס דירה געצויגן אין וועלדל אַריין, כדי אָפּצונאַרן דעם מלאך־המות. און גאָרנישט, אַלץ אומזיסט. וואָס האָט זיך אַזוי דער מלאך־המות אָנגעזעצט אויפן רב גמליאל און וויל אים רק נעמען צו זיך? פאַרוואָס גייט ער מקצר זיין די יאָרן פון רב גמליאל, בסך־הכל 60 יאָר?, נישט די צייט אויף שטאַרבן! פאַרוואָס? פאַרוואָס?

אסתּרקע: הער דאָקטער באַסקין, רב מנחם גבאי, פאַלט נישט ביי זיך, האָט בטחון איר, הער דאָקטער, רופט נאָך אַ פּאָר דאָקטוירים, ווי הייסט עס ביי אייך, אַ קאָנסיליום. און איר, רב מנחם, מאַכט אַן אסיפה אין בית־מדרש. ס'איז נישט אמת, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין הילף. עס מוז קומען הילף. קודם מוז אַ מענטש אַליין טאָן, דאַן העלפט אים גאָט. דער

רב גמליאל טאָר נישט שטאַרבן. ער מוז לעבן. ער איז דער מנהיג הדור.

דאָקטער: איך וועל פּרווון, אפשר, אפשר...

מנחם: איך וועל אויך פּרובירן צו טאָן. פאַראַן נאָך איין מיטל, מענטשן זאָלן דעם רב גמליאל שענקען אַ חלק פון זייער לעבן, מענער, ווייבער, קינדער, זקנים. זאָל יעדער שענקען אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש. דאָס קאָן נאָך העלפן. דאָ קאָן שוין דער מלאך־המות גאָרנישט טאָן. דאָ מוז ער זיך אונטערגעבן, אָפּטרעטן פון דעם רב גמליאל.

אסתרקע: טאָ לויפט, רב מנחם, לויפט וואָס שנעלער, רופט דאָס שטעטל אין בית־מדרש אַריין, און זאָל יעדער שענקען דעם רב גמליאל וויפל ער וויל פון זיין לעבן. זוימט זיך נישט, לויפט, הייסט בלאָזן שופר, רופט קהל.

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס פינפטע בילד

רב גמליאל, אסתרקע

מוזיק — „זאָל זיין אַביסעלע שטיל”, פאָלקס־ליד

רב גמליאל: (אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, גראָ באַשפּרינקלט. אַ הדרת־פּנים, אָבער בלייך. ליגט אין בעט. דערנעבן זיצט אסתרקע). אַזוי איז מיר באַשערט, פון הימל באַשטימט. איך האָב, אַזוי שיינט מיר, מיינס מתקן געווען אויף דער זינדיקער ערד און קאָן רויק גיין צו אים. הקדוש ברוך הוא. ביי אייך האָב איך שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן. קהל דאַרף שוין טראַכטן וועגן אַ ממלא מקומי. הע, אסתרקע, וואָלסטו געווען אַ מאַנסביל, איז נישט געקוקט אויף דיינע אַכצן יאָר, וואָלט איך קהל געעצהט, אַז דו זאָלסט ווערן רב. נאָר איך וועל נישט גיין איבערמאַכן דעם סדר ביי יידן. אָבער פאַר דיר איז אויך געגוג פאַראַן צו טאָן. דו דאַרפסט איין מאָל אין דער וואָך גיין אין בית־מדרש און לערנען מיט די יידן און ישיבה־בחורים אַ פּרק משניות, אַ מדרש.

אסתרקע: רבי, רבי גמליאל, רעדט נישט אַזוי. עס האַלט נישט דערביי. איר דאַרפט לעבן און איר וועט לעבן.

רב גמליאל: רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלסט באַשטימט דעם סדר העולם. קעגן זײַן ווילן קאָן גאָרנישט געשען.

אסתרקע: ניין רבי, דערווײַל איז דאָס בלויז דער ווילן פון דעם מלאך־המות. אָבער נישט פון אים, הקדוש ברוך הוא. נו און דער מענטש אויף דער זינדיקער ערד האָט שוין טאַקע גאָרנישט צו זאָגן? נאָכן פאַרזוכן דעם טעם פון עץ־הדעת איז דאָך דער מענטש געוואָרן אַ שותף צום באַשאַפן די וועלט. דער אייבערשטער האָט דעם מענטשן צוגעטיילט אַ געוויסן חלק פון זײַן רשות, וואָס דער מענטש קאָן אויסניצן לויט זײַן אייגענעם פרײַען ווילן. למשל דעם מענטשנס זינד זענען דאָך אַ פּועל־יוצא פון זײַנע אייגענע מעשים. אַז נישט וואָלט דער אייבערשטער געדאַרפט טראָגן די אחריות פאַר זיי.

רב גמליאל: דער מענטש איז דאָך שוואַך, וואָס קאָן ער אויפטאָן?

אסתרקע: ניין, רבי. איר פלעגט זיך אַזוי אָפט פאַררופן אויפן רבי יצחק הלוי. וואָס האָט איין מאָל אַפילו אַרויסגערופן דעם הקדוש ברוך הוא צו אַ דין־תורה און געפאָדערט פון אים אַ סוף צום גלות מאַכן, וויפל איז דער שיעור?

רב גמליאל: אַ געזונט אין דײַן גאוניש קעפּל.

אסתרקע: אויף הײַנט וועט זײַן געניוג, איר זענט אָפּגעשוואַכט פון דער קרענק, און איך אײַל זיך אין בית־מדרש אויף אַן אסיפה. זײַט געזונט, איר וועט זײַן געזונט, איך וועט לעבן. דאָס וועלן מיר, מענטשן באַשטימען. זענען מיר דאָך גאָטס שותפים צום אויפהאַלטן די וועלט (קושט זײַן האַנט).

פ אָ ר ה אַ נ ג   פ אַ ל ט

דאָס זעקסטע בילד

מוזיק — „כל נדרי"

בית־מדרש. אָוונט. שטאַרק באַלויכטן. פול מיט ייִדן. פרויען באַזונדער. אויפן בעלעמער שטייט מנחם גבאי. (אַן אימהדיקע שטילקייט).

מנחם: רבותי, ייִדן, ייִדישע טעכטער. מיר האָבן אַלץ געטון, כדי אָפּצווענדן דעם רשות פונם מלאך־המות איבערן לעבן פון אונזער רב,

רבי גמליאל. אָבער אומזיסט. דער דאָקטער באַסקין זאָגט, אַז דעם רבס טעג זענען געציילטע. און מיר ווילן נישט פאַרלירן אונזער רב גמליאל. זײַן חכמה, זײַן גוטסקייט, זײַן מענטשלעכקייט — איז דאָך אין לשער. האָט זיך אָבער דער מלאך־המות אײַנגעעקשנט... דאָך, רבותי, קאָנען מיר זינדיקע מענטשן ענדערן די שוואַרצע מחשבה פונעם מלאך־המות. יעדער פון אונז קאָן שענקען אַ חלק פון זײַן לעבן, ווער אַ טאָג, ווער אַ וואָך, ווער אַ חודש פאַרן רב גמליאל און אַזוי אַרום פאַרלענגערן זײַן לעבן. דאָ קאָן שוין דער מלאך־המות גאָרנישט טאָן. און איך וועל אָנהייבן פון זיך (לאַנגזאַם): איך גבאי פון בית־מדרש, מנחם בן ישראל שענק פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל צוויי וואָכן. ווער איז גרייט צו שענקען, ווער? (עס הערן זיך שטימען): איך, איך, איך.

מנחם: זאָל זײַן אַן אָרדענונג. ווער עס וויל שענקען לעבן פאַרן רב גמליאל, זאָל אַרויפגיין אויפן בעלעמער. (עס גייט אַרויף חיים שמש).

חיים: איך, חיים בן צבי, שענק אַ וואָך פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל.

דוד: איך, דוד בן שמואל, שענק אַ וואָך פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל.

באַשע: איך, באַשע בת רחמיאל, שענק צוויי וואָכן פון מײַן לעבן פאַר רב גמליאל.

אהרקע: איך, אהרן בן ארי, שענק אַ וואָך פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל.

גיטל: איך, גיטל בת מנשה, שענק אַ האַלב יאָר פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל.

לייבעלע: איך, ארי בן אהרן, שענק אײן טאָג פון מײַן לעבן פאַרן רב גמליאל.

אסתרקע: איך, אסתר בת חיים, שענק מײַן גאַנץ לעבן פאַרן רב גמליאל.

(אַלע ווערן פאַרשטיינערט. עס הערשט אַ טויטע שטילקייט).

פאָרהאַנג פאַלט

דאָס זיבעטע בילד

מוזיק — „אל מלא רחמים״, אין שטוב פון חיים שמש.

חיים, גיטל, אסתרקע, אהרקע, לייבעלע, דאָקטער באַסקין

אַלע זיצן. בלויז גיטל גייט אַרום איבערן צימער, ברעכט די פינגער, רײַסט דאָס פּנים און קלאָגט מיטן ניגון פון באַוויינען אַ מת.

גיטל: ווײ איז מיר און ווינד איז מיר, פאַרלוירן דעם איינציקן אוצר, מײַן טײַער קינד, מײַן בריליאַנט, מײַן אסתרקען. ווײ איז מיר און ווינד איז מיר. איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. טאָכטער מײַנע, אסתרקע, קינד מיינס. וואָס האָסטו געטון, וואָס האָסטו געטון? ייִדן בני רחמנים, ראַטעוועט מײַן קינד. לויפט צום רב גמליאל, זאָל ער נישט אָנגעמען איר געשאַנק. זאָל ער לעבן וויפל אים איז באַשערט. צי אין דער תורה שטייט ערגעץ געשריבן, אַז אַ מענטש מעג לעבן אויפן חשבון פון אַ צווייטן? אַ רוח אין גבאי מנחמס טאַטנס טאַטן אַרײַן, וואָס ער איז געקומען מיט אַזאַ אײַנפאַל.

לייבעלע: וואַרף נישט קיין קללות אויפן גבאי מנחם, ער איז דאָ גאָרנישט שולדיק. ער האָט קיינעם נישט צוגערעדט און נישט אָנגעוואָרפן, וויפל צײַט פון זײַן לעבן זאָל עמיצער שענקען דעם רב גמליאל. ס׳איז געווען בלויז דער ווילן און דער רעיון פון אסתרקען. און אסתרקע האָט געטון דאָס, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען.

ד״ר באַסקין: אָבער אַלץ דאַרף האָבן אַ זין. איך פאַרשטײ שענקען אַ יאָר, צוויי, לאָמיר זאָגן דרײַ, נו זאָל זײַן פינעף יאָר. אָבער דאָס גאַנצע לעבן? צו וואָס דאַרף האָבן דער רב גמליאל דײַן גאַנץ לעבן, אסתרקע? האָסט אים געטון נישט קיין טובה דערמיט, נאָר אַ בפירושע רעה. ווי קומט צו דיר, אסתרקע, אַזאַ משונהדיקער אײַנפאַל? פון דיר, אסתרקע, האָב איך נישט דערוואַרט אַזאַ נאַרישקייט.

אהרקע: (פאַלט אויף די קני פאַר אסתרקען, ווו זי זיצט). אסתרקע, האָסט צעבראָכן נישט בלויז דײַן לעבן, נאָר אויך מײַן לעבן. (קושט די פינגער פון אירע הענט, ברעכט אויס אין אַ ספּאַזמאַטישן געוויין). איך בעט דיך, רוף אָפּ דײַן געשאַנק, קענסט נאָך אַלץ פאַרריכטן. דערקלער, אַז דו האָסט חרטה, אַז דו האָסט זיך איבערלייגט. האָסט נאָך צײַט. גײ נישט אומגליקלעך מאַכן דײַן מאַמען, דײַן טאַטן, מיך און דעם רב גמליאלן

אַליין, אויב דו האָסט אים ליב ווי אַ פאָטער. ער פארלאַנגט נישט פון דיר פאַר דיַין ליבשאַפט צו אים אַזאַ קרבן. טיַיערע אסתרקע מיַינע, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן. פאַרליר איך דיר, איז מיַין לעבן גאָרנישט ווערט (וויינט שטיל און קושט אירע הענט).

חיים: איך וועל נישט וויינען פאַר דיר, מיַין טאָכטער. מיַינע אויגן און מיַין האַרץ זענען שוין טרוקן. און איך וויל אויך נישט רעדן צו דיַין האַרץ און צו דיַין נשמה. איך וויל רעדן צו דיַין שכל. דאָס, וואָס דו האָסט געטון, האָט נאָך קיין ייִד, זינט ייִדן זענען אַ פאָלק, נישט געטון. אין גאַנצן תנ״ך און אין תלמוד ירושלמי און בבלי, און דו קענסט זיי בעסער פון מיר, וועסטו אַזאַ פאַל נישט געפינען. וויַיל דאָס איז נישט חכמה, נישט ליבשאַפט, עס איז אַפילו נישט נאַרישקייט. עס איז אכזריות. עס איז אכזריות לגבי טאַטע־מאַמע, לגבי דיַין חתן אהרקע, לגבי דיַינע נישט געבוירענע קינדער. איך וועל גיין וויַיטער: עס איז אכזריות אַפילו לגבי דעם רב גמליאל. וועסט אים דערמיט פאַרשאַפן פיַין און ליַידן. ניין, טאָכטער מיַינע, עס איז נישט חכמה, עס איז נישט ליבשאַפט. גיי אין בית־מדרש אַריַין. איך וועל רופן אַ מנין ייִדן און צי צוריק דיַין געשאַנק. עס איז נאָך נישט צו שפּעט, גאָט וועט אויסהערן דיַין תפילה און דיַין חרטה. דאָס רעדט צו דיר אַזוי דיַין טאַטע, וואָס ווינטשט דיר גוטס אויף דער וועלט און דעם גן־עדן אויף יענער וועלט. און דאָס, וואָס איך זאָג דיר דאָ איצט, איז נישט מיַין שכל, נאָר דער שכל און די עצה פון רב גמליאל. ער האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט און געבעטן דיר דאָס איבערגעבן. אויב דו וועסט געבן דיַין הסכמה, לויף איך תיכף אין בית־מדרש, רוף אַ מנין ייִדן, און רוף אָפּ דיַין געשאַנק.

אסתרקע: לויף נישט, טאַטע, רוף ניט קיין מנין ייִדן און איך נעם נישט צוריק מיַין געשאַנק.

לייבעלע: זעט איר דאָך ייִדן, אַז דאָס איז מן השמים. איך בין נישט קיין למדן. איך בין אַ פּשוטער בשר ודם. קען נישט די קליינע אותיעלעך. אָבער פּשוטן שכל האָב איך. און מיַין פּשוטער שכל זאָגט מיר אונטער אָט וואָס: דעם מלאך־המות האָט מנחם גבאי טאַקע אָפּגענאַרט, האָט ער גענומען צו הילף דעם טיַיוול, דעם אשמדאי. „ניע קיִעם, טאַ פאַלקאָן״, זאָגט מיַין שכן סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ. איר ווילט מיר נישט געבן דעם רב גמליאל, וועל איך מיר נעמען די יונגע אסתרקע. דאָס האָט ער, דער

טײַוול, דער אשמדאי אונטערגערוקט אסתרקען דעם געדאַנק, זי זאָל מקריב זײַן איר לעבן פאַרן רב גמליאל. איר שפּילט זיך מיטן אשמדאי, ער האָט עס געמאַכט חזר פּיסל כּשר... איז ווער־זשע קאָן איצט פּסקענען, ווער איז גערעכט און ווער איז אומגערעכט? ווו הייבט זיך אָן ליבשאַפט און ווו הייבט זיך אָן שטראָף, און פאַרוואָס?
כּדי אַ געשאַנק זאָל זײַן אַ געשאַנק, מוזן זײַן צוויי צדדים. איין צד, וואָס גיט, און דער צווייטער צד, וואָס נעמט. שיין וואָלט איך אויסגעזען מיט מײַנע געשעפטן, ווען פאָניע גנב, דער פּאָליצמײַסטער זאָל נישט נעמען מײַנע מתּנות. זײַט מיר מוחל פאַרן פאַרגלײַך, אָבער די ערד איז דאָך דער שפּיגל פון הימל. איך בין נישט קיין למדן. אָבער איך געדענק פון חומש, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זײַן, גאָטס אָנבליק. על כּן, אויב עס וועט שטאַרבן דער רב גמליאל, איז אַ סימן, אַז גאָט האָט אָפּגעוואָרפן אסתרקעס געשאַנק. אויב אסתרקע וועט שטאַרבן, הייסט עס, אַז גאָט האָט אָנגענומען איר מתּנה. און דו, אהרקע ליאַרעם נישט און געוואָלדעווע נישט. זעסט דאָך, אַז נישט אסתרקע איז דײַן זיווג ס'איז אַ הימל־זאַך.

אסתרקע: (שטעלט זיך אויף) איר זענט גערעכט, רב לייב. דער רב גמליאל דאַרף לעבן. אים דאַרף האָבן דאָס פאָלק. אים קאָן קיינער נישט פאַרטרעטן. איך אָוודאי נישט. (פאַלט אום, מענטשן לייגן זי אויפן בעט. דער דאָקטער גייט צו און פּרוווט איר פּולס).

ד"ר באָסקין: אסתר איז טויט.

לייבעלע: — ברוך דיין אמת...

פ א ר ה א נ ג פ א ל ט

דאָס אַכט בילד

מוזיק — „רבונו של עולם, געגוג שוין געליטן...", י. ל. פּרץ

די סצענע איז צעטיילט אויף צוויי צימערן. איין צימער איז טונקל באַלויכטן, דאָס צווייטע איז אין גאַנצן פינצטער. אינם באַלויכטענעם צימער זיצט דער רב גמליאל בײַ אַ טיש מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ און קוקט אַרײַן אין אַ ספר. געעלטערט, מיד. אַ צעוואַקסענע גראָע באָרד.

רב גמליאל: רבונו של עולם, וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט און וואָס האָסטו מיט מיר געטון? פאַר וועלכע זינד קומט דאָס מיר? פאַרוואָס האָט

אסתרקע, די אַכצן־יעריקע בלום, געדאַרפט אַוועקגיין פון דײַן שיינער וועלט אויף דער ערד, און איך, דער זעכציקיעריקער, אָפּגעוועלקטער ייִד, האָט געדאַרפט בלײַבן לעבן? ווו איז שכל און ווו איז יושר? ווען איך וואָלט געדאַרפט פּסקענען אַזאַ שאלה, וואָלט איך אַזאַ פּסק נישט אַרויס־געגעבן. אין דײַן תורה, וואָס דו האָסט די בני ישראל געגעבן פונעם באַרג סיני, האָב איך געזוכט אַ רמז, אַן אָנדייט אויף דײַן פּסק, און איך האָב נישט געפונען. געזוכט אויך אין תלמוד, בײַ די חכמים, און אויך דאָרטן נישט געפונען. איז וואָס פאַראַ געפיל האָט באַהערשט אסתרקען צו ברענגען אַלס קרבן איר גאַנץ לעבן? ליבשאַפט? ליבשאַפט, וואָס האָט געבראַכט בלויז אומגליקן? אויף אירע טאַטע־מאַמע? אויף איר חתן אהרקע? אויף מיר? ווער־זשע, אויב אַזוי, איז געווען דער יצר־הרע? און פאַרוואָס האָט די דאָזיקע כּשרע נשמה געדאַרפט געפאַנגען ווערן פונעם יצר־הרע? זי וואָלט דאָך איצט געדאַרפט גיין צו דער חופּה? (בלײַבט זיצן אַ פאַרטראַכטער. עס ווערט נאָך מער טונקעלער די שײַן אין זײַן צימער. עס מערקט זיך בלויז זײַן סילועט. גלײַכצײַטיק ווערט שטאַרק באַלויכטן די ביז איצט פינצטערע העלפט פון דער סצענע. מיידלעך פירן אסתרקען צו דער חופּה, אָנגעטון אין ווײַסן, מיט אַ גירלאַנדע אויפן קאָפּ. לעבן איר שטייט אהרקע. אַ מימישע סצענע פון אָנטון דאָס רינגל אויף אסתרקעס פינגער. בדחן זינגט):

בדחן: הרי את און דו ביסט מײַן,
אַ ברעך דעם כּוס מיטן ווײַן,
און אַ פריילעכס, אין די טאַצן,
אַז די שונאים זאָלן פּלאַצן. ח. נ. ביאַליק

(כּלי־זמרים שפּילן אַ פריילעכע חתונה־מעלאָדיע. מיידלעך טאַנצן אַ קאַראַהאָד מיט אסתרקען אין דער מיט).

פאַרהאַנג פאַלט

דאָס נײַנטע בילד

מוזיק — „דער הימל געהער צום רבונו של עולם", מ. ווינטשעווסקי

רב גמליאל

דאָס זעלבע האַלב־טונקעלע צימער. דער רב גמליאל שלאָפט אויף אַ באַנק, פּלוצים דערהערט זיך פון הינטער די קוליסן אַ מוראדיקער

גערשריי פון אַ קימפּעטאָרין. רב גמליאל כאַפּט זיך אויף צעדודערט.
דער געשריי חזרט זיך איבער.

רב גמליאל: גאָט, ווי לאַנג וועסטו מיך מאַטערן מיט די דאָזיקע חזיונות? איך פרעג דיר, ווער האָט אונטערגערוקט דעם גבאי מנחם דעם געדאַנק וועגן שענקען מיר פרעמדע לעבנס? ווער? צי אַמאָל נישט דער טײַוול? דער אשמדאי? נו און דו, אלמעכטיקער, מלך מלכי המלכים, ווו ביסטו געווען? האָסט זיך נישט געקאָנט אַרײַנמישן? פאַרוואָס מאַטערסטו מיך? פאַר וועלכע זינד מײַנע? ווען וועסטו מיך שוין לאָזן רויק שטאַרבן? ווען? איך וויל שוין בעסער דעם גיהנום אין הימל אײדער דעם גיהנום אויף דער ערד.

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דאָס צענטע בילד

מוזיק — „שטילער, שטילער, לאָמיר שווייגן...", ש. קאַטשערגינסקי

רב גמליאל, שלמה שמש

די זעלבע אײַנטײלונג פון דער סצענע. אין צימער פון רב גמליאל שטייט אַן ארון־קודש. רב גמליאל, שטאַרק פאַרעלטערט, מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד, דאַוונט פאַר אים שטילערהייט. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

רב גמליאל: ווער איז דאָרט? קום אַרײַן. (קערט זיך אָפּ פונעם ארון־קודש, עס קומט אַרײַן שלמה).

שלמה: גוט מאָרגן, רבי.

רב גמליאל: גוט מאָרגן, גוט יאָר, ווער ביסטו? איך זע נישט. (זוכט מיט די הענט דעם מחזור אויפן טיש) דאָס ביסטו, חיים?

שלמה: ניין, רבי, דאָס בין איך שלמה.

רב גמליאל: וועלכער שלמה?

שלמה: נו, אײַער שמש שלמה.

רב גמליאל: נו און ווו איז חיים, חיים מײַן שמש?

שלמה: געשטאָרבן.

רב גמליאל: וואָס הייסט געשטאָרבן? ער איז דאָך געווען אַסך ייִנגער פֿאַר מיר?

שלמה: דערויף האָב איך נישט קיין תשובה, רבי. אדושם נתן, ואדושם לקח. ער באַשטימט מי לחיים, ומי למוות.

רב גמליאל: און וואָס מאַכט מנחם גבאי, וואָס מאַכט? קומט נישט לעצטנס צו מיר.

שלמה: שוין לאַנג געשטאָרבן.

רב גמליאל: און מיר האָט קיינער דערפֿון נישט מודיע געווען.

שלמה: קיינער איַילט זיך נישט מיט אָנזאָגן אַזעלכע בשורות.

רב גמליאל: טאָ רוף מיר אַהער לייבעלע אַרענדאַר. אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, אָבער מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

שלמה: רבי, וואָס רעדט איר, ער איז דאָך שוין אַ יאָר 15 אויפֿן עולם האמת.

רב גמליאל: און וווּ איז דוד מלמד? גיטל, חיימס ווייַב? פֿאַר וואָס קומען זיי נישט צו מיר?

שלמה: פֿון זיי לעבט שוין קיינער נישט. אַלע אויפֿן בית החיים, אַלע.

רב גמליאל: און אסתרקע וווּ איז? מייַן בעסטע תלמידה, אסתרקע?

שלמה: (שווייַגט).

רב גמליאל: איך בין טאַקע בלינד, נאָר איך זע: (דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער צווייטער העלפּט סצענע) אָט איז מייַן אסתרקע, איך זע זי (די צווייטע העלפּט סצענע ווערט מיט אַמאָל שטאַרק באַלויכטן, אין דער מיט שטייט אַ בעלעמער) איך זע אסתרקען. איך זע זי (אויף דער סצענע באַווייַזט זיך די געשטאַלט פֿון אסתרקען, אַ פֿרוי מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, וואָס פֿירט בייַ דער האַנט אַ ייִנגעלע) זעסט, שלמה, דאָס פֿירט אסתרקע איר אייניקל צו בר־מצווה. (די פֿרוי מאַכט עטלעכע קרייַזן אַרום בעלעמער און גייט אַרויף דורך טרעפּלעך אויף אים צוזאַמען מיטן ייִנגעלע).

פֿאַרהאַנג פֿאַלט

דאָס עלפטע בילד

מוזיק „אלי, אלי, למה עזבתנו?", יהודה הלוי

רב גמליאל, דניאל, מנין יידן, מלאך־המות, אשמדאי

די סצענע: אַ בית־מדרש, טונקל באַלויכטן. ביַים ארון־קודש, וואָס פון דער רעכטער זיַיט סצענע, שטייט דער רב גמליאל. שטאַרק איַינגעהויקערט, די וויַיסע באָרד גריַיכט ביזן גאַרטל. מע זעט שוין כמעט קיין פּנים נישט. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

רב גמליאל: ווער איז דאָרט? קום אַריַין.

דניאל: אַ גוטן אָוונט איַיך, רבי.

רב גמליאל: אַ גוט יאָר. דאָס ביסטו שלמה?

דניאל: ניין, דאָס בין איך, דניאל, איַיער שמש דניאל.

רב גמליאל: און ווו איז שלמה?

דניאל: ער איז שוין געשטאָרבן. מען האָט אים קובר געווען אויפן ניַיעם בית־עולם. אויפן אַלטן בית־עולם איז שוין נישטאָ קיין אָרט.

רב גמליאל: ווו ליגט דער נייער בית־עולם?

דניאל: ווו עס לאָזט זיך אויס די יורידיקע גאַס.

רב גמליאל: איך קען נישט אַזאַ גאַס.

דניאל: רבי, וואָס רעדט איר, די גאַס איז שוין אַלט העכער הונדערט יאָר.

רב גמליאל: אין מיַינע יונגע יאָרן איז אַזאַ גאַס נישט געווען, שלמה.

דניאל: רבי, איך הייס נישט שלמה, איך הייס דניאל, איַיער שמש דניאל.

רב גמליאל: טאָ הער, דניאל. צינד אָן אַלע ליכט, אָבער תיכף.

דניאל: תיכף, רבי (דער בית־מדרש ווערט שטאַרקער באַלויכטן).

רב גמליאל: איצט פיר אַריַין אַ מנין יידן, אָבער תיכף.

דניאל: תיכף, רבי גמליאל (גייט אַרויס און ברענגט מיט זיך אַ מנין יידן, וועלכע שטעלן זיך אויס אַרום בעלעמער).

רב גמליאל: איצט רוף אַריַין דעם אשמדאי, דעם טיַיוול, אָבער תיכף.

דניאל: רבי, ווו זאָל איך אים זוכן?

רב גמליאל: מיט אים איז פול די גאַנצע וועלט, ווו דו וועסט נאָר אַ

געשריי טאָן, וועט ער דערהערן. קענסט אים רופן פון דאַנען, קענסט אים רופן פון דרויסן. (דניאל לויפט אַרויס און פירט אַריין אַ קריפּל מיט הערנער, מיט צעשטשירעטע ציין אין אַ שטענדיקן געלעכטער, מאַסקע).

רב גמליאל: זעץ אים אַוועק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. (דניאל טוט דאָס) איצט רוף אַריין דעם מלאך־המות.

דניאל: ווו געפינט ער זיך, רבי?

רב גמליאל: ער שטייט הינטער דער פּלייצע פון יעדן לעבעדיקן מענטשן. דריי זיך אויס, וועסטו אים דערזען. (דניאל דרייט זיך אויס. עס באַווייזט זיך אַ הויכע פיגור אין אַ שוואַרצער פּעלערינע מיט אַ שאַרבן פון אַ מת. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ לאַנגע קאָסע). זעץ אים אויך אַוועק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, לעבן אשמדאי, זיין חבר. (דניאל טוט אַזוי).

רב גמליאל: איצט נעם אַרויס אַ ספר־תורה פון ארון־קודש און לייג זי אַוועק אויפן טיש פון בעלעמער, אָבער תיכף. (דניאל טוט דאָס). מע וואָלט נאָך געדאַרפט אַריינרופן אַלס עדות דעם מלאך הגואל, משיחן. נאָר צו אים האָבן מיר נישט קיין צוטריט. אויף דער ערד איז ער ביז איצט נישט געווען און איז נישטאָ. ער איז נאָך עד היום אין רשות פון הימל, פון קיניגרייך פון מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא. מוזן מיר זיך דערווייל באַגיין אָן דעם וויכטיקן עדות. אייגנטלעך האָט ער נישט וואָס צו דערציילן. ער האָט נישט אויף זיין חשבון קיין שום מעשים.

און איצט, דניאל, גיב מיר מיין זיידענע קאַפּאָטע. קעם מיר צו מיין באָרד און פאות. דעם רוקן וועל איך אַליין שוין אויסגלייכן. (דניאל טוט אַלץ. רב גמליאל באַקומט אַ הדרת־פנים. גלייכט אויס זיין רוקן. דניאל פירט אים אַרויף אויפן בעלעמער. דער רב גמליאל וויקלט פונאַנדער די ספר־תורה).

רבותי, יידן, צי ווייסט איר, צוליב וואָס איך האָב אייך מטריח געווען? איך האָב אייך גערופן אַהער אין בית־מדרש, כדי איר זאָלט ביישיין מיין דין־תורה, וואָס איך גיי האָבן מיטן רבונו של עולם, דעם מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא. דעם רבונו של עולם וועל איך אַליין רופן צו דער דין־תורה. איך ווייס, אַז פאַר אונז, מענטשן וועט זיך דער רבונו של עולם נישט באַווייזן. דאָס טוט ער קיינמאָל נישט. אָבער מיינע טענות צו אים וועט ער אויסהערן און איז מחויב זיי אויסצוהערן.

מיין ערשטע טענה צו דיר, פאָטער אין הימל, איז וועגן יושר. הער מיך אויס: פאַרוואָס איז אסתרקען געקומען אַ שטראָף? זי האָט דיין תורה

געקענט אויף אויסנווייניק. ליב געהאַט דײַן תורה מיט איר גאַנצער נשמה. איז פאַרוואָס אָפּצאָלן פאַר ליבשאַפט מיט שטראָף? ווו איז יושר? ווו איז דײַן יושר?

און ווו איז דײַן יושר לגבי מיר? פאַרוואָס דאַרף איך לעבן אויפן חשבון פון אסתרקעס לעבן? מאַטערן זיך אַ גאַנץ לעבן? פאַר מײַן ליבשאַפט צו דיר? פאַר מײַן ליבשאַפט צו אסתרקען, מײַן בעסטער תלמידה? ווו איז יושר? ווו איז דײַן יושר? איך פרעג דיך, פאָטער אין הימל: וואָס איז דער יסוד פון דער וועלט: ליבשאַפט צי שטראָף? פרעג איך דיך. איך מיין, אַז ליבשאַפט... אָן ליבשאַפט האָט די וועלט נישט קיין קיום. טאָ ווו איז יושר? דײַן יושר?

און איצט לאָמיר נעמען אַ צווייטע זײַט פון מײַן קשיא. מיט וועמען באַניצסטו זיך אין דײַן הערשאַפט אויף דער ערד? מיט די שפּיצלעך און פאַלשקייטן פון אשמדאי און מיטן מלאך־המות, וואָס שחט מיט זײַן לאַנגן חלף? אמת, בלויז דו ביסט אייביק, דער מענטש איז זינדיק און מוז שטאַרבן. מוזסטו האָבן דעם מלאך־המות. און וויפל טעותים מאַכט ער אין דײַן נאָמען?... אָבער דער אשמדאי, ער איז דאָך גאָלע שקר און פאַלשקייט. צו וואָס האָסטו אים בכלל באַשאַפן? און אַז חוה האָט איין מאָל געזינדיקט, דאַרף די שטראָף זײַן אייביק? ווו־זשע איז יושר, דײַן יושר? און ווו איז דײַן ליבשאַפט? דו ביסט דאָך דער גאָט פון רחמים?...

און אַז דער רבי לוי יצחק פון באַרדיטשעוו האָט אין זײַן דין־תורה מיט דיר פאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ סוף צום גלות, נו, האָט ער בײַ דיר עפּעס געפּועלט? גאָרנישט. האָסט אים בלויז פאַרשעמט פאַרן פאָלק ישראל. דער אשמדאי האָט געלאַכט אין די פויסטן. האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. זאָל ער זאָגן.

אשמדאי: אמת. (לאָזט אַרויס אַ קוויטשעדיק געלעכטערל).

רב גמליאל: הערסט זײַן חוצפּה, אַפילו אין אַ פאַרכטיקער שעה, בעת אַ דין־תורה מיט דיר!... (קלײנע הפסקה) און אַז דער רבי שלמה, ווי דאָס האָט פאַרשריבן אַ גרויסער משורר, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און מיט צוואַנגען געוואָלט אײַנהאַלטן דעם שבת און קיין הבדלה נישט געוואָלט מאַכן, כדי שבת זאָל זײַן, אייביקער שבת זאָל זײַן, און דאָס אַלץ פאַר דיר, כדי זינגענדיק און טאַנצנדיק געוואָלט מיט זײַן עדה גרויסע ייִדן, נשמה־יתירהדיקע ייִדן גיין צו דיר, צו דײַן כסא־הכבוד. נו, האָט דער

אשמדאי אונטערגעקיצלט דעם יצר־הרע פון זײַן שוואַרצן זון פּנחס, וואָס האָט מיטן מגושמדיקן גבאי, דעם הויפּמײַסטער ישראל מורד במלכות געווען, געמאַכט די הבדלה און זיך געקרוינט אַלס רבי... און דו האָסט געשוויגן און זיך נישט אַרײַנגעמישט. ווי־זשע זעט אויס דײַן ממשלה? גייסטו, הייסט עס מיטן שטאַרקן, מיט דעם אָנטרײַבער, וואָס האַלט די לייצעס אין די הענט, און נישט מיטן גערעכטן? איז ווער־זשע ביסטו? האָסט דײַן פֿאָלק ישראל געגעבן דײַן תורה און זיך אַליין אָנגעשריבן אין איר אַ שיינעם יחוס־בריוו...

יאָ, פֿײַן זעט אויס דײַן יחוס־בריוו. אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים... אַז צוריק מיט נײַנצן הונדערט יאָר איז צווישן די פֿישערס פֿון נצרת אויפֿגעקומען דײַנער אַ רבי, וועלכער האָט אויפֿן סמך פֿון דײַן תורה געלערנט, אַז ליבשאַפֿט איז דער יסוד פֿון דער וועלט און געטריבן פֿון דײַן בית־המקדש אַלע די, וועלכע האָבן פֿון אים, פֿון דײַן מקום קדוש, געוואָלט מאַכן אַ מאַרק, האָט דער אשמדאי, אָט דאָס קריפּל, וואָס שטשירעט מיט די ציין, (איך ווייס בכלל נישט צוליב וואָס דו האָסט אים באַשאַפֿן?) האָט דער אשמדאי צוגערעדט איינעם פֿון רבינס תלמידים צו ווערן אַ מסור און פֿאַר דרײַסיק זילבער־שטיק אויסצוליפֿערן דעם רבין אין די הענט אַרײַן פֿון דער מאַכט, צוקלאַפּן זײַנע הענט און פֿיס מיט טשוועקעס צו ברעטער און אים לאָזן אויסגיין אין יסורים. האָסטו גלײַכגילטיק זיך צוגעקוקט דערצו? איז דאָס דײַן יושר, דײַן צדק? שטראָפֿן אַ מענטשן פֿאַר רופֿן „זאָלסט ליב האָבן אַ צווייטן מענטשן ווי זיך אַליין?” מער. וואָרפֿן דאָס פֿאַרברעך און די חרפּה גאַנצע הונדערטער יאָרן אויף דײַן אויסדערוויילט פֿאָלק ישראל? אויב דאָס איז אין דײַנע אויגן יושר, איז ווער־זשע און וואָס־זשע ביסטו? ביסטו דאָך אַן אַכזר?...

איז דאָס נאָך ווינציק? האָבן אַנדערע פֿעלקער, די גוים, וועלכע האָבן דײַן נאָמען קיינמאָל נישט געוואָלט הערן און געדענקען, אַפֿילו געחוזקט פֿון דיר, זיי האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פֿון דײַן רבין און אין נאָמען פֿון זײַן לערע וועגן ליבשאַפֿט פֿון מענטש צו מענטש, אויפֿגעשטעלט שײַטערהויפֿנס און לעבעדיקערהייט געברענט און געבראָט דײַן פֿאָלק ישראל. פֿאַר וועמענס זינד? און אין נאָמען פֿון וואָס? פֿון צדק? גערעכטיקייט? האַלט איך נישט פֿון אַזאַ יושר!...

און וואָס איז דאָס בכלל פֿאַר אַ דרך בסדר שטראָפֿן? חוזק און אַדמען

שטראָפן, הבלען שטראָפן, משהן שטראָפן, איובן שטראָפן, דעם רבין פון די פישערס שטראָפן. איין בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, דער צווייטער איז חרוב געוואָרן, די מדינה איז חרוב געוואָרן, געבראַכט איין גלות בבל, פון צווייטן גלות זע איך נישט דעם סוף. און דאָס אַלץ מיטאַנאַנדער — זענען שטראָפן. איז וויפל איז דער שיעור? אַלץ מוז דאָך האָבן אַ גרענעץ?

דעריבער דערקלער איך דאָ, בפני כל עם ועדה, איך, גמליאל בן דוד, רב פון שטעטל גלות אין דער מדינה פון פוילן, אַז איך וויל נישט און וועל נישט זײַן קיין צווייטער איוב, וואָס האָט אין סך הכל אַלע דײַנע שטראָפן אָנגענומען מיט הכּיעה, אַפילו מיט חניפה, זאָל ער מיר מוחל זײַן. איך וועל דײַן שטראָף נישט אָננעמען מיט הכנעה און אוודאי נישט מיט חניפה. און פאַר די דאָזיקע רייך מײַנע האָסטו שוין אוודאי צוגעגרייט דעם אייביקן גיהנום פאַר מיר אויף יענער וועלט, אין דײַן הימלישן קיניגרײַך. דערקלער איך דיר, אַז קיין גרעסערן גיהנום, ווי איך האָב איבערגעלעבט אויף דער זינדיקער ערד קאָן שוין נישט זײַן... מיך שרעקן מיט אַ גהינום קאָן מען שוין נישט!

איז צוליב וואָס מײַן דין תורה מיט דיר, רבונו של עולם? איך פאַרלאַנג פון דיר זאָלסט ענדערן דײַן דרך. זאָלסט אויפהערן צו שטראָפן דײַן פאָלק ישראל. מוזסט אַרויפגיין אויפן דרך פון ליבשאַפט. איך וועל גיין אויף אַ פשרה מיט דיר. זאָל זײַן שטראָף, אָבער אויך ליבשאַפט. אויך ליבשאַפט.

אמת. צוריק אַן ערך מיט דרײַ טויזנט יאָר האָט זיך באַוויזן איינער דײַנער אַ גרויסער נביא, אפשר דער גרעסטער, וועלכער האָט לכתחילה שטאַרק אויסגעמוסרט און מיט רעכט די פאַרדאָרבענע, אויסגעלאַסענע מנהיגים פון פאָלק ישראל, וואָס האָבן ווי פּיאַווקעס געזויגן דאָס בלוט און דעם מאַרך פון אָרעמען פאָלק, געריסן פאַסן, געשינדט די הויט פון די וואָס האָבן די ערד באַאַרבעט מיט זייער שווייס. און כדי אפשר צו פאַרזיסן זייער ביטערע דאָליע, זייער וויסט מזל, האָט ער, דער נביא דײַנער דערציילט די דאָזיקע אָרעמע, אומגליקלעכע פעלד־אַרבעטער אַ שיין מעשהלע, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צײַט, ווען אַ וואָלף וועט ווי אַ מאַמע גלעטן אַ שעפּעלע און אַלע שווערדן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין

אָקער־אײַזנס. איז וואָס איז געוואָרן פון זײַן גרויסן חזיון? גאָרנישט: חוזק געכפּלט אויף שקר.

איז איינס פון די ביידע. איז דאָס געווען זײַן אייגענער חזיון, איז אַ סימן, אַז ער האָט דיך און דײַן דרך נישט דערקענט, זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דו וועסט דערצו נישט דערלאָזן. זײַן חזיון פון באחרית הימים האָט געשטאַמט פון ליבשאַפט. און דײַן דרך איז נישט ליבשאַפט. אויב אָבער זײַן חזיון איז געווען דײַן אונטערגעזאָגטע יצירה. איז דאָס שיינע מעשהלע מער נישט ווי אַ שלאָף־געטראַנק, כדי די אָרעמע לײַט זאָלן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן זייערע הויט־שינדער...

ניין. איך זע מיינעם אַ חזיון, אַ שוואַרצן חזיון. איך זע אַ מבול, נישט פון וואַסער, ווי אין נחס צײַטן, נאָר אַ רויטן מבול, אַ רויטן פון בלוט, פון ייִדיש בלוט.

עס וועט אויפשטיין אַ המן, דער גרעסטער פון אַלע ביז איצטיקע המנס, וועלכער וועט רופן צו פאַרטיליקן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, דײַן פאָלק ישראל. עס וועט זײַן אַ מבול, אין וועלכן עס וועט דערטרונקען ווערן דער קערן פון דײַן פאָלק ישראל, דערין צוויי מיליאָן ייִדישע קינדער. זיי וועלן דערטרונקען ווערן אין זייער אייגן בלוט. איך זע דעם חזיון בלויז. דו אָבער, רבונו של עולם, וועסט זען זײַן וואָר. און וועסט שווײַגן, פאַרעקשנט שווײַגן און דערמיט געבן דײַן הסכמה. נישט נאָר פּשוטע ייִדן, נאָר אַפילו געוויסע גדולי הדור פון דעם באַחרית הימים וועלן דײַן הסכמה נישט פאַרשטיין און זי דעריבער אָפּוואַרפן מיט אַ טענה, מחמת דו וועסט דערלאָזן צום אומברענגען מיליאָנען ייִדישע קינדער, וועלכע זענען בכלל אַן שולד, אָן זינד? שטראָפן קינדער? און דו ווילסט אונז אײַנרעדן, אַז דו ביסט אַן אל רחום וחנון. ניין, דו ביסט דאָס נישט, דו ביסט אַן אכזר. דו האָסט נישט קיין ליבשאַפט אין זיך. צו לאָזט הערשן בלויז דעם אשמדאי און דעם מלאך־המות.

(עס הייבט זיך אויף פון זײַן אָרט דער מלאך־המות, גייט אַרויף אויפן בעלעמער, שטעלט זיך אַוועק הינטער דעם רב גמליאל).

מלאך המות: איך רײַס איבער די דין־תורה. אסתרקעס יאָרן האָבן זיך אויסגעלאָזט. (רב גמליאל פאַלט).

סוף

קאָפּנהאַגן 21־טער אויגוסט — 25־טער אָקטאָבער 1985

נאָכוואָרט

וואָס קאָן דאָס זײַן פאַר אַ „נאָכוואָרט"? אויב קינסטלעריש שאַפן נייטיקט זיך אין אַן אויסטײַטש פונעם מחבר, טויג נישט. דאָס דאַרף ער איבערלאָזן פאַרן לייענער, פאַרן קריטיקער. און דאַר — מײַן נאָכוואָרט איז פון גאָר אַן אַנדער מין: איך האָב פשוט בדעה זיך צו טיילן מיטן לייענער מיט די מאָטיוון, וועלכע האָבן מיך באַוויגן צו שרײַבן די דראַמען. יעדע פון זיי האָט געהאַט איר סיבה.

און מיר וועלן גיין לויט זייער כראָנאָלאָגישן סדר:

„דער חשבון" *

וועגן דער ראָל פון די יודענראַטלער בעת דער דײַטש-היטלערישער אָקופּאַציע אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס וועגן די פאָרזיצערס פון די „יודענראַטן", איז פאַראַן שוין אַ היפּשע ליטעראַטור. ווי נעגאַטיוו עס זאָל זײַן די אָפּשאַצונג פון זייער ראָל, לאָזט זיך פונדעסטוועגן פעסטשטעלן, אַז אין ערשטן פּעריאָד פון זייער טעטיקייט, ווען זיי זענען דורך דער דײַטשער מאַכט אַדמיניסטראַטיוו באַשטימט געוואָרן ...האָט זיך זיי אויפן שכל נישט געלייגט (און וועמען האָט זיך יאָ געלייגט?), אַז זיי וועלן אויסגענוצט ווערן דורך דער „געסטאַפּאָ" אַלס אַ געצײַג אין אומברענגען דעם קערן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום. זיי האָבן דעם „יודענראַט" באַטראַכט ווי אַ המשך פון דער טעטיקייט פון דער קהילה פון פאַר דער מלחמה. אָבער שפּעטער, ווען עס איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז די אַזוי גערופענע איבערזידלונגס-אַקציעס פירן קיין טרעבלינקע, אוישוויץ, מײַדאַנעק, פּאָנאַר — איז די אויפפירונג פון „די עלטעסטע דער יודען" געווען שוין אַ דיפערענצירטע...

אין מיר לעבט די געשטאַלט פון ד"ר לעמבערגער פון זדונסקע-וואָליע, פון דעם קרישטאָל-ריינעם מענטשן, וועלכן איך האָב פּערזענלעך געקענט.

ווען די דײַטשן האָבן אים באַשטימט אַלס פאָרזיצער פון „יודען-ראַט", האָט ער אויסגעפירט אַלע ווירטשאַפטלעכע פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט. ווען אָבער די „געסטאַפּאָ" האָט פון אים געפאָדערט צוגרייטן אַ קאָנ־טינגענט ייִדן אויף אַן „איבערזידלונג", איז ער געקומען און דער־קלערט, אַז ער קאָן צושטעלן בלויז זיך אַליין... די רוצחים האָבן אים אויף אַן אָרט דערשאָסן.

---

* אויפגעפירט אין אַפּריל 1963 דורך אידע קאַמינסקי אין וואַרשע, אין מלוכהשן ייִדישן טעאַטער א. נ. פון אסתר-רחל קאַמינסקי.

ארנטלער געלעבט און ארנטלער געשטארבן!

אבער וויפל זענען געווען יודענראטלער ווי ד"ר לעמבערגער? אויף די פינגער צו ציילן. אפילו דניאל מארשאקס וועג צו אן ארנטלעכן טויט האט געפירט דורך יידיש בלוט...

„דער נדר" *

די דראמע איז פארבונדן מיט א קאטאסטראפע אין אונזער פערזענלעך לעבן. אין 1964 איז פון אונז אוועק אין דער אייביקייט אונזער איינציקע טאכטער מייקע, אין עלטער פון 37 יאר. הגם זי איז געווען ערנסט קראנק, איז איר טויט אין דעם עלטער נישט געווען אומפארמיידלעך, נאר די שולד פון געוויסע מיטארבעטער פון דער מעדיצינישער דינסט אין ווארשע.

מענטשן באוויינען תמיד דעם טויט פון נאענטע, אומאפהענגיק פון זייער עלטער. אבער דער צער פון עלטערן, וואס ווייסן, אז זייער קינד איז געפאלן א קרבן — איז זייער טיף. יארן גייען און די וווּנד איז אלץ אפן. נאטירלעך איז, ווען קינדער גייען אויף דער לויה פון זייערע עלטערן. אומנאטירלעך איז, ווען עלטערן גייען אויף דער לויה פון זייער קינד...

שווער מיר צו זאגן ווי אזוי דאס איז געשען. אבער ווי א געשלאגענעם און געשטראפטן פון גורל, איז מיר נאענט געווארן די ביבלישע געשטאלט פון יפתחן. זיינע ליידן זענען געווארן אויך מיינע... פונקט ווי יפתחס טאכטער, אזוי האט מען אויך געפירט אונזער מייקעלען ווי א שעפעלע צו דער שחיטה.

אין משך פון העכער דריי טויזנט יאר האט די מענטשלעכע ציוויליזאציע, און באזונדערס די טעכניק, זיך געגעבן א רוק פאראויס פונעם שפאן פון א קעמל ביזן פלי פון א קאסמישער ראקעטע. אבער די ליידן פון א פאטער, מחמת דעם טויט פון א קינד, האבן לגמרי זיך נישט געענדערט.

יפתח האט צעריסן די קליידער אויף זיך. וואס איז מיר פארבליבן אויף אויסצוויינען מיין ווי?... ארויסברענגען איר נשמה.

„מענטשן נישט פון דער וועלט"

שוין 40 יאר טראג איך אין זיך די געשטאלטן פון דריי פאליאקן, וועלכע איך האב קיינמאל אין מיין לעבן נישט געזען, אבער וואס זענען מיר נאענט

* פראגמענטן פון די בילדער: 1, 7, 8 זענען אויפגעפירט געווארן אין דעניש אין סעפטעמבער 1979 אין קאפנהאגן אין „דראמאטיקער סטודיע" אונטער דער רעזשי פון מעבעלע ארנסטרוים.

װי לײַבלער־אײגענע, אַלץ װאָס איך װײס װעגן זײ, איז פֿון די רײד פֿון מײַן פֿרוי קלאַראַ.

אין 1946 אין לאָדזש האָט זי װי אַ מיטאַרבעטערין פֿון דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין משך פֿון עטלעכע חדשים פֿאַרשריבן די איבערלעבענישן פֿון מאַריאַן נײַבערג, װאָס האָט אַלס יוגנטלעכער אין 1943 אָנטײל גענומען אין אױפֿשטאַנד פֿון װאַרשעװער געטאָ און שפּעטער זיך אױסבאַהאַלטן אױף דער אַזױ־גערופֿענער אַרישער זײַט. ער געפֿינט זיך איצט אין ישׂראל.

פֿון זײַן רעלאַציע האָב איך אױפֿגעבױט דאָס ערשטע און צװײטע בילד פֿון מײַן דראַמע. די רעשט איז שױן בלױז ליטעראַרישע װירקלעכקײט.

װאָס מיך האָט באַזונדערס פֿאַרכאַפּט אין די געשטאַלטן פֿון די פּאָליאַקן, איז זײער עכט־קריסטלעכע מסירות־נפֿש אין ראַטעװען דאָס לעבן פֿון נײַבערגן, זײער סטאָיִשע גרײטקײט צו פֿאַרלירן דאָס אײגענע לעבן בעת אַ דורכפֿאַל. בפֿרט, װען די פּױלישע סבֿיבֿה איז געװען פֿאַרסמט דורך יאָרהונדערטער אױפֿגעהאָדעװעטן אײגענעם אַנטיסעמיטיזם, געפּפֿלט אױף זײַן דײַטש־ראַסיסטישן עטאַפּ פֿון פֿעלקערמאָרד.

שױן די ביבלישע לעגענדע װאַרפֿט אַ שײַן אױף דעם מין מענטש, זי װײסט צו דערצײלן, אַז גאָט האָט צוגעזאָגט אבֿרהמען נישט חרובֿ מאַכן סדום, די שטאָט פֿון רשעים, אױב אין איר װעלן זיך געפֿינען צען אָרנטלעכע מענטשן. אין ישׂראל װערט די דאָזיקע מענטשן אָפּגעגעבן גרױס כּבֿוד, עס װאַקסט אַ װאַלד בײמער מיט זײערע נעמען...

די מענטשלעכע קולטור איז אין איר היסטאָרישן װוּקס אַ זיפּ, װעלכע לאָזט אַדורך דעם זאַמד און פֿאַרהאַלט די פּערל.

מיר ציִען צו זיך די פּערל...

„דער צװײטער שאָס און די װײַטערדיקע"

בעת דער אַרבעט איבער מײַן עקאָנאָמיש־װיסנשאַפֿטלער בוך „די געמישטע װירטשאַפֿט נעפּ און איר גורל",* האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אױפֿן טאָג־בוך, געפֿירט דורך לענינס סעקרעטאַרן, װאָס האָבן דערזשורירט בײַ אים בעת דעם ערשטן עטאַפּ פֿון זײַן קרענק, פֿון סעפּטעמבער 1922 ביז מערץ 1923.

דאָס טאָג־בוך, אַ היסטאָרישער דאָקומענט, איז נישט בלױז אַ גענױע רעלאַציע פֿון דער פּאָליטישער אַטמאָספֿער, װאָס איז אַנטשטאַנען בעת לענין האָט דיקטירט די סעקרעטאַרן זײַנע אַרבעטן, זײַן אידעיִש־פּאָליטישן טעסטאַמענט — נאָר עס

* Michal Mirski, The Mixed Economy NEP and its Lot, Copenhagen University. Slavonic Institut, 1984.

איז גלײַכצײַטיק אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זײַנע פּערזענלעכע טראַגישע איבערלעבענישן, פֿאַרבונדענע מיטן שטײַגן פֿון פּאַראַליזש.

דאָס טאָג־בוך אַנהאַלט אַזאַ דראַמאַטישן שטאָף, וואָס האָט פֿאַסצינירט מײַן פּסיכיש וועזן.

כּמעט אַלע געשעענישן, קאָנפֿליקטן, געשפּרעכן, געשילדערטע אין מײַן דראַמע, זענען געשטיצט אויף די היסטאָרישע פֿאַקטן, פֿאַרשריבענע אינעם טאָג־בוך.

אָבער איך האַלט, אַז קינסטלערישע פּלאַסטישקייט דורכן שילדערן ד ע ם מ ע נ ט ש, דעם יחיד, איז אַן אינטוויטיווער שפּרונג איבער דער וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש.

„ליבשאַפֿט און שטראָף“

צײַט איז נישט בלויז אַן אָביעקטיווע קאַטעגאָריע, נאָר אויך אַ סוביעקטיווע. ווי ריכטיק דאָס איז, זאָגן עדות פֿאַקטן, אַז אין פֿאַרשידענע צײַטן ווערן אַנדערש געלייענט און אויפֿגענומען געשעענישן. נישט בלויז יעדער דור האָט זיך זײַנע אויגן און זײַן עמאָציאָנעלע וועלט, נאָר אויך דער י ח י ד דערקענט אַנדערש די וועלט אין פֿאַרשידענע צײַטן.

שמעון פֿרוגס באַלאַדע „דעם שמשס טאָכטער“, האָב איך געלייענט זיכער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. ווען אָבער מײַן פֿרוי קלאַראַ האָט, אין 1965, בעת דער אַנטהילונג פֿון דער מצבה פֿון אונזער טאָכטער מייקע, דערמאָנט די ייִדישע לעגענדע, איבערגעדיכטעט דורך פֿרוגן אין זײַן באַלאַדע, האָב איך פּלוצים אַנדערש ווי פֿריִער אָפּגעפֿילט און אַנדערש פֿאַרשטאַנען איר תּוך און איר זין. און ווען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1985, שוין אין קאָפּנהאַגן, האָט די באַגאַבטע און אינטעליגענטע לעקטאָרין, שרה ווייס, אויף אַן אָוונט אין „קלוב בליידאַמסוויי 74“, געווידמעט דעם שאַפֿן פֿון שמעון פֿרוג, איבער־געלייענט זײַן באַלאַדע „דעם שמשס טאָכטער“, האָב איך די לעגענדע דערזען אין די פֿאַרבן פֿון אונזער צײַט. די מיסטישע געשטאַלט פֿון דעם שמשס טאָכטער און די רעאַליסטיש־טראַגיקע געשטאַלט פֿונעם רב האָב איך דערזען אין זייער דראַמאַטישער קאָליזיע, אין זייער כאַראַקטער־קעגנזעצלעכקייט. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון מיר אַ תּיקון. האָב איך אים מקיים געווען.

און צום סוף — אַן אַלגעמיינע באַמערקונג. ווען איך האָב דאָ־נישט־לאַנג געטראַכט וועגן כאַראַקטער פֿון אַלע מײַנע פֿינעף דראַמען, האָב איך פּלוצים, פֿאַר מיר אומדערוואַרט, באַמערקט זייערע צוויי גרונטיקע אייגנשאַפֿטן: כּמעט אַלע ענדיקן זיך מיט טויט, און מיטן אויסנאַם פֿון דער דראַמע „דער צווייטער שאָס און די ווײַטערדיקע“ ברענגט יעדע פֿון זיי אַרויס אין צענטער פֿון שפּיל אַ טאָכטער און אַ פֿאָטער.

איז דאָס צופאַל? איך מיין, אַז נישט. וואָס האָט דערצו גורם געווען, דערויף האָב איך נישט קיין ענטפער... איך בין נישט קיין מיסטיקער. איך בין אַ ראַציאָ־נאַליסט. און דאָך זענען נאָך פאַרהוילן די סודות פון קינסטלערישן שאַפן אַפילו ווען דער מחבר קאָן אָנווייַזן אויף אינספּיראַציעס...

מ. מ.

אינהאַלט:

	זייט
דער חשבון דראמע אין 11 בילדער	5
דער נדר, ביבלישער מאָטיוו,	
דראַמע אין 8 בילדער	53
מענטשן נישט פון דער וועלט...	
דראַמע אין 9 בילדער	99
דער צווייטער שאָס און די ווײַטערדיקע...	
דראַמע אין 15 בילדער מיט אַן עפּילאָג	137
ליבשאַפט און שטראָף	
דראַמע אין 11 בילדער מיט אַ פּראָלאָג	189
נאָכוואָרט	215